פישל ובעלה של טייבל הסכימו. החלטנו לקפוץ מן הקרון, אבל ברגע האחרון התחילו נשיהם לבכות ואמרו:

— לא! אל תשאירו אותנו לבד, נהיה ביחד.

אני נפרדתי מהם ורציתי להתקרב אל האשנב הקטן ולקפוץ ממנו, אבל האנשים שעמדו לידו לא נתנו לי להתקרב אליו וזרקוני בכוח בחזרה למקומי. הם



מרים ברומר, חינקה ביגון וטייבל וילודזאנסקי

פחדו שמא יענישו אותם אם ירגישו באחד שנמלט. הרכבת התקדמה במהירות למקום המיועד. לאחר נסיעה של יממה הגענו אל תחנת הרכבת של אושביץ. נפגשנו במציאות המרה; הקרונות נפתחו, הפנוי התחיל... אנשים שבורים ורצוצים צמאי־אור ואוויר יצאו בקרשי מן הקרונות האפלים לאור־השמש. פקחו את עיניהם והסתכלו סביב, לדעת לאן הביאום. עוד לא הספיקו להתאושש ויד אכזרית כבר פגעה בהם. הרעש והבהלה גדלו והפחד גבר, אנשי הגיסטאפו הפרידו בין גברים ונשים. הלב חדל לפעום ועינינו חשכו בראותנו את חיות הטרף הנאציות מוציאות בכוח ילדים וטף מזרועות האמהות. תופסים בידיהם ורגליהם וזורקים אותם על מכוניות־משא שעמדו הכן להובילם אל כבשני־האש. ראינו איך הוציאו מן הקרונות את גופות האנשים שמתו ונחנקו בדרך הארוכה. אותו רגע קנאנו בהם וחשבנו, כמה טוב להם שכבר גמרו... הנאצים עדיין המשיכו בסדרים שעשו בקהל העומד ומחכה ברחבה של תחנת הרכבת. הם בוחרים משתי השורות, מי לחיים ומי למות. אנשים מבוהלים וחרדים נסו להתנגד לגורל ורצו משורה לשורה מבלי לדעת במה לבחור. אולם אלות־הגומי של הרוצחים נמתחו על גופות האומללים, הפריעו לרכוז מחשבותיהם ולריצתם. האנשים הנדונים למוות קבלו פקודה צרחנית מרעידה מפי חיה נאצית לעלות בריצה על מכוניות־משא הנעות לכוון כבשני האש. כל אחד ידע לאן הוא מובל, והוא נפרד מקיריו בבכי מר וביללה, בנפנוף ידיו מרחוק. השיירה עזבה את השטח, אולם הצעקות והבכי של האומללים שהובלו למוות עדיין רחפו באוויר, החרישו את אזנינו והחרידו את לבותינו. למזלי נכללתי בין הנשארים לחיים. הנאצים הובילו אותנו בכיוון המחנה. צעדנו שבורים ורצוצים, ברגלים כושלות, לפי הפקודה. הגענו אל מחנה אושביץ. בלילה הכניסונו לבית־מרחץ שחלונותיו היו בלי שמשות ובפנים היה קר מאד. פשטו את בגדינו והשאירונו ערומות. גלחו את ראשנו, הכניסונו לחדר הרחצה, שם חכו לנו נשים של ס. א. ומקלחות של מי־קרח. כל אחת בקשה לעצמה את המוות. אחרי המקלחת הקרה השאירונו ערומות ורטובות בחדר אחד, שחדרו לתוכו שלג ורוח. נקישת השיניים הת־



לאה׳קה ליבלינג, פייגל ברלקובסקי ושיינה סוקולסקי

מזגה בילְלת הרוח ובבכי המר. כעבור שעות התחילו צעירות סלובקיות, שהיו ותיקות במחנה, לקעקע מספרים על ידינו. בגמר הפעולה הזאת, החלה חלוקת הבגדים. הביאו ערמה שלמה של בגדים קרועים ובלויים; לבני־גברים, מכנסיים של שבויי־מלחמה, ומעילים קרועים. בחלקי נפל מעיל קיצי קטן שהגיע עד הברכיים, ומטפחת ראש קטנה שכסתה רק מחצית ראשי המגולח. הסתכלנו זו בזו ולא הכרנו את עצמנו; נראינו כמתים שקמו מן הקבר. על בגדינו תפרו את המספר האישי, ומכאן והלאה נגנזו השמות הפרטיים, והסימן היחידי היה „המספר האישי”. לפיו זהינו את עצמנו.

עמדתי עם בחורה סלובקית, לבושה טוב, מן הותיקות במקום; לשאלתי על המתרחש במחנה, היא עונה:

— רק המות יגאל אתכם מן הצרות האלה. מה שהנאציות אינן מספיקות לעשות משלימים הזוהמה, הרעב והכינים האוכלים אותנו חיים.

בשמעי דברים אלה בקשתי ממנה שתביא לי סכין או מכשיר חד שאוכל לשים בו קץ לחיי. והיא ענתה בקרירות:

— לא אני נתתי לך את חייך ולא אני אשים קץ להם.

אח״כ ביקשה ממני ללכת כי אסור לה לדבר אתי. זזתי והתישבתי בפנה נדחת, שבורה ורצוצה וחסרת כל חשק להמשיך בחיים אלה. אותה שעה התיחדתי עם הורי האומללים, עם אחי ואחיותי שלא היו כבר בחיים, וקנאתי בהם שכבר עברו על כל התלאות. אחרי חצות הודיעו לנו שיעבירונו ל„בלוקים”, שם נקבל מטות ונוכל לנוח. שמחנו לבשורה החדשה, כי כל אחת מאתנו היתה עיפה ומעונה עד כדי כך, שרצתה לעצום את עיניה ולהרדם לנצח. אחרי הליכה של כמה רגעים הכניסונו לצריף, שלא היו בו חלונות ודלתות, מלא בוץ עד הברכיים, חושך וצלמוות שררו בכל. קבלנו פקודה לעלות על המטות, העשויות קרשי־עץ, בשלוש קומות. עלינו על המטות. שמיכות ומזרונים לא היו בתוכן, רק קרשים מזוהמים, שאי־אפשר היה לשכב עליהם. הצעקות והבכי מלאו את הצריף; כל אחד ביקש את נפשו למות. קיבלנו פקודה לשכב, שכבנו 2 בחורות במטה, כדי שנוכל להתחמם קצת, כי רעדנו כולנו מקור. אחרי שעתיים של שכיבה כזאת נשמעה שריקה חזקה וצעקות „צייל אפעל!” לא ידענו מה פרוש של דבר זה. הבנות שהיו בבלוק מקודם אמרו לנו לרדת מן המטות ולצאת החוצה. העמידו אותנו בשורה, בחמישיות. משעה שלוש אחר חצות עד שמונה בבוקר עמדנו בכפור החזק, שהקפיא את גופותינו ולא הורשה לנו לזוז מן המקום. המון נשים קפאו בו במקום.

זאת היתה פגישתנו הראשונה עם „החיים החדשים” במחנה־המוות של אושביץ. לאחר ימים מספר התחילו לפזרנו לבלוקים שונים, רצתי מצריף אל

צריף לחפש מכרים מעיירתנו. בהכנסי באחד הבלוקים שמעתי שקראו בשמי. לבי דפק בחזקה, הרמתי את עיני וראיתי תמונה מחרידה: על מטה אחת למעלה, בקומה השלישית, ישבו: חינקה ביגון, זינה הלפרין, גולדה שקלאר, טייבל וילודז׳נסקי ואחיותיה פריידל וחיה, ולייקה ליבלינג. במטה אחרת מצאתי את סגניה וינר, סוניה טרשצ׳נסקי, רבקה פולק ושתי אחיותיה הקטנות משה׳לה ומירקה. משפחת קרמר: אמא ינטה ובנותיה פריידל, חנה׳לה הקטנה ורוחצ׳ה חברתנו הטובה מסוחובולה. זה היה ביום ראשון בשבוע; כולן ישבו על המטות ערומות עד למחצה ופולות בעצמן את הכי־נים שנטפלו לגופן. מרוב התרגשות פרצנו בבכי מר. המשכתי הלאה, פגשתי את שיינה־רבקה בילק ואחו־תה ציפקה, את מרי זלה ואחותה ברכה, את דובקה צבולה ואחותה חיה־ליבע, שיינה פיינברג, אלקה סו־קולסקי, ליבה פלוטניק, ביילה צבולה, חיה שרה רודס־קי ונחה ברומר, בסוף פגשתי את יהודית פופלבסקי, שהתקשרתי אתה בקשרי ידידות ונשארנו יחד כל הזמן. לאחר זמן קצר נשאר בחיים רק חלק קטן מכל אלה שהזכרתי.

סופה של לייקה ליבלינג, שראיתי במו עיני, נחרת בזכרוני: היא הרגישה טוב במשך כל הזמן והיתה גם לבושה טוב. בבוקר אחד עמדה יחד אתנו בשורה לפני צאתנו לעבודה, והרגישה ברע, נפלה ולא קמה יותר. השארנו אותה שוכבת בבוץ ויצאנו לעבודה. מרחוק ראינו שאשה אחת מורידה את נעליה, שהיו לה נעליים טובות. היא היתה עדיין בחיים. חינקה ביגון הלכה אתי ועם יהודית פופלבסקי לעבודה עד היום האחרון. בזמן העבודה הרגישה ברע ולא יכלה להמשיך. הפצרנו בה להתגבר, אבל היא לא יכלה יותר והבאנו אותה חזרה על הידים למחנה, ושם מצאה את מותה.

התאורים שהעליתי על הניר הם כאין וכאפס לגבי המציאות המרה, ואין פלא שרק בודדים מעיירתנו סוחובולה הצליחו בנס, להשאר בחיים. כל אשר עבר עלינו לא ימחה מזכרוננו, ותמיד הנני רואה לנגד עיני את יקירי, הקרובים והרחוקים, בני עיירתי הטובלים בים של צרות ועינויים, מבקשים ישע וצועקים: נקם!!!...



עומדות: **חינקה ביגון וחנה קרוצל** יושבים: **חיים אייזנשטט** (נכדו של משה׳קה קרוצל) **שרה ומשה סוכובולסקי** (בני וולוול) **אסתר׳קה קרוצל** (הילדה של יודל) **שרה־לה פעשדנסקי** (בת דינה׳קה) **מלכה־לה חזנסקי** (בת חיה)

דברי־עדות

אמא



חנה פופלבסקי

את דרכנו האחרונה ברכבת אל כבשני ההשמדה לא אשכח לעולמים. אזכרה ,איך סעדנו ביחד בפעם האחרונה, מן הלחם אשר הרוצחים הגישו לנו. וזה הדבר אשר הטעה את מחשבותינו כל הדרך: „אם לחם הגישו לנו, בודאי לחיים יובילונו"..

דרך אשנב קטן של הקרון שאלנו מפי האנשים: לאן הדרך מובילה? ל„סבון" — היתה התשובה.

לא אשכח לעד את מבטך, אמא, עת הובאנו ל„תח־נה האחרונה", ממנה לא ישובו עוד...

הרוצחים, מקל־חובלים ביד; הפרידו בינינו, בלי להרשות לנו לחיצת־יד אחרונה... הם פצעו את נש־מתי, והפצע כה עמוק שאף פעם לא יגליד והכאב כה חזק, שלעולם לא ירפה ממי.

אמא, עודני רואה את מבטך האחרון, אז הבינות, אמא, שלא תראיני עוד. הבינותי גם אני, שהרוצחים לנצח הפרידו בינינו.

לא אשכחך, אמא.

יהודית פופלבסקי־בורשטין

„קשרית" — במחתרת

בתשיעי למאי 1939 עזבה קבוצת בחורות: פייצה רבוב (בתו של הירשקה האופה) שיינה־לאה'קה קרו־לינסקי ואני, את סוחובוליה בדרכנו ל„קבוץ בורו־כוב" בלודז. בהפרדי אז מקרובי, לא פללתי שזו הפעם האחרונה להיותנו יחד, אע"פ שכבר דברו על מלחמה. והנה לא הספקנו לנוח בקבוץ ופרצה המלחמה. יחד עם כל חברי הקבוץ עזבתי את לודז, במטרה להגיע לוארשה, נדדנו בדרך חודש ימים ועם סגירת הגיטו בלודז באנו לווארשה למעון החלוצים, בדזילנה 34. ובקום קבוצות לוחמי הגיטו עבדתי בתור קשרית. חודש לפני פרוץ המרד האחרון קבלתי פקודה לעבור לצד הארי ל„בונקר". שאליו נשלחו 2 מ„האקטיב" מכל תנועה בתקוה שהם ישארו בחיים. הבונקר נועד להיות מקלט ללוחמים, שיצליחו לעבור לצד הארי. בשעת

המרד, כשאחד הלוחמים הגיע אלינו פצוע קשה, הרגישו בו הפולנים והודיעו לגיסטפו. אחרי חיפוש במשך יום גילו את מחבואנו וכשהובילו אותנו ל„אומשלאג־פלאץ” הצליח הלוחם הפצוע לברוח ואותנו הובילו למידאנק, ואחרי חודש ימים לאושביץ. במחנה גלחו את ראשי, הלבישוני סמרטוטים ושלחוני לעבודה ב„קומנדו 103” (טאט־קומאנדא), סחבנו אבנים ולבנים לבנין הסתדרנו בחמשיות וליד כל שתי חמשיות התהלך גרמני עם כלב, ומי שעמד לרגע לשאוף אויר, טרפו הכלב לגזרים. שלשה חדשים עבדנו בתנאים איומים אלה, חליתי, קבלתי חום גבוה וכאבי־בטן ונשארתי בבלוק בידעי שבאם אלך „לכוויר”(?) (בית החולים) לא אחזור משם בחיים. אכן, עשיתי לי חשבון פשוט, שלפני שיקחו אותי ל„קרמטוריון” אספיק לישון קצת ולנוח, ושניתי את דעתי והלכתי. פגשתי שם בחורה מקראקא, שהכרתיה מוארשה. היא לקחתני אתה, רחצה אותי, נתנה לי פיז׳מה נקיה והשכיבה אותי לישון ב„נארה” (אצטבא) שלה. ישנתי 12 שעות רצופות. הבחורה הזאת, רייזה, ספרה לי שבהפסקות של רגעים באה לראות, אם אני נושמת. אחרי שבוע ימים הבראתי קצת, ובאחד הימים נגשה הבחורה אלי, נתנה לי בגדים ואמרה „מאשה, התלבשי, צריכה להיות „סלקציה”. כשיבוא הגרמני תעשי עצמך כעובדת”. כשאני נזכרת באותו יום, עובר בי רעד. הצעקות, הבכי, התפילות בכל לשון, בקשת הרחמים. זה היה נורא ואיום. שעה־שעתיים הסתובבתי בין החולים, והגרמני לא בא. והנה בעלותי על „נארה” לחמם מים רתוחים לנערה גוססת, נכנס פתאום הגרמני בלוית הרופאה היהודיה מסלובקיה, ד״ר אנה. נבהלתי ולא ידעתי מה לעשות. לרדת לא הספקתי, ולכן נשארתי במקומי. שמעתי שהגרמני אומר למפקחת־הצריף „וואַס מאַכט דיזע קליינע היער”. (מה עושה כאן הקטנה הזאת ?), והיא עונה לו שאני בת־אחותה מפולין. כשהגרמני הסתלק, ירדתי ונכנסתי לחדר ה„בלוקובה” (המפקחת) והנה כולם נשקו לי ואמרו „מאשה, נצלת ממות”. גם לי נודע שהגרמני אמר להעבירני ל„בלוק־הבראה” ושהוא אחראי לי, והוא בחר עוד שתי ילדות להצילן. זאת היתה סנסציה בכל בית־החולים ומאז הוטב מצבי. לא רעבתי, הייתי מלובשת נקי ועזרתי גם לחברותי. אז ידעתי שאני אשאר בחיים, כל זמן שישאר יהודי אחד באושביץ, בינואר 1945, כשהצבא האדום התקרב לשערי אושביץ, נתנו הגרמנים פקודה היכול ללכת, — יעזוב את המחנה. אני יחד עם שתי חברות, „השומר הצעיר” החלטנו להשאר במקום. ב־15 בינואר 1945 נכנס הצבא האדום לאושביץ. לאחר שבוע יצאתי לדרך, יחד עם חברותי. אחרי טלטולים רבים הגענו לביאליסטוק, שם נודע לי שדודי משה, איטשי־ברל פרבשטיין ויצחק קאליקו נשארו בחיים. בפגישתנו נודעו לי כל הפרטים על גורל משפחתי, והחלטתי לצאת לסוחובוליה. נסעתי בעגלה עם דודי, פרבשטיין ויצחק קאליקו. לא תתואר הרגשתי האיומה, במצאי את סוחובולה עיר מולדתי עומדת על תלה וריקה מיהודים... הובילונו אל סנארסקי, בעל טחנת־קמח בקרפוביץ, שגר בביתו של חצקל טוביה׳ס. בקרתי גם בבית משפחת כהן, כמעט רוב הבתים עמדו. בית־הכנסת הגדול (ה„שוהל”) נהרס כליל, בית־הכנסת על יד בית־הספר עמד ריק. דברתי עם גויים אחדים, כל אחד היה „טוב וחסוד” שהיתי בסוחובולה שבועיים. באותו זמן הרגו הפולנים בדומברובה בחור אחד, דוד ווינשטיין, שיצא אתי מביאליסטוק. וסנארסקי אמר לי שרצוי שאעזוב את העיירה, כי הוא מפחד בגללי. ברוח נכאה עזבתי את סוחובולה. הגעתי לביאליסטוק ונפגשתי עם אנטק צוקרמן — ממפקדי מרד הגיטו בוארשה, וממנו נודע לי, שנתקבל עבורי „סרטיפיקט” (רשיון־עליה) ושעלי לצאת לדרך. בבואי לצ׳כיה קבלתי פקודה לעזור בהעברת קבוצות יהודים מפולין עד הונגריה. אחרי חדשיים שוב נפגשתי עם אנטק וצביה, שהטילו עלי תפקיד חדש, לעבור לבוקרשט, במקום שהיתה נקודת־רכוז של ילדים יהודים. עבדתי שם בקבוצת ילדים עד עלותנו ארצה, ב־10 באוקטובר 1945.

מאשה פישר־באגנר

פייצ'ה רבוב — אחת הלוחמות

פייצה (צפורה) רבוב נולדה בסוחובולה, ב־1921 להורים עניים, ומטופלים בילדים. הצטיינה בלמודיה בבית־הספר הפולני. בהיותה בת 15 הצטרפה לתנועת „החלוץ” ופעלה בסניף באהבה ובמסירות. היתה ערה ואהובה בחוג החברים. ב־1939 יצאה להכשרה ל„קבוץ לודז”.

בזמן הכבוש הנאצי הייתה בין 6 החברות בלודז שהוטל עליהן לשמור על עניני הקבוץ והתנועה. עברה לוארשה. הייתה בקבוץ החקלאי ע"ש צ'רניאקוב, ע"י וארשה. כחברת פלוגה לוחמת של „דרור” היתה פעילה במחתרת התנועה ומסורה לעניני הארגון היהודי הלוחם. ביומנו של שמחה ראטהויזר נזכר שהיא נלחמה בימי מרד הגיטו בשטח המברשתנים. אחרי דכוי המרד סירבה לעזוב את איזור הגיטו, כי לא רצתה להפרד מעם חברה נחום גוטמן, שנפצע והיא נשארה אחרי 10 במאי 1943 עם שרידי הלוחמים בגיטו המרכזי שהמשיכו להתגונן. ברשימת הנופלים בקרב הגיטו — נזכר שמה.

אחד המורדים

ראובן רוזנברג אשר יד ושם לו בתולדות מרד הגיטאות בפולין, הוא נכדו של ר' משה פוטיאל. וכשם שזקנו היה יהודי מכובד, עסקן שכלו היה נתון לרשות הצבור ללא לאות וללא מתן שכר בצדו — כך היה גם נכדו, אשר ינק מעמקי הנפש. נתקיים בו תורה וגדולה במקום אחד. עוד בשחר נעוריו, נכנס ל„חלוץ הצעיר” והתמסר לפעולה בכל להט לבו ונבאו לו גדולות. בימי השואה נתאמתו הדברים. „לוחמי הגיטאות והפרטיזנים” הנמצאים בארץ מציינים בהערצה את פעולותיו הנפלאות. שהדיהם הגיעו בדרך המחתרת לידי ועד־ההצלה ולהסתדרות העובדים בארץ. פעולותיו המרובות והאחריות הגדולה שהוטלה על שכם צעיר זה בימים הקודרים של השואה הלא הן כתובות בספרי התקופה:

„רוזנברג ראובן (רובצ'יק) יליד סוחובולה, חניך „החלוץ הצעיר”. ממקימי מחתרת „דרור” בביאליסטוק „מפעילי „ארגון לוחמים”. בפרוץ המרד בגיטו ב־17 באוגוסט 1943 נשלח בראש קבוצת לוחמים לפוצץ את בנין היודנראט בו השתכנה המפקדה הגרמנית. פרטי מותו לא ידועים והוא כבן עשרים ושתים”.

בספר „חורבן ומרד של יהודי ורשה” (דף 403) כתוב לאמור:

„רוזנברג ראובן (ראובנצ'יק) נולד בסוחובוליה מחוז ביאליסטוק ב־1921 למשפחת עשרים מיוחסת. „אביו מכובד ומעורב בכל עניני הצבור במקומו, מאוהדי „התנועה הרביזיוניסטית. נער גבה־קומה, יפה וחינני ושחור תלתלים. פונק בילדותו. כבן 13 גמר בית־ספר „תרבות” ונסע ללמוד בגמנסיה העברית בביאליסטוק. אך עם הרעת מצבם של הוריו, הפסיק למודיו וחזר לעיירתו; ועבד כמנהל חשבונות בתחנת החשמל של העירה. בתקופה זו עבר מן ה„חלוץ־הצעיר” לחלוץ. נבחר מזכיר הסניף ודאג ל„פעולות התרבות”. הוריו לא ראו בעין טובה את פעולותיו ב„החלוץ” ובפרט הם מקשים על יציאתו להכשרה. ב־1938 אירגן יחד עם בן הרב קבוצה של בחורים ויצאו להכשרה ללודז. מלא מרץ ויזמה, התלהב מהחיים החדשים, היה ער לכל שאלות הקבוץ אהוב על כולם כבן זקונים (נקרא בשם חיבה ראובצ'יק וכך גם במכתב ה„חלוץ” בפולין מ־15 בנובמבר 1943 להסתדרות העובדים בארץ־ישראל, בו צויין שם זה בלבד בלי שם המשפחה). בבת־צחוק על פניו ידע להבליג על כל הקשיים בתנאי ההכשרה והיה מופת לבוגרים ממנו. עם המלחמה המשיך פעילותו כאחת העסקנים המרכזיים בתנועה המחתרת. בביאליסטוק, העיר והמחוז, בין משתתפי ה„ההתגוננות בביאליסטוק, עד שנפל והוא בן 22.”

ב„פאָרווערטס” כותב עליו ד"ר י. שורצברט במאמרו „אין די טעג פון אויפשטאַנד פון ווארשעווער געטאָ”:

„ראובן ראָזענבערג, געבוירן אין סוכאָוואָליע, לעבן ביאַליסטאָק, אין יאָר 1921. ער האָט געשטאַמט

פון אַ זייער רייכער חסידישער משפחה. ער האָט געענדיקט די תרבות פאָלקס־שול און דאַן צוגע־שטאַנען צו דער החלוץ אָרגאַניזאַציע. בעת דעם קריג איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פון א ביולעטין, וואָס איז פארשפרייט געוואָרן צווישן דער גאנצער יידישער אונטערגרונט־באַוועגונג אין פוילן. דעם דאָזיגן ביולעטין האָט ער צוזאמענגעשטעלט אויפ סמך פון ידיעות פון א געהיימען ראַדיאָ פון אויסלאַנד. בעת דעם אויפשטאַנד איז זיין אויפגאַבע געווען צו פאַרטיילן די וואַפן צווישן די זעלנער פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג. באוואָפנט מיט 2 רעוואָל־וועערס איז ער געפאַלן ביי אַן אַטאַקע אויף די דייט־שן, בעת ער האָט געפראוווט זיך דורכרייסן דורך די מויערן פון געטאָ. ער איז אַלט געווען 22 יאָר.

ויתר הפרטים על אישיותו ודמותו של גבור ולו־חם זה, מובאים בספרים אלה: א. „אנשי המחתרת" — חייקה גרוסמן; ב. „דפים מן הדליקה" — מרדכי טננ־בוים; ג. „דער אויפשטאַנד פון די ביאַליסטאָקער יידן" — ב. מארק.

משה

געווען אמאל א שטעטל

טריט ביי טריט

פון **יענקל טשעראָוו** (דעטראָיט)

סוכאָוואָליע, אַ שטעטל ווי אַלע קליינע שטעטלעך אין תחום המושב. אַ בית־עולם, אַ וואַסער־מיל, אַ טייך — אָט דאָס איז דער ערשטער קבלת־פנים. דער בית־עולם איז שוין געווען זייער אַלט. נאָך מיט אַ יובל צוריק איז שוין מער קיין פּלאַץ נישט געווען פאַר נייע קברים. איז דער בית־עולם פאַרגרעסערט געוואָרן. מען האָט צוגעקויפט אַ שטיק פעלד, איינגעלייגט אַ פּאַרקאַן און געמאַכט אַ נייעם. געדינט האָט דער בית־עולם פאַר פאַרשידענע צוועקן: אַ מקום נאָכן אויסלעבן די יאָרן, אין ראש־חודש אלול — אויף קבר־אבות, תשעה־באב נאָך די קינות — באַזוכן פריינד, פאַרן קליינוואַרג — אַריינצושטעקן אין די קברים די היימיש־געמאַכטע שווערדלעך, און רייסן די ניס, וואָס זענען דאָרט געוואַקסן, אָבער קיינער האָט קיינמאָל נישט געפּרוווט זיי עסן, טאַקע צוליב דעם, וואָס זיי קומען פון „גוטן אָרט". ווי ביים לעבן, אַזוי אויך נאָכן טויט זענען די טויטע דאָרט געווען איינגעטיילט אין קלאַסן: יחסנים, מיטעלע און „עמך". אויב עמיץ האָט זיך פאַרשולדיקט ביים קהל, האָט די חברה קדישא אויפגעמאָנט דעם חוב פון די יורשים, איידער מען האָט אים מקבר געווען. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום טענות. דער בר־מינן האָט געקענט לאַנג ליגן, און חברה האָט זיך נישט גערירט פון אָרט ביז אַלץ איז נישט געוואָרן געסילוקט. אַזאַ דין וחשבון האָבן זיי געפאָדערט נאָר דעמאָלט, ווען איינער איז געווען אַ פרוש מן הצבור צוליב קאַרגשאַפט.

דאָס ווערן אַ חברה־קדישאָ־מאַן איז אַריבער בירושה און איז געווען פאַרבונדן מיט יחוס און כבוד. עס זענען אויך געווען פאַלן פון „קבורת חמור". ד.ה באַגראָבן ביים פאַרקאַן. אָבער דאָס איז פאָרגעקומען זייער זעלטן. עס פלעגט טרעפן, אַז אַ חולה איז געווען מסוכן און די דאָקטוירים האָבן אים „אויפגעגעבן", זענען דעמאָלט געבליבן צוויי לעצטע מיטלען אויף אַרויסצורייסן דעם חולה פון מלאך־המות'ס נעגל: יאָמערן אין שול ביים אָרון־קודש, אָדער „רייסן קברים". דאָס איז געווען די אַרבעט פאַר די נאָענטסטע פון דער משפחה.

אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט געהערט צו קהל, נאָר פאַר די לעבעדיקע, איז געווען די שטאָטישע באָד. זי האָט זיך געפונען נעבן דער שול, וווּ עס איז אויך געווען די שטאָטישע מקוה. פרייטיק איז די באָד געוואָרן באַזוכט פון אַלע פאַר אַ אָפּצאָל פון פינף קאָפּיקעס. מען האָט באַקומען אַ שעפל אויף וואַסער און אַ בעזים צום פאַרען און שמייסן זיך.

די חזקה אויף דער באָד האָט געהאַט גדליהו דער בעדער, וועלכער איז חוץ דעם אויך געווען דער שול־שמש. זיין אַרבעט איז געווען אַכטונג צו געבן אויף דער שול און יעדן פרייטיק־פאַרנאַכט רופן: „אי־ין ש־ו־ל א־ר־יי־ן!" קליין און גרויס האָט געקענט דעם ניגון זיינעם. אין די סליחות־טעג פלעגט ער פאַרטאָג קלאַפּן אין די לאָדנס און רופן מיטן סקאַרבאָוון ניגון „אויפ־שטיין לעבודת הבורא". דערפאַר האָט מען אים אויך גערופן גדליהו דער שמש. אַן גדליהו'ן איז נישט פאָרגעקומען קיין חתונה קיין ברית. נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט אַ פּאָר כוסות פלעגט ער געבן אַ געשריי: „לחיים, געלעבט!" ער איז געווען אויך שטאָטישער קברן. ווען ער איז געגאַנגען אויף דער „גרעבליע" מיטן רידל, האָבן אַלע געוווּסט, אַז עס איז אַ לויה.

צו קהל האָט אויך געהערט די „קאַראָבקע", אַ אָפּצאָל, וואָס די מלוכה האָט גענומען פון כשר פלייש,

כדי צו קריגן דערויף די קאָנצעסיע, פלעגט איינמאָל אין יאָר פאָרן קיין סאָקאָלקע אויף אַ ליציטאַציע. נישט איינמאָל פלעגט אַזאַ בעל־קאָראָבקע אַפילו זיין געלט נישט צוריקקריגן — דאָס שטעטל האָט געפונען אַ וועג ווי אַזוי אַרויסצודרייען זיך פונעם אָפּצאָל. היות די פוילישע שטעטלעך זענען געווען פריי פון דאָזיקן אָפּצאָל, האָט אַזאַ שטעטל ווי שטאַבין פאַרפלייצט סוכאָוואָליע מיט ביליק פלייש. דערפאַר פלעגן די בעלי־קאָראָבקעס שטיין אויפן וועג אויסער דער שטאָט און זוכן אין יעדער פור, צי זי ברענגט נישט קיין פלייש. זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט דאָס פלייש צו קאָנפיסקירן. דאָך איז גענוג פלייש אַריינגעקומען אויף אַזאַ אופן. די רבנים פלעגן אַמאָל צוהילף קומען און אַרויסגעבן אַן איסור אויף שחיטת־חוץ.

2. שולן און בתי־מדרשים

דאָס שטעטל איז געווען איינגעטיילט אין צוויי טיילן: „אַראָפּ״ און „באַרג״. זענען דערפאַר די בתי־מדרשים אויך געווען באַזונדערע, איינס אויפן באַרג, דאָס צווייטע אַראָפּ, נעבן דער שול, וועלכע האָט שוין געהערט צום גאַנצן שטעטל. בייביידע בתי־מדרשים זענען געווען צוגעבויט שטיבלעך פאַר פאַרשידענע חברות: חברה תהילים, חברה תורה, חברה משניות. די דאָזיקע אַלע חברות פלעגן דאַווענען פאַר זיך נאָר שבת, אָבער נישט אין די ימים־נוראים.

מיט דער צייט זענען אין ביידע בתי־מדרשים געווען אַ סך אומצופרידענע, וועלכע זענען אוועק און אויסגעבויט זיך אַ נייעם בית־המדרש, נעבן ליישקעס פסח׳ס. דער נאָמען „דער נייער בית־המדרש״ איז פאַרבליבן ביז צום סוף. כאָטש דער אַראָפּער בית־המדרש האָט געדאַרפט דינען בלויז פאַר אַראָפּער, זענען אָבער געקומען אַהין אַ סך באַרגער, און דווקא פון די „פּני״, ווי לייזער חנה׳ס (יפה), איתמר. חאַצקל פּיאַסקער. די כלי־קודש זענען געווען איינגעטיילט פאַר ביידע גלייך. דער חזן פלעגט דאַווענען אין יעדן בית־המדרש זיין טאָג, אָבער קיינמאָל נישט אין נייעם בית־המדרש. בלויז דער רב ר׳ אברהמטשע איז קיינמאָל נישט געקומען אין אַראָפּער בית־מדרש, ווייל עס איז אים שווער געווען צו גיין צוליב זיין הויכן עלטער. אין די לעצטע יאָרן איז צוגעקומען אויך אַ שוסטערשער בית־המדרש.

אין די בתי־מדרשים פלעגט מען נישט בלויז דאַווענען, נאָר אויך הערן מגידים, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט אַראָפּקומען אַהער. אַ „פּיעכאָטנער״ מגיד האָט נישט געהאַט קיין גרויס מזל. זיין דרשה איז נישט געוואָרן שטאַרק באַזוכט, און ער פלעגט מוזן גיין איבערן שטעטל אויפקלייבן די פאָר גראָשן פאַר זיין דרשה. אַנדערש האָט עס אויסגעזען מיט אַ באַוווסטן מגיד. אַזעלכער האָט געקענט אָפּזיין אין שטעטל עטלעכע וואָכן, האַלטן יעדן טאָג דרשות פאַר אַ געפּאַקטן עולם. איינער אַזאַ מגיד, מיטן נאָמען כהן, איז אָפּגעווען אין שטעטל אַ פּאָר חדשים, און גענומען דעם עולם האָט ער נישט אַזוי שטאַרק מיט זיין דרוש, ווי מיט זיין שיין זינגען. דער עולם איז נישט מיד געוואָרן צו קומען הערן אים יעדן טאָג.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די חובבי־ציון באַוועגונג און שפּעטער די ציוניסטן, קומען שוין אַראָפּ אין שטעטל נישט קיין מגידים, נאָר מטיפים, אָדער רעדנער. זיי פאַרנעמען זיך שוין נישט מיט דרשות וועגן גיהינום און גן־עדן, נאָר וועקן דעם עולם צום ציוניזם. און די ערשטע יאָרן ווערט זייער אַרבעט געקרוינט מיט דערפאָלג. עס ווערט געגרינדעט אַ אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאַרקויפן אַקציעס פאַר דער קאָלאָניאַל־באַנק אויף „אויסצאָלן״. דער קאַסירער איז געווען יענקל שיינעס. אויך דער שקל פאַרנעמט אַ גרויס אָרט. עס זעט אויס ווי אַ משיח־באַוועגונג וואָס גלייבט אין ד״ר הערצל אַלס באַפרייער.

אין די יאָרן 5—1904, ווען די פּאָגראָם־כוואַליעס און דער אַנטיסעמיטיזם האָבן פאַרפלייצט דעם תחום המושב, ווערט דער בית־המדרש דאָס אָרט פאַר דיסקוסיעס, באַזונדערס שבת בין־השמשות. די לייענער פון „הצפירה״ און „המליץ״ דערקלערן דעם עולם, וואָס עס הערט זיך אין וואַרשע, און פּעטערבורג, די נייעס פון דער רוסישער „דומע״ (פאַרלאַמענט). דער עולם פאַרגעסט דערביי, אַז עס איז שוין צייט צו דאַווענען מעריב, אַז באַלד גייט אַוועק די נשמה־יתירה און איר אָרט פאַרנעמט די דאַגת־פרנסה. צווישן די נייגעריקע צוהערער זענען געווען בטלנים, וועלכע זענען געווען ווייט פון לעבן און נישט געזען מער ווי זייערע ד׳ אַמות.

אַמאָל, שבת־פאַרנאַכט אין נייעם בית־מדרש

איז קאָפּל מגיד געשטאַנען און איבערגעבן דעם עולם די נייעס פון דער וואַד, וועגן פורישקעוויטשן, וואָס האָט טאָג־איין, טאָג־אויס גערופן צו פּאָגראָמען. אַלע זענען געשטאַנען באַזאָרגט, נישט ווייסנדיק וואָס צו טאָן. מיטאַמאָל רוקט זיך אַרויס ראובן מלמדס איידעם, ר׳ יעקב יאַקימאָווסקי, אַ גרויסער למדן, אָבער אַ נאַאיווער מענטש, און גיט מיט פּשטות אַן עצה, אַז אַלע רבנים זאָלן מחרים זיין פורישקעוויטשן און זיין סוף וועט אָן שום ספק קומען.

פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אין שטעטל אַ חזן, אַמאָל בלויז אויף אַ וואָכעדיקן מעריב, אַמאָל אויף אַ קבלת־שבת, און אויב ער „רייסט איין״ — רייסט מען זיך שוין פאַר אים, אַ שבת אויפן באַרג און אַ שבת אַראָפּ. אַמאָל איז אַראָפּגעקומען אַ חזן מיטן נאָמען סקאָבעלאָוו, „אַוועקגעלייגט״ אַ מעריב און געמאַכט אַ רושם. ער איז געבליבן ביי אונדז איבערן גאַנצן זומער, און אַ צייט נאָך זיין פאַרלאָזן דאָס שטעטל האָט דער עולם אים נאָך אַלץ נישט געקענט פאַרגעסן און נאָכגעזונגען זיינע „שטיקלעך״.


אויסער גדליה שמש זענען נישט געווען ביי אונדז קיין באַוווסטע שמשים. פייוול דער שמש פון אַראָפּער בית־המדרש, וועלכער איז געווען אַלט און קראַנק און צו קיין זאַך נישט געטויגט. אויפן באַרג — משה דער שמש. נאָך זיין טויט פאַרנעמט זיין אָרט לייבל דער פּאַכאָלעק, אַ מילנער, וואָס איז אויך געווען אַ בעל־שחרית. אין נייעם בית־המדרש איז געווען חיים־אריה, אַ ייד אַ בן־תורה. ער איז אויך געווען אַ מלמד.

פון אַלע חברות, וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט איז די וויכטיקסטע — די חברה לינת־הצדק. קיין דאָקטאָר איז אין שטעטל נישט געווען, נאָר פון צייט צו צייט פלעגט אַראָפּקומען אַ פעלדשער, איז דערפאַר דער לינת־הצדק געווען ממש די איינציקע אינסטיטוציע וואָס איז מיט עפּעס אַקעגנגעקומען דעם קראַנקן, געשיקט אויף לינות, כדי צו פאַרגרינגערן דערמיט די אייגענע פאַמיליע, וועלכע איז שוין געווען אויסגע־מוטשעט. יעדער נאַכט זענען געקומען עטלעכע חברים און געווען ביז אין דער פרי. חוץ דעם פלעגט מען אויסבאָרגן אַ חולה אַן אייז־פּענכאַר (האַלב־רונדיקע בלעך), שפּריצקעס א.א.וו. דאָס אַלץ האָט זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון זלמן מלמד. אַז אַ קראַנקער איז געקומען מיט אַ צעטעלע פון פעלדשער, האָט ער באַקומען די נייטיקע מעדיצינישע כלי. אויב זי איז געווען פאַרנומען ביי אַ צווייטן קראַנקן, האָט דער אַנדערער געמוזט וואַרטן מיט זיין בויד־ווייטיק ביז יענער איז געזונט געוואָרן. לינת־הצדק פלעגט אויך געבן אומזיסט וויין פאַר קראַנקע, כדי צו שטאַרקן זיי, נאָכן אַרויסגיין פון געפאַר.

3. בעלי־תפילות

מער פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך איז סוכאָוואָ־ליע געבענטשט געווען מיט בעלי־תפילות. דעם אויבנ־אָן פאַרנעמט דער שטאָטישער חזן ר׳ ישראל שלאָס־בערג, אַ געבוירענער אין בראָסטעוויץ. אַלס יונגער־מאַן איז ער געקומען צו אונדז „אויף פּראָבע״, און געבליבן שוין אויפן גאַנצן לעבן דער שטאָטישער חזן־שוחט. ער איז געווען אַ ייד אַ הדרת־פּנים, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שטימע, אַ גרויסער מנגן, וואָס האָט אַרויסגערופן צו זיך ליבשאַפט און דרך־ארץ. עס איז צום באַדויערן, וואָס אַזאַ פּערזענלעכקייט אויפן חזנישן געביט איז פאַרלוירנגעגאַנגען אין דעם קליינעם שטעטלע, נישט באַוווסט פאַר דער ברייטער וועלט. געשען איז עס צוליב דעם, וואָס ער איז פון כאַראַקטער געווען אַ שמח בחלקו און האָט קיינמאָל נישט גע־שטרעבט צו באַרימטקייט.

אונדזער קליינעם שטעטלע איז באַשערט געווען צו האָבן איינעם פון די גרעסטע הזנים. זיין שטוב



ניסל יאשעס בארעלקאווסקי

איז שטענדיק געווען אַ בית־ועד למנגנים. אַ דאַנק אים זענען פיל יונגעלייט געוואָרן שיינע בעלי־תפילות. ער האָט אָבער געהאַט אַ טרויעריקע עלטער. ער איז אַ לאַנגע צייט געווען צוגעשמידט צום קראַנקנבעט, פון וועלכן ער איז שוין נישט אַראָפּ ביזן טויט. זיין אָנדענק איז געבליבן טייער פאַר אַלע, וואָס האָבן אים געקענט.

פון אונדזערע בעלי־תפילות איז געווען באַרימט ביסל־יאָשעס. חוץ דער אויסערגעוויינלעך־שטאַרקער שטימע און חוש־הנגינה, איז ער אויך געווען אַ ייד אַ בן־תורה. זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך פאַרנומען מיט מסחר און א שליח־ציבור איז ער געווען אומבאַצאָלט. זיינע תפילות זענען געבליבן אין זכרון מיט זייער נעימות און האַרציקייט. אומפאַרגעסלעך איז געווען די תפילת־נעילה אין דער גרויסער שול. די לעצטע זון־שטראַלן האָבן זיך אַריינגעריסן דורך די אויבערשטע קליינע פענצטערלעך, דער עולם האָט שוין מיט די לעצטע כוחות געזאָגט די לעצטע תפילות. מיטאַמאָל האָט ר׳ ניסן מיט זיין לייבן־שטימע אויסגעזונגען: „אבינו מלכנו, שערי שמים פתח", און פאַר אַלע האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען זעט דעם הימל אָן אָפּענעם און דער רבונו־של־עולם מיט זיינע מלאכים שרייבן אונטער אַ גמר חתימה טובה. ר׳ ניסן איז געשטאָרבן יונג, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

גוטע בעלי־תפילות זענען אויך געווען די צוויי זין פון וועלפּקע קרוצל־פון־מויער: חאַצקל־עני־רחל׳ס און מרדכי־יאָסל. זיי זענען געווען באַגאַבטע בעלי־תפילות מיט זייער געשמאַקע שטימען. דער ערשטער, ר׳ חאַצקל האָט עטלעכע יאָר פאַרבראַכט אַלס בעל־תפילה אין ניו־יאָרק. ווען ער איז געווען אין סוכאַוואָליע, האָבן אים די שכנותדיקע שטעטלעך „אויסגעכאַפּט". אַזוי איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיק אויסכאַפּעניש צווישן יאַגוסטאָוו און ביאַליסטאָק. ווען ער איז אַ יאָר געבליבן אין דער היים און געדאַוונט אין דער גרויסער שול, איז דאָרט נישט געווען קיין אָרט צו שטיין. זיין ריינע קלאָרע און מתיקותדיקע שטים האָט געשפּאַנט און געצויגן. ווו ער האָט געדאַוונט, איז אים נאָכגעגאַנגען די גאַנצע יוגנט.

ער איז געווען באַקאַנט מיט זיין איידלקייט. צוזאַמען מיט זיין אשת־חיל עני רחל האָט ער זיך פאַרנומען



חצקל עני־רחל׳ס קרוצל

מיט העלפן יתומים, אַלמנות און שפּייזן הונגעריקע. ביזן לעצטן טאָג איז ער געווען גבאי פון הכנסת־אורחים. ער האָט געוווּסט ביי וועמען צו נעמען און וועמען צו געבן, און איז געווען באַליבט ביי אַלע.

מרדכי־יאָסל איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַוועק קיין אַמעריקע און האָט ביזן סוף פאַרנומען אַ זייער בכבודיק אָרט אַלס בעל־תפילה אין די גרעסטע דעטרויטער שולן.

חאַצקל פּיאַסקער איז אויך געווען אַ בעל־תפילה מיט אַ נאָמען. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזט דאָס שטעטל און איז געווען אַ שטענדיקער בעל־תפילה אין אַראָפּ־בית־המדרש. אַ שיינער בעל־תפילה איז געווען נתקע דער שוחט און האָט באַזונדערס אויסגענומען מיט זיין האַרציקער נעילה. חייקל דער פאַרבער האָט נישט געהאַט קיין שטימע, ער איז אָבער געווען איינער פון די בעסטע „זאָגערס". זיין דאַוונען איז געווען אַ עונג רוחני.

אַ שיינער בעל־שחרית און גלייכצייטיק אַ גרויסער ייד איז געווען יקותיאל דער שניידער. אויסער זיין שיין דאַוונען איז ער זיין גאַנץ לעבן געווען דער רבי פון דער חברה משניות. דער סדר הלימוד איז געווען: שבת, פון דריי אַזייגער פאַרטאָג ביזן דאַוונען, און נאָכמיטאָג ביז מנחה. אין פאַרלויף פון יאָר איז ער מיט זיין חברה דורכגעגאַנגען גאַנץ משניות, און יעדן

חנוכה איז פאַרגעקומען אַ סיום מיט אַ גרויסער אײַן שײַן־צוגעגרייטער סעודה.

4. אונזערע מלמדים

דאָס מלמדות בײַ אונדז איז געווען, ווי אין אַלע אַנדערע שטעטלעך. יעדער שלים־מזל, וואָס האָט נישט געהאַט וואָס צו טון, האָט זיך גענומען צו מלמדות. דאָך האָט יעדעס קינד, אַפילו דאָס אָרעמסטע, געקענט דאַווענען, אַ פּרשה חומש מיט רש״י, און דאָס איז געווען די אַרבעט פון די היימישע מלמדים.

„שפּרינצע משה ירמיהוס” איז געווען אַ זקנה. די תלמידים האָט זי געהאַלטן ווי אייגענע קינדער, אייניקלעך, און באַצויגן זיך צו זיי מיט דער גרעסטער וואַרעמקייט. די קינדער זענען שוין פאַרטאָג געזעסן אויף דער שוועל און געוואַרט די טיר זאָל זיך עפענען. אַ פּאָר זמנים איז דאָס קינד געווען אונטער איר שוץ און שפּעטער אַריבער צו איר מאַן אויף חומש מיט רש״י. זיין חדר האָט זיך געפונען אין דער זעלבער שטוב, נאָר בײַ אַ צווייטער וואַנט. אין די ווינטערדיקע אָוונטן פלעגן די קינדער זיצן אין חדר ביז צען אין אָוונט. געלערנט חומש בײַ דער שיין פון אַ חלב־ליכטל, וואָס יעדער איינער האָט געמוזט ברענגען מיט זיך. אין די שפּעטע נאַכט־שעהן איז מען געגאַנגען אַהיים בײַ דער שיין פון לאַמטערן, וואָס מען האָט אַליין געמאַכט. כדי דאָס ליכט זאָל דורכלייכטן האָט מען די פּאַפּירענע ווענטלעך אויסגעשמירט מיט בוים־אייל. נישט איינמאָל איז די קונסט־אַרבעט אין מיטן וועג אַוועק מיטן פייער.

באַקאַנט אין יענער צייט איז געווען אַ מלמד מיטן נאָמען „יענקל קאַרפּיניצער”, ער איז געווען אַ איידעם פון אַ קאַרפּיניצער ישובניק, אַ דאָרף נישט ווייט פון סוכאָוואָליע. זיין לימוד איז שוין געווען אַ העכערער, פון תנ״ך ביז גמרא. אַ שיינער בכבוד־דיקער ייד, און ווען נישט די דאַנערשטיקס, וואָס זענען געווען דער יום־הדין פאַר די וואָכעדיקע למודים, איז ער אַפילו געווען באַליבט בײַ די תלמידים. נישט קיין כעסן, נישט פאַרביטערט, מיט אַ שטענדיקן שמייכל, זענען די קינדער גערן געגאַנגען אין חדר. מען פלעגט אַפילו באַקומען „געשמיסן”, פאַר נישט וויסן דעם שיעור, דאָך איז זיין באַשטראָפן געווען געלאַסן; אויב דאָס ייִנגל האָט זיך אַליין געלייגט און דערצו נאָך אַליין אָפּגעשפּילעט די תחתונים, איז ער אָפּגעקומען מיט אַ העלפט שמיץ, ווי דער, וואָס איז געווען אַן עקשן און נישט געוואָלט אַקעגנקומען זיין פאַרלאַנג. פון זיין מלמדות האָט ער נישט געהאַט קיין חיונה. און נאָך אין די יונגע יאָרן איז ער אַוועק קיין אַמעריקע און זיך גענומען צו אַן אַנדערער אַרבעט.

צווישן די גרעסערע מלמדים איז געווען: יעקב מרדכי דער פּעדערניק. זיינע תלמידים זענען שוין געווען אין בר־מצוה־עלטער, אָבער חברה האָט געהאַט פון אים געברענטע צרות. זייענדיק אַ כבד־פּה, איז ער שטענדיק געווען פאַרביטערט, און באַשטראָפט פאַר יעדער קלייניקייט. זיין שטראָף איז באַשטאַנען אין קנייפּן, רייסן שטיקער פלייש. מער פון אַלע האָבן געליטן די, וואָס זענען געזעסן נאָענט צו אים. פון זיין חדר איז דער אַריבערגאַנג געווען צו וועלוול צאַלעלס, אָדער זלמן דער מלמד. ער פלעגט שוין קלייבן זיינע תלמידים. ער איז קיינמאָל נישט געגאַנגען חול־המועד זוכן זיינע תלמידים, נאָר ס'איז געווען אַ כבוד סיי פאַרן טאַטן סיי פאַרן תלמיד אָנצוקומען צו זלמן דעם מלמד. און אַזוי ווי די צאָל זיינע איז געווען פון 10—12, איז טאַקע געווען זייער שווער צו אים אָנצוקומען. ווינטער אַרום חנוכה און זומער באַלד נאָך שבועות איז געווען די צייט צי פאַרזאָרגן זיך מיט אַ פּלאַץ פאַרן קומענדיקן זמן.

אַרויסגייענדיק פון ר׳ זלמנ׳ס חדר, פלעגט מען גיין אין אַ ישיבה, אָדער בלייבן אַ „בעלבתיש ייִנגל”. זעלטן ווען אַרויסקומענדיק פון זיין חדר, זאָל מען ווערן אַ בעל־מלאכה. דאָס איז אין יענער צייט געווען אַ נידעריקע מדרגה. זיינער אַ תלמיד מובהק איז בײַ איהם פאַררעכענט געווען ווי אַ אייגן קינד. זענען טאַקע אַלע שטעטלדיקע בעסערע בחורים געווען זיינע תלמידים. געווען אַ ייד א חלוש, דאָך האָט ער נישט געשפּאָרט קיין כוחות פאַר זיינע תלמידים.

5. באַשעפטיקונג

אין שטעטל זענען געווען: אַ וואַסער־מיל, און די פּיוויאַרניעס. פריער בלויז איינע, חיים־יאַנקעלס פּיוויאַרניע. שפּעטער זענען צוגעקומען נאָך צוויי, דניאל שקליאַרס און טוביה חאַטשעס. אַרום חיים יאַנקל׳ס פּיוויאַרניע האָבן געמאַכט אַ לעבן עטלעכע פאַמיליעס: ער אַליין מיט זיינע זון: שיימע, גדליהו, אברהמ׳ל,

איסר און הערשל. ער האָט געהאַט אויך שותּפים: דניאל שקליאַר און טוביה חאַטשע חיה שרה׳ס. שפּעטער האָט זיך דניאל אָפּגעטיילט, אויפגעבויט אין קאַרפּאָוויצער גאַס איינע פון די שענסטע און גרעסטע ברויערייען, ביי זיינע אונטערנעמונגס פעאיקייטן, איז דאָס גאַנצער ביר געשעפט אַריבער צו אים, און דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אונטערגאַנג פון דער „חיים יאַנקל״־דינאַסטיע. און דניאל בלייבט דער איינציקער פּיוואָוואַר פאַר סוכאָוואָליע און אומגעגנט. ער איז געווען כמעט דער רייכסטער ייד אין שטעטל, זייער בכבודיק, אָנגעזעען. מיטן אויפקום פון דער פּוילישער מלוכה, און איר מעטאָדן אַרויסצושטויסן דעם ייד פון האַנדל, האָבן אַלע גזירות אויך נישט אויסגעמיטן דניאלן און דאָס האָט געבראַכט צום אונטערגאַנג פון זיין פּיוויאַרניע.

די מיל האָט אויך אַ היסטאָרישן הינטערגרונט: די „הויפן״ אַרום די שטעטלעך, פּונקט ווי די מילן, זענען ביזן פּוילישן אויפשטאַנד געווען דאָס אייגנטום פון פּוילישן אַדל. אַזוי איז אויך געווען מיט די מילן אין אקאָפּ, סוכאָוואָליע און קאַרפּאָוויץ. דאָס זעלבע אויך מיט די „הויפן״ הינטער גראָדזשיסק, קאַרפּאָוויצע א.א. ווען דער אויפשטאַנד איז אונטערדריקט געוואָרן, זענען די אַלע פאַרמעגנס אַריבער צום רוסישן אַדל. דאָס האָט אויך פּאַסירט מיט די סוכאָוואָליער מיל, ווי ס׳איז געבליבן בערל מילנער. ווען בערל איז געשטאָרבן, איז די מיל אַריבער צו חיים לייזער ליווערעַנט, זעליק קאַרפּאָוויצערס זון, וועלכער האָט געפירט זייער אַ בכבודיק לעבן. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אומגעקומען דורך די פּוילישע רוצחים על קידוש־השם.

סוכאָוואָליע איז געווען באַוווסט אויך מיט איר פערד־האַנדל, וועלכער איז נישט תּמיד געווען „כשר״. דער מסחר איז אָבער געלעגן אויך אין פייגע הענט, ווי ניסל יאָשעס, יאָשע לייזערס, אברהם קירזשנער, און אַנדערע, וואָס האָבן געפירט געשעפטן מערסטנס מיט דייטשלאַנד.

אַ לעבעדיקער האַנדל האָט זיך געפירט צווישן דאָרף און שטאָט: תּבואה, אייזן־געשעפטן, שענקען, בעקערייען און שניט־געשעפטן. אַ גרויס אָרט אין סוכאָוואָליע האָט פאַרנומען די טאָקעריי. די אַרבעט איז צוגעגרייט געוואָרן אין די זומער־חדשים, פאַרענדיקט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט און פאַרקויפט אויף די ארומיקע ירידים. דער גרעסטער טייל טאָקערס איז באַשטאַנען פון גרויסע אביונים. די איבריקע מלאכות: שמידעריי, שניידעריי, שוסטעריי און סטאָלעריי, זענען אויך געווען געבונדן צווישן זיך שטאָט און דאָרף. די סטאָליאַרעס, שוסטערס און שניידערס, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן דאָרף, האָבן נישט געוואַרט ביז דער פּויער וועט קומען צו זיי. יעדער האָט געהאַט זיינע קונים, צו וועלכע ער איז געגאַנגען פון הויז צו הויז, פון דאָרף צו דאָרף, אָפּגעאַרבעט ביי איין משפּחה — אַוועק צו דער צווייטער, געפּטרט איין דאָרף — אַוועק אין צווייטן. פון דער היים איז מען אַוועק מאָנטיק פרי, און צוריקגעקומען פרייטיק פאַרנאַכט. דאָס גרעסטע אָפּקומעניש איז געווען מיטן עסן, צוליב כשרות. די דאָזיקע דאָרפישע פּרנסות זענען אָנגעגאַנגען בלויז אין ווינטער, ווען דער פּויער איז אַ שטוביקער און האָט צייט אָפּצוגעבן זיך מיטן ברענגען אין אָרדנונג זיין ווירטשאַפט. אין די זומער־חדשים האָט מען געאַרבעט ביי זיך אין דער היים און פאַרקויפט אויף די ירידים.

נאָך אַ מסחר צווישן שטאָט און דאָרף איז געווען די לייוונט, וואָס די פּויערטעס אַליין האָבן אויסגעאַרבעט, און געזייט דעם פלאַקס, געשפּינען, געוועבט און געבלייכט אויף דער זומערדיקער זון. דאָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויס געשעפט פאַר אויסלאַנד. די לייוונט־סוחרים זענען אַרומגעפאָרן פון דאָרף צו דאָרף, אויפגעקויפט די סחורה. דער מסחר איז געווען נישט צו כשר, באַזונדערס אין מעסטן, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַזוי בליץ־שנעל, אַז קיינער פון די דערבייאיקע האָט נישט באַמערקט, ווי דער מעסטער האָט גיך אַ צי־געטון די לייוונט פון איין אַרשין איבערן צווייטן. אויף דער פאַך־שפּראַך האָט עס געהייסן: „אָנגעמאָסטן״. על פּי רוב איז אָט דאָס „אָנגעמאָסטענע״ געווען דער גאַנצער ריווח, צוליב דער גרויסער קאָנקורענץ.


נאָך אַ מסחר איז געווען: דער „קאָריבעלניק״. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען פון אַרומפאָרן מבית לבית פאַרקויפן זאַכן פון שטוביקן געברויך אויף אויסטויש, ווי: שמאַטעס, אייזן, ביינער, אַמאָל — אַ שעפּסל, אַ קעלבל, אַביסל חזיר־האָר, אייער, הינער. דער קאָראָבעלניק האָט עס אַריינגעבראַכט אין שטאָט, פאַרקויפט צו: אברהם וועלענטעס, משה פורמאַן, שמואל־יצחק א.א. זיי פלעגן עס אָפּפירן קיין ביאַליסטאָק, אָדער גראָדנע.

דער מאַרק, וואָס איז פאָרגעקומען זונטיק, אָדער דאָנערשטיק, איז געווען דער גרעסטער קוואַל פון חיונה. אין די טעג איז געווען לעבעדיק אין שטעטל. דאָס דאָרף האָט אַריינגעברענגט אַלץ, וואָס איז אים געווען איבעריק: תבואות, פערד, בהמות, האָלץ, קאַר־טאָפל. פאַרן געלט האָט מען זיך איינגעקויפט פון כל טוב. דורכפאָרנדיק האָט יעדע פור מיטגעפירט מיט זיך אַ פאָר שיכורים און זיי האָבן געמאַכט פריילעך.

6. אונדזער יוגנט

ביז צו די בר־מצוה־יאָרן האָט יעדעס קינד, אָרעם צו רייך, געמוזט גיין אין חדר אַריין. ערשט, ווען אַ בחור׳ל איז אַרויס פון חדר האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות. עס איז געשטאַנען די פראַגע: מה יעשה הבן? די עמיגראַציע קיין אַמעריקע איז נאָך נישט געווען, פאַבריקן האָבן עקזיסטירט נאָר אין די גרויסע שטעט. גרינגער צו פאַרענטפערן די פראַגע איז געווען דעם שניידער, שוסטער, צי סטאָליאַר. אדרבה, ער האָט זיך קוים דערוואָרט אויף דעם, ער זאָל אויפהערן איינער אַליין שלעפן דעם יאָך. גלייך נאָך דער בר־מצוה איז דאָס בחור׳ל געוואָרן נאָך אַ האַנט, אויס ליידיקגייער.

צרות זענען געווען, ווען אַ קינד האָט זיך אַרויס־געוויזן מיט בעסערע פעאיקייטן, אַ שאַרף קעפל, קען שוין אַליין „דורכקריכן" אַ בלאַט גמרא, קוקט אַריין אין אַ „מורה הלשון" אין אַ „רוסישער גראַמאַטיקע" און וויל „קומען צו עפּעס". דער טאַטע וויל זען נחת פון קינד, אפשר טאַקע דערלעבן אַ זון אַ רב. דאָס איז אין יענע יאָרן געווען דער גרעסטער ווונטש ביי טאַטע־מאַמע. אָבער אַוועקשיקן אים אין אַ גרעסערער שטאָט, אין אַ ישיבה, קען ער נישט. קוים מיט צרות ער שלאָגט דורך זיין וואָך־חיונה.



חיים און יהושע (אישיע) גאָפּערשטיין

עס איז נישט געווען קיין יוגנט־באַוועגונג, קיין ביבליאָטעק, וווּ אַזאַ בחור זאָל זיך קענען אַליין אַנטוויקלען. צענדליקער יונגעלייט פלעגן זיך אַרומ־דרייען איבער די גאַסן מיט שטעקעלעך אין די הענט און וואַרטן אויפן פריזיוו, אָדער אויף דער חופה. דאָך זענען פון זיך אַליין, אָן קיינעמס הילף, אויסגעוואַקסן אין יעדן דור אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייטן. פון דעם פריערדיקן דור זענען באַקאַנט געווען: זלמן לייזער חנה׳ס (יפה), אלטער איטשע דעם פאַרבערס, חיים יענקלס זון, לייבל פריימאַן, וועלוול אליהו גרשונס, מענדל נתקע דעם שוחט׳ס. אַ דור שפּעטער: יודל עניי־רחל׳ס, לייזער מאַטקעס, חיים שיינקעס, זיידקע־דניאל־חנה, שמחה און דניאל קאַפּל מגידס, שמואל אייזיק פראַנצוז און אַנדערע.

פיל אינטערעסאַנטער האָט פאַרברענגט זיין צייט דער לעצטער דור. פונקט ווי דאָס גאַנצע לאַנד האָט אונדזער שטעטל אויך אַ טרייסל געטון זיך. עס האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען דער „המליץ", „הזמן", שפּע־טער „דער פריינד", „היינט", „מאָמענט". עס איז רייף געוואָרן די צייט פאַר אַ ביבליאָטעק, געהיים, אָן אַ „ראַזראַשעניע" (דערלויבניש). אַלע וואַרפן זיך אַריין אין דער אַרבעט, שאַפן ביכער, געלט, אַ לאָקאַל פאַר דער ביבליאָטעק, וואָס ווערט איינגעאָרדנט ביי שיינקע מאַטעס.

די יוגנט הויבט דעמאָלט אָן אויסלעבן זיך, אַרויס־ברענגען די נישט־אויסגענוצטע פעאיקייטן און כוחות. עס ווערן אָרגאַניזירט פאָרלעזונגען, דיסקוסיעס, זעלטע־נער — אַ פאָרשטעלונג. די ביבליאָטעק הויבט אָן דינען דער יוגנט ווי אַ קולטור־צענטער. יאַנקל הירשס אַ זון, וואָס איז אַוועק קיין קאַנאַדע, ענטפערט שפּעטער אויף דער פראַגע, וווּ ער האָט באַקומען זיין דערציונג, מיט דער גרעסטער נאַטירלעכקייט: „מיין גימנאַזיע און אוניווערזיטעט איז געווען די סוכאָוואָליער ביבליאָטעק".

אין די יאָרן 1905—6 באַווייזן זיך די ערשטע שטראַלן פון פרייהייט איבער גאַנץ רוסלאַנד און אויף דער תחום־המושב ווערט פאַרפּלייצט מיט סאָציאַלע אידעען. ביי אונדז איז שוין דעמאָלט געווען אַ הויך־אַנטוויקלטע יוגנט. עס האָט געטראָפן, אַז דער בונד פלעגט אַריינשיקן אַן אַגיטאַטאָר, האָט ער שוין גאַרנישט געקענט אופטון, ווייל די יוגנט פון אַנדערע פאַרטייען איז שוין געווען גענוג אויפגעקלערט און באַוווסטזיניק.

מיין שטעטל

זייענדיק אין דער אַלטער היים איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז פון אַלעם וועט ווערן אַ חורבן, און עס וועט פאַרבלייבן אַ פנקס מיט אַ שארית־הפליטה, דאָס מען זאָל זיך פאַרזאָרגן מיט היסטאָרישע דאָקו־מענטן.

פון וואַנען שטאַמט דער נאָמען סוכאָוואָליע? „סוכאַ" הייסט טרוקן, און מיר האָבן גראָד געהאַט פיל בלאָטעס. דער איינציקער טרוקענער געגנט איז צפון־זייט פון שטאָט, אַרום וואַלד, אָדער לעבן בית־עלמין. עס איז געווען שווער אַריינצופאָרן פון שאָסיי אין שטאָט, צוליב די טיפע זאַמדיקע וועגן.

פון וואַנען עס שטאַמען די סוכאָוואָליער יידן, דאָס גייט אַריין אין דער אַלגעמיינער היסטאָריע. די „געבורטס־דאָקומענטן" פון סוכאָוואָליער יידן זענען געווען פאַרשריבן אויף די טאָוולען פון ספרים.

אין שטעטל זענען געווען קליינע הייזער, און עטלעכע מויערן: העניע דער אַלמנה'ס, חיה רחל'ס, אַראָפּ; דער מויער — בית־מדרש — און אויך העניע רחל'ס 2 עטאַזשיקע מויער. די „מאַפּע" פון דער שטאָט איז געווען ווי אַ מענטש מיט אַ לאַנגן קאָפּ — דער „לאַנגער דאָרף"; 2 הענט: יאַנאָווער און קאַרפּאָ־וויצער גאַס, און 2 פיס: די 2 לאַנגע גאַסן, אַראָפּ ביז'ן וואַסער־מיל. ביי די זייטן זענען געווען טאַטאַרן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אויסאַרבעטן פעל און די 2־טע זייט קריסטן. דאָס האָט געהייסן „אלשיניק". די קריסטן האָבן זיך באַצויגן פאַרשידן צו די יידן: איניקע זענען געווען שטילע שונאי־ישראל און אַנדערע — אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטן, נאָר אַ סך האָבן זיך געהאַלטן ווי גוטע שכנים. מען האָט געלעבט איינער פון דעם צווייטן. די אַרומיקע דאָרפישע קריסטן פלעגן אַריינברענגען פּרנסה; 2 מאָל אין דער וואָך זונטיק און דאָנערשטיק, אין אַ מאַרק טאָג פלעגן די קרעמער, בעקערס, שענקערס לייזן פון זיי גאַנץ גוט.

אונדזער שטעטל בכלל איז געווען איינגעטיילט אין 2 חלקים: „אַראָפּער" און „באַרגער", וועלכע האָבן געהייסן די „פּני". אַז אַ „אַראָפּער" פלעגט קומען אין אַ פרעמדער שטאָדט האָט מען אים געפרעגט גלייך וואו ער וואוינט? אויב ער פלעגט זאָגן „אַראָפּ", האָט מען זיך אָפּגערוקט ד' אַמות, נאָר דער אַראָפּער פלעגט זיך טרייסטן און זאָגן, אַז דער באַרגער וועט מוזן קומען אַראָפּ איבער 100 יאָר צום בית־עולם.

מיר האָבן פאַרמאָגט 3 שיינע בתי־מדרשים מיט פיל ספרים און אַ פּאָר ש"ס'ן, אין יעדן ביהמ"ד. מען האָט געלערנט גמרא, משניות, חיי־אדם, עין־יעקב און פיל יידן האָבן געזאָגט תהילים. יעדער בית־המדרש האָט געהאַט זיינע מתפללים. אויף אונזער „אויבן אָן וואַנט" (אין נייעם בית־המדרש) זענען געווען חיים יענקל שוואַרץ, נאָסקע דער סטאָליאַר, לייזער חנה'ס, יקותיאל דער שניידער, אַ ייד, וואָס איז געזעסן יעדע ליידיקע מינוט און געלערנט. מיין זיידע משה ירמיה'ס, אַלטער ראובנ'ס, שמואל זלאַטקעס, זלמן דער מלמד, איתמר ניסלקאָווסקי, מיין פאָטער, יאָסל לישעס, פייבל דער שמש, בנימין־חיים.

חיים יענקל שוואַרץ — האָט געהאַט אַ ברויערייַ פון ביער, און אַלע זיינע קינדער פלעגן ציען פון דעם זייער חיונה. זיין זון שיימע האָט געהאַט אַ שיינע פאַמיליע. זיי זענען אַוועק קיין אַנטווערפּן. און מסתמא איז געבליבן פון זיי אַ שיינער דור. נאָסקע דער סטאָליער — אַ ייד זייער אַ פרומער און אַ שיינער בעל־תפילה. מיין זיידע משה ירמיה'ס — האָט אַליין געלערנט, און מיין באָבע שפרינצע — די גרויסע פעדאַגאָגין פאַר מתחילים, אַ דרדקי־מלמדקע, אויסגעלערנט יעדן קינד אַ וווּנ־

דערבאַרן עברי און מיין זיידע האָט פאַרענדיקט מיטן חומש. שמואל זלאַטקעס — זייער אַ קלוגער ייד, באַרייזט די וועלט, געוועזן ביי די ראָטשילד׳ס און איז געוועזן איינער פון די בעסטע בדחנים אויף אַ חתונה, ער פלעגט פאַרשיינען אַ שמחה. זלמן דער מלמד — האָט אַלעס געלערנט, גמרא, און תנ״ך מיט מלבים. לייזער חנה׳ס יפה — איז געוועזן זייער שאַרף




ר׳ לייזער און פראַדל יפה (זלמנ׳ס עלטערן)

מיט זיין ענטפער צו די שונאי־ישראל. אַז דער פריסטאַוו האָט אים געפרעגט אין דער צייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, צי ער וועט אים מיטנעמען קיין ארץ־ישראל? וואָס פאַר אַ „טשין״ ער וועט אים געבן? האָט לייזער געענטפערט: — „טראָגן דעם קוגל שבת, אָדער הייצן דעם אויוון״. ר׳ לייזער איז געוועזן אַ ייד אַ סוחר, אויך געזעסן אַ סך צייט ביי דער גמרא און באַוואוסט געוועזן אויך אין וועלט־זאַכן. זיין זון זלמן איז אויך געוועזן אַ חכם. פיל מענטשן פון שטאָט האָט מען גערופן מיט צונעמענישן, ווי „משה קאַלב״ „קטונתי״ אָדער „שלומפערקע״. עס זענען ביי אונדז געוועזן אויך שלעכטע „כאַראַקטאָרן״, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון שטאָט אין מיטן נאַכט, פאַר עפעס אַ חטא: למשל, אונטערצינדן, אָדער מוראָ פאַר אַן אַרעסט, אָבער אַזעלכע זענען געוועזן זייער קליין אין צאָל. אַסך האָט מען גערופן נאָך זייער פאַך, ווי למשל „שלמה דער שוסטער״, וועלכער איז געוועזן אַ גרויסער וויצלינג; „משה דער פורמאַן״, וועלכער פלעגט פאָרן 2 מאָל אַ וואָך קיין ביאַליסטאָק, קויפן און פאַרקויפן פראָדוקטן. אונדזער אַלטער רב איז געוועזן אַ פיינער ייד, אַ למדן. דער נאָמען איינהאָרן האָט דערציילט זיין יחוס המשפחה. די איינהאָרנס זענען נאָך היינט באַוווסטע שרייבער, געלערנטע. דער רב האָט געהאַט זייער געלערנטע קינדער. זיין זון — פּרופ. איינהאָרן איז געוועזן אַ באַוווסטער דאָקטאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער רב האָט אַלץ געקענט אויסנווייניק, ווייל זיין ראיה איז געוועזן שוואַך.

בחורים, וואָס האָבן געלערנט, פלעגן קריגן פון אונזערע רביים אין שפּאַס „סמיכות״: איך, למשל, האָב געהאַט סמיכות צו זיין אַ רב אין דאָרף „דאָבישינשצענע״ יענקל שמולקעס אין „חאָדראָווקע״ און מיין חבר מאיר דוואָשעס אין „פּאָקאָסנע״. די מלמדים פלעגן אַריינהאַקן די תורה אין אונדז מיט אַ הילצערנע פושקע פון שמעקטאַבאַק. נישט איין מאַמע פלעגט קומען צום רבין אין מיטן שמייסן און אַרויסרייסן דאָס ייִנגל מיט אַ נאַקעטן הינטער חלק, אים אַ היימברענגען, און אויסבייטלען „כל חמתה״ צום רבינס קאָפּ, מיט דער רביצ׳ן אַ צולייג.

אונדזער שול איז געוועזן אַן אַלטער בנין, מיט שיינע הויכן זיילן „סלופּעס״, מיט אַן איינגעבויטן אָרון־הקודש מיט זייער פיינע מאָלונגען, געשניצט פוןביידע זייטן מיט יידישע סימבאָלן.ביים עמוד פלעגט דאַוונען ימים־טובים דער חזן שלאָסבערג מיט זיינע „צאן־קדשים״; איינער פון די בעל־תפילות פון שול איז



בית־הכּנסת — די שול

געווען חייקל דער פאַרבער. חופּות פלעגן פאָרקומען נעבן שול, סיי ווינטער סיי זומער, עס פלעגט זיך ציען אַ פּראָצעסיע מיט ליכט; די באָבע פאַיע און זלאַטקע פלעגן אַריבערגיין דעם וועג מיט אַ פולן עמער וואַסער, און צוריק פון דער חופּה פלעגן זיי משמח זיין טאַנצענדיק אַנטקעגן חתן־כּלה. אויף יעדער שמחה פלעגן אַלע זיך פילן ברידערלעך, פריינדלעך.

מעדיצינישע הילף איז געווען ווייניג. פיל יונגע קינדער פלעגן שטאַרבן פון דיפטעריע. אַז עס פלעגט טרעפן אַן אויסנוויינקסטע קראַנקהייט, אָדער אַ געשוואָלענער צאָן, פלעגט מיין באָבע פאַיע אָבצינדלעווען, אָדער אָפּשפּרעכן אַ „עין־הרע” און עס האָט אַלץ וויי געטון... אין שטעטל פלעגן פאָרקומען פיל שריפות. פלעגט מען שלעפן וואַסער מיט עמערס, און אַלע האָבן געשריען „אַוואו ברענט?” אַ פרייטיק־צו־נאַכט האָט אָפּגעברענט די באָד, ווייל שבת האָט מען נישט געטאָרט לעשן.

קיין פּאָסט איז נאָך נישט געווען. 3 מאָל אַ וואָך פלעגן אָנקומען די יידישע בריוו צו בנימין־חיים דעם בריוועטרעגער, ער פלעגט רעכנען אַ קאָפּיקע פאַר אַ בריוו. אַ טעלעגראַף איז געוואָרן, ווען מען האָט געמאַכט אַ שאָסיי פון גראָדנאָ ביז אַסאָוויעץ, אָבער ביים זאַמדיקן אַריינפאָר אין שטעטל, פלעגט מען נאָך דאַרפן צולייגן אַ אַקסל.

אין 1905 האָבן מיר געגרינדעט די ביבליאָטעק, די ערשטע וויכטיקע אינסטיטוציע אין שטעטל — און אַרום איר האָט זיך קאָנצענטרירט די פאָרגעשריטענע יוגנט.

שמואל-אייזיק פראַנצוז (מאָנטרעאַל)

דער „באַרג" און דער „אַראָפּ"



די רשימות, „באַרג" און „אַראָפּ", פון לאַנדסמאַן ירוחם לעוויז. ירוחם האָט געוווינט אין סוכאָוואָליע אין דער צייט פון דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע און די רשימות זענען דערשינען אין דער לעבעדיקער צייטונג פון פאַריין „יידישע יוגנט". דער סעקרעטאַר, נחום גלאָגאָווסקי ז"ל האָט אַ קאָפּיע פון דער צייטונג מיטגעפירט אין זיינע וואַנדערונגען פון ביאַליסטאָק איבער לאַטוויע, אויסטראַליע ביז מדינת ישראל.

1. „דער באַרג"*)

דאָס שטעטל טיילט זיך געאָגראַפיש אויף צוויי קעגענגעזעצטע טיילן: אַ באַרג און אַ טאָל. נאָך אים סאַמע שפּיץ באַרג שטייט דער קלויסטער. נאָך אים איז אַ באַרימטער מאַרק, וואָס האָט אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס רעכטס און לינקס, און פון דעם זענען געוואָרן 2 גאַסן. אָט דעם מאַרק מיט זיין רעכטס און לינקס האָבן זיך, משנים קדמוניות, די בעלי־בתים אויסגעקליבן פאַר זייער וואוינונגס־אָרט. דאָ זענען די הויפּט־קראָמען, וועלכע דאַרפן זיין צו דער האַנט דעם גוי, ווען ער קומט פאַרקויפן אויפן מאַרק זיינע פּראָדוקטן און איינקויפן זיינע הצטרכותן. דעם סוף פון די גאַסן האָבן זיך די שמידן אויסגעקליבן פאַר אַ נעסט, כדי דער פויער, אַריינפאָרנדיק אָדער אַרויספאָרנדיק, זאָל קענען גלייך מתקן זיין אַ צרה, וואָס טרעפט זיין וואָגן. אין דעם הויפּט־טייל פון שטאָט געפינען זיך די עטלעכע מויערן, וואָס זענען נאָך אַ זכר פון דער אַמאָליקער דייטשעשער הערשאַפט. דאָ זענען אויך די הייזער מיט די רויט אָדער גרין געפאַרבטע גאַניקעס, וואָס דינען פאַר אַ צונויפזאַמלונגס־אָרט פאַר שטעטלדיקע פּאָליטיקער אין אַ וואָכעדיקן אָבער נישט קיין זונטאָגדיק'ן און נישט קיין דאָנערשטיק'ן מאַרק־טאָג.

אין אַ מאַרק־טאָג ברענגען די סטאָליער'ס פון „אַראָפּ" זייערע מעבל צום פאַרקויפן. (מערסטנטייל הילצערנע שמאָלע שאַפקעס); די ביסל טאַנדעטערס — זייערע קורטקעס, הויזן און אַנצוגן. יידענעס ברענגען פּאָליווענע קריגלעך און כלים; קירזשנערס שטעלן אויף אין ראַמען זייערע היטלען און דאַמאָלסט ווערט אַ רעש, אַ געפילדער פון די אָנגעפאָרענע יידן און קריסטן, קונים און סוחרים, פון די פערד און בהמות.

אין דער לעצטער צייט איז אויף די מערק, און אַפילו אויף די ירידים, דער טומל אַביסל קלענער. די קוויטשערייען פון די „כשר־פיסלעך" און דאָס מעקען פון די קו, ווערט אַלץ זעלטענער און זעלטענער. די קריסטן ווייסן שוין גאַנץ גוט, אַז אויף דעם איז פאַראַן אַ בעסערער בעלן. אויך דער המון פון די קריסטן איז קלענער, ווייל אַ טייל דערפער זענען אַריבער אין אַן'אַנדער „קרייז־פאַרוואַלטונג" און כדי צו קומען אין שטעטל, מוז עס קאָסטן אַ מתנה, אייער, אָדער אַ הינדל, און צייטנווייז העלפט עס אויך נישט.

די באַציאונגען צווישן די יידן מיט די קריסטן איז אויסערלעך גאַנץ גוט. טרעפנדיק זיך, פרעגט מען אויס איינער דעם צווייטן: „יאַק שע־מאַש" (וואָס מאַכסטו?), מ'דערציילט זיך אויס איינער פאַרן אַנדערן די צרות, וואָס מ'ליידט פון דעם געקומענעם „גר־

*) „יידישע יוגנט", 1917, נומער 14

תושב״. טרעפט זיך אָפּט, אַז אַלטע גויעס, פון אַלטע גוט־פריינדשאַפט־ווענן, ברענגען אַ „גאָסטיניעץ״: פרישע אייער, עפּל, רעטעכער און שאַר־ירקות. פאַרהאַנען אַזעלכע, וואָס זענען שטאַרק צוגעבונדן צום יידישן קרעמער, קומט אַ וואָס פאַר עס איז „חגא״, באַזוכן זיי די הייזער און קראָמען פון זייערע יידישע באַקאַנטע, זייערע אַכסניות. אַפילו, ווען מ׳וויל גאָר־נישט קויפן, קומט מען אויך אַריין צום ייד: זומער — אָנצוטאָן די שיך און זאָקן און ווינטער זיך אָפּטרייסלען פון שניי און אָנוואַרעמען די נאָז. דערפאַר קריגן יידן ביי די אַרומיקע קריסטן, גאַנץ גערן נאַכטלעגער, אָפּטמאָל אויך געבאַקענע קאַרטאָפל, ברויט מיט מילך.

ווען מ׳האָט ביים בייטן זיך פון די רעגירונגען מורא געהאַט צו פאַרבלייבן אין שטעטל, און מ׳איז אַנטלאָפן מיטן ווייב און גוטס, האָט מען געפונען אַ מקום־מקלט אין די קריסטלעכע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן זייער וואַרעם צוגענומען די אַנטלאָפענע. אויך האָבן אין לעצטן יאָר די קריסטן נישט אַרויסגעלאָזן ליידיק די אַלע פוסגייערס פון די שטעט, וואָס האָבן געבעטן עפּעס שפּייז פאַר זיך און פאַר דער פאַמיליע. ווען אַ וואָסער־ס׳איז בייזער קריסט פרעגט אַ קשיא: פאַרוואָס זענען אַזוי טייער אַלע סחורות? פאַרשטאָפּט מען אים דאָס מויל, ווען מ׳דערמאָנט אים: און קאָרן? און האָבער? דו מעגסט, מעגן מיר אויך.

ביי זיי שפּילט נישט קיין גרויסע ראָליע, דער יקרות, ווייל זיי זענען באַרייכערט געוואָרן מיט געלט, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען פון די פאַרטייערטע פּראָדוקטן. נישט זייענדיק צוגעוואוינט פּסיכאָלאָגיש צו אַ גרויסן געלט־פאַרמעגן, נישט האָבנדיק קיין אָפּזאַץ־אָרט פאַר זייערע קאַפּיטאַלן, האַלטן זיי דאָס געלט נישט אַזוי טייער, און זשאַלעווען נישט אויסצוגעבן אויף קליידער און אַפילו אויף צירונג.

די שפּראַך פון דער קריסטליכער באַפעלקערונג האָט געלאָזן געוויסע שפּורן אויף דעם יידיש־רעדן. אין דער אַנוועזנהייט פון קינדער, ווען מ׳רעדט וועגן זאַכן, וועלכע ס׳לוינט נישט אַז זיי זאָלן וויסן, רעדן די עלטערן צווישן זיך אויף גויאיש. פונדעסטוועגן, מאַמעס בעת׳ן כעס אויף די צעווילדעוועטע קינדער, ווילן אַ קללה אַרויסלאָזן, פאַרהאַקן זיי זיך באַלד, און לאָזן עס אויס אויף גויישע קעפּ.

דער שטעטלשער כומר העלפט אַסך מיט, צו די גוטע באַציאונגען צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג. ער, דער כומר, טוט נישט קיין גוטס, כאָטש פון אַ נדבה פאַר יידישע צוועקן זאָגט ער זיך נישט אָפּ, אָבער דערפאַר טוט ער קיין שלעכטס אויך נישט. פאַר דער מלחמה איז דאָ געווען זיינער אַ געהילף, אַ יונגער כומר, און ער האָט געוואָלט דאָ איינפירן די „גרויס־פּוילישע״ אָרדענונג. ער האָט אָנגעגעבן אַ ביטע וועגן אַ פּוילישער „ספּולקע״, אָבער זי איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מצד דער אַדמיניסטראַציע, אַ דאַנק אַ „מנחה־לעשו״. דאַן האָט ער אַליין, אויף זיין אייגענעם חשבון, געעפנט אַ באַקאַליי־קראָם, וועלכע ער האָט פאַרברייטערט מיט אַנדערע סחורות. לכתחילה האָט די קראָם אַרויסגערופן גרויס פחד ביי די יידישע קרעמער, נאָר לסוף האָבן זיי זיך באַרואיקט, איבערצייגנדיק זיך אין דעם קנאַפּן רושם פון דער קראָם. ערשטנס האָט דער קריסטלעכער קונה ליבער דעם יידישן קרעמער, ביי וועמען ער קען מיט די „טשאַבעטעס״ אַריינקריכן אין סאַמע זאַל אַריין, קען צובאָרגן און דער עיקר, כאַפּן אַ ביסל משקה — אַלץ זאַכן, וואָס ביים כומר איז נישטאָ. צווייטנס זענען אויך די געשעפטן אין קראָם גופא נישט געווען איבעריק גוטע. קיין ספּעציאַליסטן־איינקויפערס זענען נישט געווען, די סחורה האָט געקאָסט טייער, די „יוצר־משרתים״ האָבן זיך אויך נישט געלאָזט נאַרן פון דעם עסק, אַזוי אַז דער גאַנצער גלאַנץ איז באַלד אַראָפּגעגאַנגען.

יאָרנלאַנג פלעגן די „גאָספּאָדאַרעס״ פון די דערפער מאַכן „פּריגאָוואָרן״ אויף אַרויסצושיקן די יידישע ישובניקעס. חוץ דעם פלעגן זיי נאָך אָנטון געברענטע ליידן, ווי וואַרפן שטיינער אין די פענצטער, אויפקלייבן זיך מחנות׳ווייז און אָפּלאַכן פון דעם יידס יעדן ריר. אין לעצטן יאָר פון דער דייטשישער הערשאַפט האָט מען שוין ווייניקער געהערט אַזעלכע מעשיות. פונדעסטוועגן האָט געטראָפן, אַז אין אַ שבת׳דיקן פרימאָרגן האָט מען געפונען דעם ישובניק חאַצקל פּיאַסקער מיט זיין פרוי דערהרגעטע ביי זיך אין שטוב. דאָס איז געווען אין אַ דערפל, אינגאַנצן דריי וויאָרסט פון שטעטל. די יידן זענען געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ שטיקל אַרבעט פון די דאָרפס־איינוווינער.

צווישן דעם יונגן דור איז שוין נישט געווען די אינטימקייט, וואָס עס האָט נאָך געטראָפן צווישן די

עלטערע. עס איז צווישן זיי אַרומגעגאַנגען אַ פּאָראור־טייל, אַז יידן זענען שולדיק אין דעם פאַלן פון די „מאַרקן" און „באַנעס". זיי האָבן דעם כעס געשטיקט אין זיך, ווייל זיי האָבן דעם דייטש געהאַלטן פאַר אַ גוטן פריינט פון יידן. די איינצלנע, וואָס רייסן זיך אַרויס פון דאָרף אין דער שטאָטישער שול, קומען צוריק מיט אַ אַנטיסעמיטישן באַגאַזש. עס איז דעריבער נישט געווען צו דערוואַרטן קיין גוטס פון די דאָזיקע חניכים פון דער צוואַנג־שול. אויף אַזאַ דור איז שווער צו פאַר־לאָזן זיך אין מאָמענט, ווען עס ענדערט זיך די פּאָליטישע סיטואַציע צום שלעכטן.

2. „דער אַראָפּ"

אינגאַנצן אַנדערש זעט אויס דער צווייטער שטאָט־קוואַרטאַל, דער „אַראָפּ". דאָ וווינען סר'וב בעלי־מלאכות: שוסטערס, שניידערס, קירזשנערס, בעקער, ווי אויך די דאָרפסגייער, קאָראָבעלניקעס, בעלי־עגלות און תבואה־הענדלער.

די לאַנגע יאָרן אָרעמקייט האָבן געבויגן די פּלייצעס און געבלייכט די פּנימער פון די אַראָפּ־איינוווינער. די שטיבלעך, אין וועלכע זיי וווינען, זענען אַ שפּאַן די גרויס. אין דעם איינעם שטיבל אַרבעטן, עסן און שלאָפן גאַנצע משפּחות מיט קינדער. איינמאָל אין דער וואָך, אָדער אין צוויי טרעפט מען אין שטוב שטיין אַ „דייזשע". דאָס האָט מען „פּאַראָשטשינעט" ברויט.

דערפאַר אָבער שבת קומט אויך אַהער אַראָפּ די שכינה. אין דאָזיקן טאָג גיט זיך יעדער אָפּ מיט זיין חברה, צי איז עס חברה עין יעקב, חברה תורה, אָדער חברה תהילים. יעדער לויט זיינע ידיעות. אגב, איז אויך פאַראַן אַ געוויסע אַחדות צווישן די חברה־לייט. שטאַרבט עמיץ פון דער חברה, רחמנא־ליצלן, האַלטן די איבריקע פאַר זייער חוב מתעסק צו זיין זיך מיט זיין לויה, לערנען, תהילים־זאָגן.

אין „אַראָפּ" האָבן פון שטענדיק אָן געוווינט די אָרעמערע טיילן פון דער באַפעלקערונג. זייערע זין האָבן זיך נישט געקענט אויסקויפן פון מיליטער־דינסט. איז טאַקע דאָ נישטאָ כמעט קיין איין שטוב, ווו עמיץ פון דער משפּחה זאָל נישט האָבן דערלערנט אויפן אייגענעם לייב די סאָלדאַטישע מאַניערן. אויף די ווענט קען מען אָפט זען פאָטאָגראַפיעס פון סאָלדאַטן

אין פאַרשידענע פּאָזעס. די ווייבער פון די „זאַפּאַסנע" ווינען, נאַטירלעך, אין גרעסטן טייל אין „אַראָפּ".

אין די לעצטע צען יאָר האָט די טעכניק אַלץ מער אַרויסגעשטויסן די יידישע פּרימיטיווע מלאכה־פאָרם. דער יידישער בעל־מלאכה איז אַלץ מער געוואָרן באַדנלאָז און איז געווען געצוווּנגען צו זוכן זיין מחיה מעבר לים.

נישט אַלע איז גרינג אָנגעקומען איינצולעבן זיך אין דער אַמעריקאַנער סביבה. די אַמעריקאַנער קולטור און ציוויליזאַציע האָט, חוץ אויף זייערע בערד, נישט איבערגעלאָזט קיין שפּורן אויף זיי. אין דעם גאַנצן טאַראַראַם האָט זיי נאָר אינטערעסירט אָנצוזאַמלען זיך אַביסל דאָלאַרן, כדי צו קענען מאַכן „קאָטשאַק" — צוריק אהיים.

אָנפרייענדיק זיך עטלעכע וואָכן מיט די קרובים און באַקאַנטע, האָט זיך אונדזער אַמעריקאַנער ווידער גענומען צו זיין שער און אייזן, ביז... דאָס געלט איז אים אויסגעגאַנגען און ער האָט זיך ווידער געזעגנט מיט זיין היים. נאָך אַ צייט איז ער ווידער צוריק־געקומען. אַזוי עטלעכע מאָל. פון שטילן דחקותדיקן שטעטל האָט אים געצויגן צו דער רוישיקער וועלט, ווו עס זענען פאַראַן בעסערע מעגלעכקייטן צו פירן אַ לעבן. פון דאָרטן, פון ווייטן אַמעריקע, צי לאָנדאָן, האָט עס אים געטריבן צוריק צום אָרט פון קבר־אָבות.

עס זענען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך דאָרטן „אויסגעגרינט", געשאָלטן דאָס פינצטערע רוס־לאַנד און זיך פולשטענדיק געענדערט. זייערע לעטערס האָבן עפּעס דערציילט וועגן אַ ניי לעבן, און זייערע „פיקטשעס" — פון נייע מענטשן.

ווען עס האָבן זיך געעפנט די טויערן פון אַמע־ריקע, איז אַלעמענס האָפנונג געווען וואָס גיכער צו פאָרן קיין אַמעריקע. פאַרשטייט זיך, אַז דעם גרעסטן פּראָצענט פון די פאָרער האָט געגעבן „אַראָפּ".

אין סאַמע מיטן פון „אַראָפּ, מיט איין זייט צו די מיט גראָז־באַדעקטע פעלדער, שטייט די אַלטע שול, וואָס ציילט אירע יאָרן אין די הונדערטער. נישט ווייט פון שול געפינט זיך ריווע־מרים, אַ זאָגערקע, אָנשפּרעכערקע און קברים מעסטערקע. ווען קנויט איז טייער געוואָרן און איז כמעט נישט געווען בנמצא, איז דער מנהג פון מעסטן קברים בטל געוואָרן. דאָך איז זי אין די ימים־נוראים אַרומגעגאַנגען מיט די

קבֿרים־באַזוכער וווּיזן די ערטער, נאָכגעזאָגט יעדן בפּטר זיין שבת, געבעטן די אָבֿות, די צדיקים, „זיי זאָלן גיין פון מעלה צו מעלה, פון מדרגה צו מדרגה און אַ זכות דערלאַנגען פאַרן כסא הכבוד, אַז די אייניקלעך זאָלן שוין מער נישט זיין נע־ונד, און ס'זאָל שוין נעמען אַ עק צו די צרות און צו דער וויסטעניש אויף דער וועלט".

דאָ איז אויך פאַראַן א יידענע, אַ מלמדקע, וואָס לערנט עבֿרי אויף דעם אופן פון „ב־ר־א־ש־י־ת ב־ר־א". עס פאַרשווינדן אַלטע טיפּן פון „זאָגערס" און עס קומען אויף נייע, ספּעציעלע זאָגערקעס, וואָס זאָגן פאָר און די איבעריקע הערן זיך איין.

אַמאָליקע יאָרן פלעגט דער תהום צווישן „באַרג" און „אראַפּ" זיין באַזונדערס גרויס. מען פלעגט זיך נישט משדך זיין, נישט האָבן קיין שום פאַרבינדונגען. אויסגעוואַקסענע חדר־ייִנגלעך פלעגן איינאָרדנען געשלעגן, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט פאַרוווּנדעטע פוןביידע צדדים. ווען די לומדות פון „באַרג" האָט אויפגעהערט צו בלישטשען, און אַ טייל פון די „אראַפּער" איז אַרויף אויפן באַרג — איז די מחיצה אַביסל קלענער געוואָרן, זי איז אָבער געווען נאָך גענוג שטאַרק אַפילו צווישן דער יוגנט.

צווישן ביידע טיילן פון דער באַפעלקערונג איז שטאַרק פאַרשפּרייט די מצוה פון הכנסת־אורחים און דאָס געפיל פון קרובֿהשאַפט. פרויען געדענקן אַלעמענס יחוס אויף אויסווייניק און קענען אויסרעכענען די אָפּשטאַמונג אַפילו ביזן צענטן דור. ווען עס קומט אַמאָל אַ גאַסט, אַ ווייטער קרובֿ, נעמט מען אים אויף זייער גוט און מען באַהאַנדלט אים בעסער ווי אַן אייגן קינד. פאַרשטייט זיך — יעדן לויט זיין גראַד. אין די מלחמה־יאָרן איז אַביסל געפאַלן די גאַסטפריינדלעכקייט צוליב דעם, וואָס עס איז שווערער געוואָרן דער קאַמף פאַר לעבנס־מיטל, און עס איז גרעסער געוואָרן דער פּחד פאַרן מאָרגן. פונדעסטוועגן האָט מען אין שטעטל גיכער, ווי אין שטאָט, געלאָזט זיך דערקענען צו אַ געדריקטן קרובֿ. נאָכמער, אַפילו דעם קרובֿ, וואָס איז פונדערווייטנס און ליידט דאָרט חבֿלי־מלחמה, פאַרגעסט מען אויך נישט. מ'דאַגהט וועגן אים, און מען באַמיט זיך מיט וואָס עס איז ברענגען נוצן. אַזוי פלעגן זיי שיקן צו זייערע קרובֿים אין שטאָט פאַרשידענע לעבנס־מיטל־פּראָדוקטן, וועלכע מען האָט דאָרט נישט געקריגן, אָדער זענען געווען זייער טייער. אַפילו צו פרעמדע, נישט קיין קרובֿים, איז די באַציִונג אויך אַ גאַנץ גוטע. אין באַלעבאַטישע הייזער — לאַדט מען אָפּט איין אַ אורח, אַפילו אַ פאַרמעגלעכן, מ'נעמט אויף דעם אָרע־מאַן, וואָס איז געשיקט פון בית־המדרש. עס באַקומען דאָ אויך זייערע „טעג" עטלעכע ישיבֿה־בחורים, דער מגיד.

עס זענען אויך פאַראַן באַלעבאַטים, וואָס אַפילו אין די שווערסטע צייטן זאָגן זיי זיך נישט אָפּ פון קיין שום דבֿר־מצווה און האַלטן אויס זייערע עלנטע קרובֿים, אָדער באַקאַנטע, אינגאַנצן אויף קעסט.

אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה איז דאָס שטעטל, זייענדיק אינגאַנצן פון 6—12 וויאָרסט ווייט פון פראָנט, געווען אַ צענטער פאַר אַ סך היימלאָזע פון רייזגראַד, יאַגוסטאַווע, שטאַבין, ליפּסק, סאָפּאָצקין. דעמלט זענען געווען איבער הונדערט פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך געניטיקט אין הילף. פאַרשטייט זיך, אַז כאָטש אין שטעטל האָט מען גוט פאַרדינט פון די דורכמאַרשירנדיקע סאָלדאַטן (אַ נייע פּרנסה איז דעמלט אויפגעקומען: חלה־באַקן. יעדע שטוב האָט געבאַקן חלה און פאַרקויפט מיט קוואַס און ביר. דערפון זענען טאַקע אַ סך „אראָפּער" געקומען צו געלט), פונדעסטוועגן האָט אַזאַ קליין שטעטל נישט געקענט אויסהאַלטן אַזאַ מאַסע נצרכים. די הויפּט־שטיצע האָט געגעבן דער ביאַליסטאָקער הילפס־קאָמיטעט, ווי אַ סובסידיע פון דער מאָסקווער צענ־טראַלע. דאָס שטעטל גופא האָט אויך אַרויסגעוויזן דאָס ספּעציפיש־ייִדישע רחמנות־געפיל. די ערשטע טעג האָבן בעלי־בתים צוגענומען צו זיך די היימלאָזע, געבאָרגט מלבושים און מעבל. ווען די פליטים זענען לויט אַ פאַראָרדנונג פון דער מאַכט, אַרויסגעשיקט געוואָרן אין וואָראָניעזשער גובערניע, האָט מען זיי באַגלייט און מיטגעגעבן גאַנצע קוישן שפּייזוואַרג, קעז, בוימאייל, חלה'ס, וואַרעניעס, צוקער. איינצלנע פון שטעטל האָבן זיי אַפילו באַגלייט ביז צו אַ נאָענטער סטאַנציע.

נאָך אַ מעלה קען מען געפינען סיי ביי די מיוחסים, סיי ביי די פּשוטע ייִדן: דאָס נישט באַנקראָטירן. ביי די קליינשטעטלדיקע ייִדן איז שטאַרק איינגעוואָרצלט דער באַגריף פון פּריוואַט־אייגנטום, און אַ פרעמדע קאָפּיקע איז ביי זיי טרייף ווי חזיר. אַפילו בעת דער

מלחמה האָבן אַ סך אַליין אָפּגעשיקט דאָס געלט צו די בעלי־חובות. אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך שוין פאַרקליבן אַהער פאַרשוינען, וואָס ביי זיי איז רעכט „שלי — שלי ושלך — שלי״. באַזונדערס קרעמער, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן סוחרים. זיי זענען געווען ווייניק און צו חרפה אין שטעטל.

די איינוווינער פון שטעטל האָבן אויך געהאַט אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר די בהמות, וואָס זיי האָבן געהאַלטן. באַלד ווי זיי שטייען אויף אינדערפרי, נאָך איידער זיי עסן אַליין אָפּ, מאַכן זיי פריער דעם צעבער פאַר דער בהמה. ווען אַ בהמה ווערט קראַנק, וויסן דערפון אַלע שכנים. ביים טרעפן זיך פרעגט איינער ביים אַנדערן מיט אַן אומעט אין קול: „נו, וואָס הערט זיך? וואָס מאַכט זי?״ ווער שמועסט, אַז די בהמה פגרט אָוועק, איז עס אַלעמענס אויפריכטיקער צער.

אין נאָרמאַלע צייטן פלעגן די „אַראָפּער״ „אָנגעמען״ סעדער. אויב ס'איז געווען ווייט פון שטעטל, האָבן זיי דעם גאַנצן זומער גענעכטיקט אין ספּעציעלע ביידלעך. אין האַרבסט, אַרום סוכות, פלעגן זיי אַרויסשיקן זייערע קליינע יינגלעך און מיידלעך מיט קיישלעך אין איין האַנט, מיט אַ וואָג אין דער צווייטער. צו גיין אויפן „באַרג״ מבית־לבית און פרעגן די באַלעבאָסטעס: „אפשר דאַרפט איר עפּל, באַרנעס, פלוימען?״ אין לעצטן יאָר האָט מען זיך געכאַפּט צו יעדן סאָרט פּרנסה און קיין חרפה און שוועריקייטן האָבן גאָרנישט עקזיסטירט. דאָסמאָל זענען שוין „באַרגער״ אויך געווען צווישן די סאַד־אונטערנעמער.

ביי יעדער שטוב און שטיבל, סיי ביי די „באַרגער״, סיי ביי די „אַראָפּער״ (על פּי רוב האָט אויך דער אָרעמאַן געהאַט אַ שטוב מיט אַ פּלאַץ בירושה) האָט זיך געפונען אַ גאָרטן, וווּ מען האָט פאַרזייט בוראַקעס, קרויט, מערן, ציבעלעס, רעטעכער, אוגערקעס, שטשאַוו, ברוקווע און דער עיקר, קאַרטאָפל. סיי די „באַרגער״, סיי די „אַראָפּער״ יידענעס האָבן אַליין געגראָבן די פאַרטיקע ירקות. דער אינטערשייד איז נאָר אין דעם, וואָס ביי די „אַראָפּער״ איז דאָס ביסל קאַרטאָפל פון גאָרטן אַ שטיק חיונה און נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף דעם, גראָבן זיי עס אויס פריצייטיק, און ביי די „באַרגער״ איז עס נישט מער ווי אַ צוגאָב, ווי אַ מותרות צום פול־אָנגעפּאַקטן קעלער מיט געקויפטע קאַרטאָפל.

אין אַלגעמיין האָט מען אויך ביי די „באַרג״־באַלעבאַטים געזען די געוווינהייט צו פיזישע אַרבעט. דער באַלעבאָס פאַריכט אליין זיין גאַניקל, האַקט אליין האָלץ, אַ סך צעזעגן עס און לייגן עס אויך אָן אין קאַסטערן.

ירוחם לעווין

„דער יידישער יוגנט־פאַראיין” אין סוכאָוואָליע

אונזער מיטגליד ירוחם לעווין שרייבט אונז פאָלגענדעס:
לויט מיין איניציאַטיוו, איז דאָ חוה״מ פסח געגרינדעט געוואָרן אַ „יידישער יוגנט־פאַריין”, וועלכער האָט דעם ציל: „צו פאַראייניגן די גאַנצע יידישע יוגנט פון סוכאָוואָליע, כדי צו אַרבעטן לטובת דער פאַבעסערונג פון דער גייסטיקער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקרונג אין שטעטל”. איצט איז שוין אָנגעגעבן געוואָרן אַ ביטע וועגן לעגאַליזירן אים.

די תקנות פון פאַריין זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן לויטן מוסטער פון „ביאַליסטאָקער יידישן יוגענד־פאַריין”.

פאָרלויפיק האָט דער פאַריין איינגעאָרדנט, אויסער דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג 7 פאָרלעזונגען פון יידישע בעלעטריסטישע און פובליציסטישע ווערק. אויך זענען שוין אָפּגעהאַלטן געוואָרן 2 לעקציעס אויף אַלגעמיינער געשיכטע און 2 פאָרלעזונגען פון יידישער געשיכטע.

אַ באַזונדער ווערט האָט אַן אַנדער אונטערנעמונג. דאָס זענען פאָרלעזונגען פאַר קינדער, וואָס זענען ביי אונז איינגעאָרדנט.

אין אַ קליין שטעטל, וואָס איז ביז איצט געשלאָפן אין אומוויסענהייט, און אַפילו די בעסערע עלעמענטן האָבן אויך מער נישט ווי געחלומ׳ט פון אַ אָפענער וועלט, איז שווער צו מאַכן אַ ראַדיקאַלע איבערקערעניש אין די מוחות פון די דערוואַקסענע, און דער פּרוכטבאַרסטער ווירקונגס־פלאַץ, איז נאָר די קינדער־וועלט. איבערהויפט איז דער דערציאונג־געביט זייער פאַרלאָזן ביי אונז און די קינדער וואַקסן גייסטיקע קאַליקעס. דעריבער האָבן אַזאַ גרויסן אינטערעס צווישן די קינדער גופא אַרויסגערופן פאָרלעזונגען און כמעט אַלע קינדער פון שטעטל באַזוכן זיי.

עס זענען שוין איינגעאָרדנט געוואָרן 4 פאָרלעזונגען:
3 פון שלום־עליכמ׳ס ווערק און איינע פון פרישמאַן. איבערהויפט ווירקט אויף די קינדער דאָס אַנאַליזירן די ווערק, אין וואָס זיי נעמען אַ לעבהאַפטן אַנטייל. די פאָרלעזונגען קומען פאָר אין אייגענעם לאָקאַל. מיטגלידער זענען פאַראַן ביי אַ 160. נאָר אַ קליינע מינדערהייט פון דער שטעטלשער יוגנט איז געבליבן אויסערן פאַריין. דער פאַריין האָט אויך אַ נייעס אַריינגעבראַכט דערמיט, וואָס ער האָט אַריינגענומען אין זיך אַלע עלעמענטן פון דער יוגנט אָן אויסנאַם, ווייל דאָס שטעטל טיילט זיך פון קדמונים אָן אויף 2 געגנגעזעצטע און געגנגעשטימטע לאַגערן: די בעלי־מלכות און אָרעמעלייט, וואָס וווינען אין קוואַרטל „אַראָפּ”, לעבן זיך נישט צענויף מיט די סוחרים און מיוחסים וואָס וואוינען אויפ׳ן „באַרג”.

אין פאַרוואַלטונג פון פאַריין, אויך אין די קאָמיסיעס, זענען אָבער פאַרטראָטן אַלע שיכטן.

שוין איז צו זען ווי די קינדער קלייבן זיך צונויף גרופּענווייז אין די גאַסן, שפּילן זיך און זינגען „התקוה”.

דער פאַריין האָט אויך באַשלאָסן איינצואָרדנען אונטערקורסן פאַר אַ אַלפאַבעטן, וועלכע זענען דאָ נישט ווייניק.

עס האָט זיך אויך פּראָיעקטירט צו עפענען אַן אומזיסטע שול פאַר אָרעמע קינדער. עס זענען שוין געווען אַפילו פאַרשריבן 80 קינדער. עס זענען שוין אויך צוגעגרייט געוואָרן 500 בלוי־ווייסע מגן־דוד׳ס צו פאַרקויפן אין די הייזער לטובת דער שולע, נאָר דאָס איז בטל געוואָרן, צוליב דער דייטשישער צוואַנג־שולע, וועלכע ווערט דאָרט איצט איינגעאָרדנט.

דאָ עקזיסטירן אויך 5 גרופּעס צו דערלערנען די יידישע ליטעראַטור און געשיכטע, לויטן מוסטער פון די ביאַליסטאָקער קינדער „צעירי ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע”.

איבערהויפט איז צו באַמערקן אַן אויפלעבונג צווישן דער יוגנט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו לערנען אַזעלכע, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן, וואו עס ליגט אַ בוך. מערסטנטיילס לערנט מען העברעאיש. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָ זענען פאַראַן 3 לערער פעלט נאָך אַ לערער.

זונטיק, ל״ג בעומר איז דאָ איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שפּאַציר פון בערך 400 שטעטלשע קינדער אין דערבייאיקן וואַלד. מען האָט פאַר זיי גערעדט, פאָרגעלעזן, און מ׳האָט געזונגען.

ווען זיי זענען געגאַנגען צוריקוועגס, פאַרוויינט אין רייען, האָט זיך געוואָלט גלויבן, דאָס די וועלן געוויס זיין אין אונזער צוקונפטיקער אַרמיי, וואָס וועט פאַראויס, פאַר אונז גיין, אונזערע חורבות צו בויען און די גאולה צו ברענגען.

ירוחם לעווין

(„יידישער יוגנט” נומער 6, 26/8/1916, ביאַליסטאָק)

סוכאָוואָליע אין 2־טן וועלט־קריג

ביז צו דעם צווייטן וועלט־קריג איז־דאָס לעבן אין שטעטל געפלאָסן רואיק און שטיל. עס זענען דאָ נישט געווען קיין גרויסע אונטערנעמונגען, נישט קיין עקאָנאָמישע, נישט קיין געזעלשאַפטלעכע. די באַשעפטיקונגען זענען געווען: אַ קראָם, אַ שענק, אַ קאַראַבעלניק, אַ בעל־מלאכה. די פּדיונות, ווי די רווחים — גראָשנדיקע, פון וועלכע מ׳האָט געפירט אַ באַלעבאַטיש לעבן אויפן קליינשטעטלדיקן שטייגער.

די יוגנט פלעגט גאַרן צו דער גרויסער וועלט. עס איז נישט אָנגעגאַנגען קיין שום געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ס׳האָבן נישט עקזיסטירט קיין אינסטיטוציעס. כדי אויסצוהאַלטן אַ תלמוד־תורה פאַר אָרעמע קינדער, האָט דער מלמד געמוזט אַליין גיין יעדן פרייטיק איבער די שטובן זאַמלען די „קאָפּיקעס" פאַר זיין שכירות. אַ ביבליאָטעק האָט זיך געפונען ערגעץ אין אַ קליין צימערל אין פּריוואַטע הענט. דער בודזשעט פון „לינת־הצדק איז געווען 10 רובל אַ מאָנאַט. עס זענען נישט געווען קיין פּאַרטייען. ציוניסטישע אַרבעט איז געווען פאַרבאָטן און פלעגט געטון ווערן אין געהיים. קיין קולטור־טעטיקייט איז לגמרי נישט געפירט געוואָרן.

מיטן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, באַזונדערס נאָכן אָפּטרעטן פון די רוסן פון מזרח־פּרייסן, האָט זיך די לאַגע אין שטעטל געענדערט. סוכאָוואָליע האָט זיך געפונען נאָענט צום פראָנט, און דער עקאָנאָמישער מצב האָט זיך דערפאַר פאַרבעסערט. דאַקעגן איז עס געוואָרן געפערלעך פאַר דער פּאָליטישער לאַגע פון די יידן. דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג האָט געדראָט די סכנה צו ווערן אַרויסגעשיקט אין טיף־רוסלאַנד. לויטן באַפעל פון גראָדנער גובערנאַטאָר האָבן די יידן געמוזט געבן „זאַלאָזניקעס" (ערבים), אַז זיי פאַרנעמען זיך נישט מיט שפּיאָנאַזש.

ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט אונדזער געביט, איז די עקאָנאָמישע לאַגע געוואָרן זייער קריטיש. דאָס יקרות איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. די פּראָדוקטן האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן צו ווערן. מען האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון צוקער, טיי, גאַזע, ווייצענע מעל, אַפילו שוואַרץ ברויט איז ביי אַ סך מענטשן געוואָרן אַ לוקסוס־זאַך. נאָך ערגער איז געווען די לאַגע אין די גרויסע שטעט, וווּ עס האָט ממש געהערשט הונגער. אונדזער יונגוואַרג איז צוריקגעקומען פון די שטעט, אויך אין אונדזער שטעטל איז אויפגעוואַקסן אַ יוגנט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו עמיגרירן. די יוגנט האָט אָנגעהויבן מאַכן פאַרזאַמלונגען, פאָרלעזונגען. עס איז אויפגעקומען אַ געזעלשאַפטלעך לעבן. עס האָבן זיך געשאַפן פּאַרטייען. אַ לעבעדיקע ציוניסטישע טעטיקייט האָט געפירט „צעירי־ציון". עס איז אויפגעקומען אַ לינקע פּאַרטיי, וועלכע האָט באַקעמפט די איינפלוסן פון „צעירי־ציון".

מיט דער צייט פאַרבעסערט זיך אַביסל די עקאָנאָמישע לאַגע. דער לאַנגער גלות האָט אויסגעלערנט די יידן צופּאַסן זיך צו יעדן מצב. מען האָט אָנגעהויבן שמוגלען, ברויט איז געוואָרן פאַרטיילט אויף קאַרטן, צייטנווייז פלעגט אויך קומען הילף פאַר אָרעמע. אין יענער צייט האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן שטעטל די טיפוס־עפּידעמיע און האָט צוגענומען פיל קרבנות פון דער באַפעלקערונג. אַ יאָר האָט געדויערט ביז מען האָט באַהערשט די קראַנקהייט.

אין די לעצטע חדשים פון דער דייטשער אָקופּאַציע דערוועקט זיך אין ליטע די פראַגע פון שאַפן „ועדי־קהילות". אויך אין סוכאָוואָליע איז פאָרגעקומען אַ וואַל־קאַמף צום ועד־הקהילה, וואָס איז באַשטאַנען

*) לויט „היסטאָריע פון סוכאָוואָליע" פון איסר סמאָליאַר, ניו־יאָרק.



די ביבל־אטעק פארוואלטונג, 1925
איסער סמאָלאַר (דער ערשטער פון רעכטס)

פון 13 מיטגלידער: 3 פון די באַלעבאַטים, 5 פון „צעירי־ציון" און 5 פון דער לינקער פאַרטיי. מאיר בורי איז אויסגעווילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער און איסר סמאָליאַר — אַלס סעקרעטאַר.

די ועדי־קהילות זענען מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפּטיילונגען פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט דיסטריביושן קאָמיטעט". ווען דער געביט גייט איבער צו די פּאָליאַקן, ענדערט זיך די לאַגע אין שטעטל צום בעסערן. עס הויבט זיך אָן אַ פּאָסט־פאַרקער מיט אַמעריקע, פונוואַנען פרויען הויבן אָן צו באַקומען געלט פון זייערע מענער. דער ועד־הקהילה קריגט אַ מאָנאַטלעכע שטיצע פון „דזשאָינט".

די יוגנט הויבט אָן צו וואַנדערן און זיך דער־שלאָגן קיין אַמעריקע. אין זעלבן יאָר שאַפט זיך די „מזרחי", וועלכע נעמט איבער די ציוניסטישע אַרבעט, וואָס פלעגט פריער אויסגעפירט ווערן דורך „צעירי־ציון".

דאָס יאָר 1920 איז געווען רייך אין געשעענישן. אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן האָט סוכאָוואָליע נישט איבערגעלעבט אַזויפיל ווי אין די צוויי חדשים. דער אַריינמאַרש פון די באָלשעוויקעס און דאָס צוריק־קומען פון די פּאָליאַקן האָבן דאָס שטעטל רואינירט, ס'זענען געפאַלן קרבנות, פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קבצנים, די אַלגעמיינע שאָדנס האָבן באַטראָפן אַן ערך דרייסיק מיליאָן מאַרק. נאָר אַ דאַנק אונדזערע אַמעריקאַנער ברידער האָבן מיר אָנגעהויבן ווידער אויפבויען אונדזער קהילה.

איסר סמאָלאַר

געווען אזא שטעטל...

דורך פעלדער און וועלדער, קאָלאָניעס און דאַטשעס,
געשלעפּט האָבן די פערדלעך, געפּגרטע קלאַטשעס.
די פּאַסאַזשירן אויף די זעק מיט די תבואות
פלעגן כאַפּן דערווייל אַ זאַפטיקן שמועס.

מיטאַמאָל עס שימערט פונווייטנס דער כרך,
דער שפּיץ פון קאָשטשיאָל, די שול מיט איר דאַך,
מען זעט שוין דעם „באַרג״, אָט באַלד דער „אַראָפּ״.
עס דרייט זיך פון שמחה ממש דער קאָפּ.

דער גאַנצער כרך — גרויס ווי אַ גענעץ.
דער מאַרק, פינף גאַסן — דאָס איז די גרענעץ.
עס ציען זיך געסלעך אַראָפּ און אַרויף.
דער פּלאַן פון שטעטל — אַ מענטשלעכער גוף.

ס׳לאַנגע דאָרף — דער קאָפּ,
ביידע פיס — דער אַראָפּ.
קאַרפּאָוויטשער, יאַנאָווער,
דאָס זענען די הענט.

און דער מאַרק אינמיטן —
דער גאַנצער מחותן.
שטענדיק געטומלט מיט גויים און יידן,
מיט מסחרים, מערק און ירידן.

געווען אין שטעטל צדיקים, גאונים,
אַ שטרעבנדיקע יוגנט, עילויים און רבנים,
קרעמער, שענקער, סטאָליאַרעס און שמידן,
מענטשן פון אַרבעט — טייערע יידן.

איצט, ווען זכרונות קומען פּאַוואָליע
וועגן אַמאָליקן שטעטל סוכאָוואָליע,
איז אַלץ דאָרט צעשטערט, וויסט און חרוב,
נישטאָ מער טאַטע און מאַמע, ברודער און קרוב — — —
אל מלא רחמים...!

שושנה סטושינסקי־כהן

פון שטוב צו שטוב

פון **חנה פריבולסקי-שטיינבערג**

אין מיין זכרון האָט אויפגעלעבט דאָס שטעטל. איך שפּאַציר פון שטוב צו שטוב, זע ז י י אַלע, יונג און אַלט, זייער לעבנס־שטייגער, אין וואָכעדיקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר און אין שעהן פון שבת־יום־טובדיקער שטימונג.

אַלץ רעדט צום האַרצן: אַ געסל, אַ שטיבל, אַ גאַניקל, אַ גלייכווערטל, אַ צונאָמען, וואָס כ׳האָב שוין לאַנג נישט געהערט. עס ווילט זיך שילדערן דאָס אַלץ מיט ליבע מיט גוטמוטיקן שמייכל און אויפריכטיקן צער.

עס ווערן דאָ דערמאָנט צונעמענישן, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַרן שטעטל. זיי זענען אָבער נישט אויסן קיינעם, חלילה, צו באַליידיקן. זיי שטעלן נאָר פאָר מיט זיך אַלטן פאָלקלאָר, וואָס איז פאַרבליבן אין זכרון פון אונדזער טייער שטעטל, אַ אָפּקלאַנג פון אַמאָליקע טעג.

פון אַלץ, וואָס איז דאָרט געווען, פונעם גאַנצן לעבן אונדזערס פון דור־דורות, איז שוין לאַנג קיין זכר נישטאָ. אַכזריותדיק זענען אומגעקומען אונדזערע נאָענטע און טייערסטע. נישטאָ מער אונדזער שטעטל, אונדזער אַלטע היים. דאָך טרעפט, אַז אַלץ שטייט פאַר אונדזערע אויגן מיט אַזאַ שאַרפער אויסדרוקלעכקייט, פונקט ווי אַמאָל, מיט צענדליקער יאָרן צוריק, אין אונדזערע קינדער־יאָרן.

...אַ זומערדיקער פאַרנאַכט, ווען מען זיצט אויף די „פריזבעס", אַ ווינטער מיט זיינע שנייען און פרעסט. און די היימען? — אַ פערעדניע (פאָדערצימער), אַ אַלקער, אַ ספּיזאַרקע, אַ סאַראַוועטקע, אַ קאָמאָדע, אַ שלאָפבאַנק, אַ וואַנט־זייגער מיט אַ פּאָמפּאָדיקל, וואָס קלאַפּט טיק־טאַק, טיק־טאַק, אַ ברעמיע־האָלץ ביים אייוועלע, אין ווינקל אַ כלי מיט וואַסער און אַ קופּערנע קוואָרט.

די מלבושים: אַ סורדוט, אַ קורטקע, אַ באַשליק. וואַילאָקעס, פּאַפּוטשעס, אַ אַלקע און אַ „דושעגרייקע" (סוועטער).

פרי הייבט זיך אָן דער טאָג אין שטעטל:

עס איז נאָך פינצטער אינדרויסן, ווען מען לאָזט אַרויס די קו אויף פּאַראַנקעס און מען נעמט זיך צו די טאָג־טעגלעכע הכנות: פאַראָשטשינען אַ „דייזשע" ברויט, צושטעלן דעם קרופּניק אויף איבערבייס און דעם סאַגאָן געקעכטס אויף וויעטשערע. דער שעקאַץ שעצקעט די בולבעס, אין צעבער ווערן אויפגעמישט די קלייען מיט די פּאָמיניעס.

דערנאָך גייט אַ פרשה מילכיקס: אַ שקאָפּאַק מילך, פּאָליוועניע דיישקעס מיט זויערמילך, אַ סירניק מיט סאַראַוועטקע, אין דער קלוצקע שלאָגט זיך די פּוטער. זומער פרעגלט מען מוזע אין דער מעשענער מעדניצע און איינגעמאַכטס אויף „הלואי זאָל מען נישט דאַרפן".

ווינטער שאַטקעוועט מען קרויט, מען פליקט פעדערן, מען פרעגלט גריוויניעס, און פּעטשירקע זידט די בונקע טיי, אין אייוועלע קלאַטשקעט זיך דער צוגונטשיק מיט בולוועלעקשלעך.

פרייטיק פאַררוקט מען דעם טשאָלנט אין אויוון; לכבוד שבת בלישטשען די מעשענע לייכטער, די קופּערנע פענדלעך. אַנשטאָט דעם „קורניק" צינדט מען אָן דעם בליץ־לאָמפּ.

אַ גאַנצע וואָך איז דאָס לעבן גרוי. מען האַנדלט און וואַנדלט. ווער אין שטעטל, ווער אין דאָרף. מען איז פאַרזאָרגט און פאַרחושכט, אין פחד פאַרן שררה, פאַרן פּריסטאַוו, פאַרן אַקציזניק און אַפילו פאַרן דזיעשאַטניק.

דערפאַר איז שבת נאָך גרעסער דער אונטערשיד בין קודש לחול. עס פילט זיך די הייליקייט, דער שבת קודש, דער קידוש, די הבדלה, מים אחרונים, די „צאינה וראינה" פון די מאַמעס, דאָס „מעביר סדרה" זיין פון די טאַטעס.

יעדער יום־טוב האָט אין שטעטל זיין ספּעציפישן חן.

די עשרת ימי תשובה, די אימה פון די ימים נוראים. די פריילעכקייט פון שמחת־תורה, די דריידלעך און

לאַטקעס פון חנוכה, די מגילה און משלוח־מנות פון פורים, די הכנות צום שיינעם און ריינעם פסח, דער סדר, די הגדה, די אַרבע־כּוסות און די קניידלעך דער יאָר־יערלעכער ווונטש „לשנה הבאה בירושלים״.

עס לעבט אויף פאַר מיר דאָס שטעטל אין זיין גאַנצער גרויקייט און פאַרביקייט:

אָט איז דער „באַרג — אַראָפּ״, ביידע יאַנאָווער געסלעך, דער געלער באַרג, קאַרפּאָוויצער־גאַס, דאָס שוסטערדערפל, דער לאַנגער דאָרף. אָט איז דער ביעל, דער סטאַוו, דאָס טייכל, דאָס קאָרן, דער וואַלד. אָט איז דאָס אַלטע בית־מדרש. מען הערט אַפילו דאָס קול פון די מתפללים... די הייליקע שטילקייט פון נייעם בית־המדרש, די שיינע סוכאָוואָליער שול מיט איר ספּעציפישן חן. גדליהו דער שמש רופט „אין שול אַריין...״

אָט איז דער קאָשטשיאָל, להבדיל; די שענקען, די קרעמלעך, די קוזשניע, די וואַרשטאַטן, די חדרים, די שולן, די ביבליאָטעק.

אַ חתונה אין שטעטל.

די טירן זענען אָפן, אַלע קענען אַריינקוקן, אַריינקומען און מיטפרייען זיך אויף דער פרעמדער שמחה. אַ חופּה ציט זיך דורך דער גאַנצער גאַס אויפן וועג צום בית־המדרש, באַגלייט מיט דער מוזיק פון די כּלי־זמרים און געזאַנג: „חתן־כּלה — מזל טוב!״

קומט אַן אורח אין שטעטל שיקט מען אַ פלעשל וויין „פאַר אייך מיט אייער גאַסט״. אַן אָרעמער פאַרבייגייער ווערט גלייך באַזאָרגט מיט אַ מאָלצייט. באַווייזט זיך אַ מגיד, אַ משולח — באַשטעלט מען פאַר אים טעג.

דער מאַרק־פּלאַץ זעט אַ גאַנצע וואָך אויס פּוסט און ליידיק. ערשט זונטיק צום „נישפּאַר״ און דאָנערשטיק צו אַ געוויינלעכן מאַרק־טאָג, אָדער צו אַ יריד, ווערט דאָרט פול און לעבעדיק.

אינגאַנצן אַנדערש זעט דער מאַרק־פּלאַץ אויס אום שבת. ער טרייסלט פון זיך אַראָפּ אַלדאָס וואָכעדיקע. שבת־יום־טובדיקע יידן גייען רואיק אין בית־המדרש. בין־השמשות שפּאַצירן פאַרביי פּאָרלעך. תמיד די זעלבע פּנימער. פאַר דעם יינגוואַרג ציט זיך דער וועג דורך יאַנאָווער־גאַס צום קאָרן, אָדער דורך דער שול־גאַס צום וואַלד.

פון גאַס צו גאַס, פון שטוב צו שטוב — אומעטום שטייען אויף באַקאַנטע געשטאַלטן פון טייערע שכנים, פון נאָענטע קרובים און פריינט:

1. חנה מעניושקער, חנה רייצע און יאַנקל דער יינגל (סוכאָוואָלסקי):

די שטוב פון חנה רייצען (יאָסל מיירעמס שכן). זי האָט שטענדיג געלאַכט, האָט זיך אַ ווערטל געשאַפן: „חנה רייצע, איך גיי און איך לאַך״... זי האָט זייער יונג חתונה געהאַט, צו דרייצן יאָר. מען פלעגט דערציילן, אַז נאָך דער חופּה האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפן זאַמד פאַרן שטוב און געשפּילט אין ניסלעך. זי איז געווען תמיד אַ צערטלעכע מוטער. איר זון יאַנקלען, שוין אין די מיטעלערע יאָרן, רופט זי נאָך אַלץ „מיין יינגל״. איז דער נאָמען פאַרבליבן „יאַנקל דאָס יינגל״.

2. פסח ראַטשקעס (סידראַנסקי):

ביי חנה רייצען אין שטיבל האָט געוווינט פסח ראַטשקעס. אַ ווילער אַנטוויקלטער בחור, אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין ה„חלוץ״ און אַמאַטאָרן־קרייז.

3. חאַשקע איתמר׳ס און יודל דעם פעטער לייבלס (קרוצעל):

די שיינע חאַשקע — תמיד מיט אַ פאַרזאָרגטן בליק, דאָס לעבן האָט שוין באַוויזן צו לייגן אויף איר זיין סטעמפּל. אויף יודל׳ס איידעלען פּנים — שטענדיק אַ שמייכל. יאָרן לאַנג האָבן זיי זיך גקליבן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, פון טאַטע איתמר דעם ווילן געירשענט, אָבער נישט זוכה געווען.

4. חיים דער שטעפּער מיט שאָשקע /גאלוב/:

אַרבעטזאַמע מענטשן. פון שאָשקעס מויל קלינגט אַפילו אַ שלעכט וואָרט ווי אַ ברכה. אַז זי וויל אָנשרייען אַ מאָל אויף אַ קינד וואָס פאָלגט נישט, גייט זי נישט ווייטער ווי „אוי, געזונד זאָלסטו זיין״, „קיין שלעכטס זאָלסטו נישט האָבן״. חיים, פון די ציון־טרוימער, האָט פאַרווירקליכט זיין חלום און זיך באַזעצט אין א״י.

5. ריבצ׳ע אוסטראָוו:

שטענדיק זידט דער סאַמאָוואַר אין איר שטוב, שפּיגלען קען מען זיך אין אים; שטענדיג ביי אַ קאָכעדיקע שטאַרקע גלאָז טיי, תמיד אין געזעלשאַפט. אַמאָל דער זיידע חאַצקל, אַמאָל דער פעטער מרדכי יאָסל, דער פעטער לייבל, סענדער דער טאָקער, מאָטי דער סטאָליאַר אָדער מאָשע גאַרנאַסטאַיסקי. ווען זיי קערן זיך צוריק פון בית־המדרש נאָך שחרית, קריגט די מומע ריבצ׳ע דעם ערשטן גוטמאָרגן און נאָך מעריב די ערשטע ברכה פאַר אַ רואיקע נאַכט.

6. דער זיידע חאַצקל וועלוועקס און די באָבע העני־רחל (קרוצעל):

אייגנטליך האָט מען אים גערופן חאַצקל העני רחל׳ס,



העני־רחל׳ס הויז אויפן „באַרג״

יוייל די „ממשלה״ האָט געפירט די באָבע. אַז אַ גוי פרעגט עפּעס דעם זיידן, ענטפערט ער אין זיין צובראָכענעם גויאיש: „טאָ מאָיאַ ז׳אָנקאַ, אָן קאַזאַלי״ (פרעג מיין פלונית׳טע...). דער זיידע איז געווען אַ עניו מיט אַ גוט האַרץ, אַ זיסע שטימע, פלעגט דאַוונען ביים עמוד אין אַלטן בית־המדרש. אויך אין שטוב פלעגט ער תמיד זינגען זיינע טרויעריקע נגונים. קומט אַן אָרעמאַן אין שטעטל, ווענדט ער זיך צום זיידען און מיט זיין צעטעלע ווערט זיך קיין סוכאָוואָליער בעל־בית׳טע נישט אָפּזאָגן זיך טיילן מיטן אָרימאַן מיט אַ טעלער געקעכטס. ביי דער באָבען העני־רחל איז געווען אַ „אָפענע שטוב״, זעלטן איז געווען אַ שבת אָן אַ אורח ביים טיש. מיט אַלע שווערע הערצער ווענדט מען זיך צו דער באָבען. זי ווייס די ערשטע פון אַ שמחה אָדער אַן אומגליק, וואָס האָט ביי אימיצן פּאַסירט.



די לוויה פון אסתר׳קע יודל׳ס איינציק קינד.

דער צווייטער פון לינקס צו רעכטס: **דער זיידע חאַצקל,** סענדער אוסטראָוו, **די באָבע העני־רחל, די מומע יהודית.**

7. **יודל רחל׳ס (קרוצעל):**

פון די פאַרגעשריטענע יונגע לייט אין שטעטל און די גרינדער פון דער ביבליאָטעק. ער איז געווען באַליבט אין דער משפחה און אַלץ האָט זיך אין שטוב קאָנצענטרירט אַרום אים. ווען זיין איינציקע טאָכטער אסתר׳קע ווערט אַוועקגעריסן פון לעבן, געפינט ער קיין טרייסט. ער ווערט שטאַרק פאַרפרומט, עמיגרירט קיין קאַנאַדע און די אמונה גיט כח צו פירן זיין איינזאַם לעבן אין ווייטן קאַלטן לאַנד.

8. **די מאַמע יהודית:**

אַן אמת׳ע „אשת חיל”. בלייבענדיק יונג אַן אַלמנה מיט 4 יתומים, פירט זי בכבוד איר שווערן לעבן. די פרנסה איז שווער אָנגעקומען, פון איין פור אַראָפּ אויף דער אַנדערער אַרויף. כסדר פאָרענדיק אויף מערק, אויף ירידים, איינגעפּאַקט סחורה, אויס־געפּאַקט סחורה און ביינאַכט ליגט זי מיט אָפענע אויגן און חשבונ׳ט ווו צו נעמען, און ווו צו געבן. געהאַט אַ באַציאונג צו בילדונג בכלל און צו העב־רעאיש בפרט. „יהודית׳עס קעפל” — איז געווען אַ „שם־דבר” אין שטעטל.

9. **יצחק פריבולסקי, דער פאָטער:**

געבוירן אין אָרלע, באַרימט אַלס מתמיד און עלוי. דאָס שטעטל האָט געהאָפט אַז ער וועט פאַרנעמ[ען] זיין פאָטערס פּלאַץ אַלס רב. די השכלה רייסט אים אָבער אַוועק פון רבנות און ער ציט מיט זיך מיט זיין חבר פרץ הירשביין. אין סוכאָוואָליע איז ער פון די ערשטע העברעאישע לערער, און זיין „עברית בעב־רית” איז אַ חדוש אין שטעטל. זיינע תלמידים האָבן אים פאַרגעטערט. ער קנעלט און שרייבט, שרייבט און קרענקט... אין יאָר 1908 באַווייזט ער נאָך צו פאַרעפנטלעכן אין „ראָמאַן־צייטונג” (וואַרשע, 1908) אַ דראַמע אין 3 אַקטן „קינדער” און קורץ נאָך דעם איז ער געשטאָרבן, זיינע לידער בלייבן נישט דער־זינגען. פרץ הירשביין האָט געווידמעט זיין יוגנט־חבר פיל פּלאַץ אין זיינע ביכער „קינדער־יאָרן” און „אין גאַנג פון לעבן” (זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער”. ניו־יאָרק, עמ׳ 1871).

10. **די מומע מלכה און דער פעטער מרדכי יוסל (קרוצעל):**

די מומע איז געווען אַ גרויסע בריה. שטענדיק יאָגט זי זיך, אַלעס טוט זי שנעל... אָבער שפּעט אין אָוונט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבייט, קוים דעם ערשטן דרימל איבערגעכאַפּט, איז זי ביי איר שוועסטער העני רחל. שעה׳ן קען זי דאָרט אָפּשטיין ביים אויוון און ווען זי באַמערקט אַז די באָבע דרימלט, האַלט זי איר אין איינדערמאָנען: „העני־רחל גיי שוין שלאָפן, ווילסט דאָך שלאָפן, ווילסט דאָך”. אָבער אַוועקגיין איז איר אַ שאָד. דער פעטער מרדכי־יאָסל פון די בעלי־תפילות אין שטעטל, דאַוונט ביים עמוד אין אַלטן בית־המדרש. ער דאַוונט מיט האַרץ, איידל איז זיין פּנים, זיס קלינגט זיין שטימע.

11. **יאַנקל און באַשע פּיטלוק:**

אַ שפּרונג פון דער מומע מלכה׳ס בריקל פירט צו יאַנקל פּיטלוק דעם טיפּישן קרעמער, דאָס גאַנצע לעבן זייערס דרייט זיך אַרום דער פרנסה.

12. **טויבקע און משה׳קע תשמיכעס (קרוצעל):**

משה׳קעס טאַטע, וועלוול בצלאל׳ס, איז געווען אַ ייד אַ למדן. באַגינען, ס׳איז נאָך פינסטער, זיצט ער שוין ביי דער גמרא. משה׳קע האָט פון זיין טאַטען געירשנט נישט בלויז דעם נאָמען, נאָר אויך זיינע גוטע מידות. שעה׳נוויַז שפּילן זיך דאָרטן קינדער אויף די זעק מיט תבואה.

13. **נחמן חאַצקל ביניאָמקעס און מירקע (קרוצעל):**

די שטוב האָט אויסגעזען פול מיט השכלה: אַלע זענען איבערגעבויגן איבער אַ צייטונג, תמיד איז דאָס הויז פול מיט מענטשן און מען דיסקוטירט. די קינדער משה׳קע און שייקע האָבן פון פריער קינדהייט שוין געהאָלפן דעם קראַנקן טאַטן ציען דעם יאָך. מירקע — שטענדיק אַ מוטלאָזע. ריינעלעס פּריצייי־טיקער טויט האָט געלייגט זיין סטעמפּל. און אַז משה׳קע איז געפאַלן אַן אומשולדיקער קרבן אין צוזאַמען מיט חיים לייזער און יאַכקע ליווערא[נ]ט ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן, האָט שוין מירקע אין לעבן קיין טרייסט נישט געפונען.



מירקע — נחמן־חאַצקל׳ס — קרוצעל (מיט אַ קינד)

14. הדסה (דאסא) העניעס (קרוצעל):
יאר־איין יאר־אויס ביי דער שניידעריי, שוין שווער א נאדל אריינצוצייען, און קיין פונק פון האפנונג אויפ־צובויען דאס לעבן איז נאך אלץ נישטא און קיין ביסל נחת פון איר פארהייראטער שוועסטער חנה׳ן איז אויך נישטא. יארן שפעטער פארענדיקט חנה טראגיש איר לעבן.

15. דבורה׳לע אלי משה׳קעס (שטיל):
א עלטער מיידל געווען — דאך געלונגט עס איר אפצוהיטן איר לעבנסלוסטיקייט און ענערגיע. אין שטוב ביי איר איז ציכטיק אין יעדן ווינקעלע, אבער פוסט, איינזאם.



אברהם דעם חסיד׳ס קינדער

דאס לאנגע דארף

דורך דער לאנגער גוויאישער גאס פירט דער וועג קיין ביאליסטאק. ביאליסטאק האט אין די קינדערשע אויגן געמיינט — די גרויסע וועלט, צו וועלכער די סוכאוואליער יוגנט האט זיך געצויגן, ווען דאס שטעטל איז פאר זיי צו ענג געווארן. דאס איז די איינציקע חשיבות, וואס דאס לאנגע דארף האט געהאט. מען האט נישט ליב געהאט דורכצוגיין די גאס אליין, מורא געהאט פאר די שקצים און פאר זייערע הינט. א פאר יידישע פאמיליעס האבן געוווינט אנפאנג פון „לאנגן דארף".

16. מלכה־פייגל מיט אירע קינדער: טויבע און שמואל חאטשע־לייב קרוצעל:
חאטשע־לייב א באשיידענער, האט ליב אריינצוקוקן אין א ספר. ברייטע, תמיד א שייטל אויפן קאפ, אין האנט דעם קרבן־מנחה סדור, פארשפעטיקט קיינמאל נישט דעם ערשטן מנין.

17. הערשקע טאשמיכעס מיט דבורהקען קרוצעל:
הערשקע, זיין פנים שטענדיק א שמייכלדיקס, תמיד ברומט ער צו א נגון, סיי אין ליידן, סיי אין פריידן.

18. אברהם דער חסיד:
ירוחם לעווינס ברודער מיט זיינע כשר׳ע קינדערלאך

19. אברהם חארלאפ (דער געלער) און גאלדע־חיה עלי־משה׳קעס:
א ציכטיקע שטוב און געהארכזאמע קינדער. אן אומ־גליק האט דארט פאסירט — זייער יונגע טאכטער פראדל איז געשטארבן. און אז עס פאסירט אן אומגליק אין שכנות, ווײַנען אלע שכנים מיט, אזוי ווי מען פרייט זיך, ווען ביי עמיצן מאכט זיך א שטיקל שמחה. אין א קליין שטיבל האט געוואוינט אסתר בניאמקעס. אן איידעלע פרוי, א געשטראפטע פון גורל. זי האט אן אויסטערליש גרויס פנים געהאט, א פארקריפלטס. מען פלעגט דערציילן, אז זי האט עס פון שרעק באקומען. אסתר איז געווען די צווייטע פרוי פון פעטער מאטל פריבולסקי. ער האט אונז קינדער ליב געהאט אויף זיין אופן: ווען עס קומט א יום־טוב ווייזט ער אונדז ארויס צערטלעכקייט — יעדעס קינד קריגט א „צארסקע צוקערקע".

20. יאנקל (דער קצב) ברומער און שיינע רייזל:
זייער זון יוסף מיט זיין ווייב נעכע שמולקעס. ביי יאנקל דעם קצב׳ס שטוב קומט דער ארעמער „משה קאלב" צונטקעגן. דאס הארץ גייט אויס פון רחמנות פאר אים.



משה־„קאַלב"

21. טעווע חאַטשעס סטוציִנסקי:

גראַטענע טעכטער האָבן חנה מיט טעווען געהאַט. ביי טעווען אין פאָדוואָר איז געווען אַ „לידאָווניע" — געבליבן פון אַ אַמאָליקער ברויז, דאָרט האָבן סוכאָ־וואָליער „אַרטיסטן"־ליבהאָבער טעאַטער געשפילט. אין דער פאָרשטעלונג פון פרץ הירשביינס „נבלה" האָט הערשל לייבציקס געשפילט אַ אומפאַרגעסלעכן טיפ פון דער נבלה. פאַני קרוצעל אַלס „חסיה די יתומה" האָט מען יאָרן לאַנג נישט געקאָנט פאַרגעסן. מיט אַזאַ „שמאי" ווי משה יאַנאָווסקי האָט אין „קעניג ליר" געגעבן, האָט מען זיך נישט געקענט פאַרשעמען. „שולמית" פון גאָלדפאַדן — סאַ שיינע שולמית, „דינקע טרעשצאַנסקי איז געווען! סענזעריכט האָט געשפילט אַ טיפ פון „מטורף". באַשקע גאַלאַנטי אַלס סופליאָר, איז געווען אַ שם־דבר. די פאָרשטעלונגען פלעגן שטענדיק זיין פאַר אַ וואָויל־טעטיגען צוועק: פאַר דער ביבליאָטעק, פאַר „לינת־הצדק" און אויך פאַרן „החלוץ". דאָס שטעטל האָט געלעבט אין אַט דער טעאַטער אַטמאָספערע וואָכן פאַר און וואָכן נאָך די פאָרשטעלונגען. ביי טעווען אין חצר האָט געוואוינט לייזער דעם בעקערס שוועסטער,

22. חנה און יאַנקל לעווין:

באַשיידענע, גוטהאַרציקע מענטשן, „חנה די גרייסע" האָט מען זי גערופן צוליב איר הויכן וואוקס.

23. ראובן און רחל כהן:

ראובן איז געווען פון די אָנגעזעהנע בעלי־בתים אין שטעטל, אַקטיוו אין „מזרחי" און אין דער שול־פאַרוואַלטונג. רואיקייט און וואַרעמקייט האָט באַצייכנט זייער שטוב.

24. ביילע און קאָפל מגיד:

אַ שאַרפן מח און אַ פענאָמענאַלן זכרון האָט דער תלמיד־חכם קאָפל געהאַט. זיינע זין זענען געווען פון די משכילים פון שטעטל. דניאל האָט פון טאַטן געירשנ'ט גאונישע פעאיקייטן. פון די געציילטע סטודענטן אין שטעטל, האָט שטודירט אין רוסלאַנד און אָנגענומען לינקע אַנשויאונגען. קומענדיג אויף וואַקאַציע, נעמט ער זיך צו שוסטעריי. ער לערנט זיך אויס דאָס פאַך אין אַ קורצע צייט. ר' קאָפל. מגידס זון אַלס שוסטער — איז אַ סענסאַציע אין שטעטל. און יונגע מיידלעך וואַרטן, אַז די קנאָפ זאָלן זיך אויסדרייען, כדי זיי צוברענגען צום יונגן שיינעם שוסטער אויף אַ „פאַטשינקע"...



דניאל מגיד

25. שמעון־לייבל און חוה'קע שקלאַר:

חוה'קע איז אַ רעדעוודיקע, האָט ליב צו כאַפּן אַ שמועס מיט די גויים, גיסענדיק דאָס פלעשל גאַזע. זי וויל וויסן צו די הינער לייגן זיך, צו די קו האָט זיך שוין אָבגעקעלבט, צו די חזירים „פאָראַשען" זיך. דער פאַריאָגטער שמעון־לייבל פאַרלירט דאָס געדולד און דערמאָנט איר: „חוה'קה, באַלאַמוטשע נישט", איז פאַרבליבן דער נאָמען: חוה'קע באַלאַ־מוטש"...

26. לייזער דער בעקער מיט ביילקען ישורון:

לייזער, קומענדיק פון אַ שכנותדיק שטעטל איז געוואָרן אַ ריכטיקער סוכאָוואָליער תושב. ער איז געווען איינער פון די ערשטע סוכאָוואָליער בעלי־

בתים, וואָס האָט זוכה געווען צו פאַרשטיין דעם רוף פון ציון און איז געווען דער ערשטער פון די סוכאָ־וואָליער עולים קיין ארץ ישראל.

27. זלמן מיט לאה׳ן יפה:

דער חכם פון שטעטל, דער גמרא־פלפול האָט זיין מח אויסגעשאַרפט, איז ער געווען דער בעל־יועץ פון שטעטל. בעת־צרה וועגדעט מן זיך צו זלמן׳ען, זיין וואָרט איז קודש ביי אַלעמען. אַ שתדלן ביי דער שררה, ער איז געווען פון די איינציקע בעלי־בתים אין שטעטל, וואָס האָט געהאַט די דרייסטקייט צו פאַרברענען אַלע בריקן אונטער זיך און האָט זיך מיט זיין משפחה געלאָזן קיין ארץ ישראל. און זלמנ׳ס וועגן אין נ׳עם אייגן לאַנד זענען מיט רויזן נישט באַצירט געווען.

28. לייבע דער משוגענער (קאַנטאָר):

אין אַ חורבה, וועלכע וואַרפט אַ פחד און אַ אומעט אַרויף, דאָ האָט לייבע זיין טרויעריק איינזאַם לעבן פאַרבראַכט. מען פלעגט דערציילן, אַז ער איז נישט קיין פשוטער ייד געווען, קלאָר געווען אין די שוואַרצע אותיות׳לעך, אַ געשטראָפטער פון גורל, איז זיך אַליין מפרנס: פאַרקויפט די גויים שמאָראָ־ווידלע און שטעלט צו וואַסער אין די בעקערייען און די בעל־בית׳טעס פאַר די וועש.

29. לייבל קאַקי־יאַמע:

דער אומגליקליכער לייבל. אויף זיין פנים שטענדיק אַ נאַרישער שמייכל. אין דער וואָכן מיט די האשעל־קעס אויף די פלייצעס, שטעלט צו וואַסער פאַר די סוכאָוואָליער בעל־בית׳טעס, קערט דעם ברוק. שבת גייט ער איבער די הייזער עסן טשאָלנט.

אַ שמאָלינקער וועג פירט צום „מאַגאַזין", צום געלן באַרג. פון דאָרט פלעגן סוכאָוואָליער מיידלעך שלעפן געלן זאַמד פאַר די ריין געוואַשענע פאָדלאָגעס לכבוד שבת. אויפן געלן באַרג האָבן געלעבט:

30. יאַנקל דער דזיעשאַטניק (ציבולי);

31. יאַנקל הירשעס;

32. יהודה דער באנדאר;

33. לעווין דער שטריקדרייער:

זיין זון שמואל, אַקטיוו אין געזעלשאַפטליכן לעבן אין שטעטל, איז יאָרן לאַנג געווען אַ מיטגליד אין דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג.

34. אברהמ׳ל און מינקע וויאדאטש:

זיי האָבן געהאַט בילד־שיינע קינדער: שמחה און רבקה פון די אַקטיווע חברים אין „החלוץ".

35. משה דער פורמאַן (זאק):

תמיד אויפן וואָגן פון סוכאָוואָליע אין ביאַליסטאָק און פון שטאָט אין שטעטל. זיין זון אברהמ׳ל פירט דעם טאַטנס פרנסה. זיין פרוי — ציפקע, אַ בכבודיקע שטוב, און זיי גיבן זייערע קינדער אַ גוטע דערציונג.

יאַנאָווער גאַס

אַ באַקאַנטער וועג, וואָס פירט צו די קאָרן־פעלדער, ווו קינדער פלעגן בלויע בלימעלעך רייסן און קראַנצן פלעכטן, און יוגענטליכע שפּאַצירן געמאַכט. די דאָרטיקע הייזער זענען געווען:

36. יאַנקל הערשל און זיין פרוי לאה׳קע אבציקס (סיינער):

זיינע קינדער צאַלקע און באָבל.

37. באבקע ניסלס (בארעלקאָווסקי) און ניסל יאָשעס:

אַן אָפענע שטוב ביי זיי. באַבקע מיט איר ליבן שמייכל האָט געשאַפן אַ וואַרעמע אַטמאָספער. ר׳ ניסן אַ ייד מיט אַ הדרת־פנים אַ שליח־צבור באַרימט מיט זיינע „הקפות" שמחת־תורה.

38. שלום פייגע חאַניכעס מיט זיין דבורקען (סטוצינסקי):



דבורה׳קע (שלום׳ס) סטוצינסקי

שלום — רירעוודיק און רעדעוודיק, דבורה׳קעס זיטן רואיקע און בנעימות׳ע.

39. לייזער און סאני טיקאָצקי:

פון די שטעטלשע משכילים, פון די גרינדער פון ביב־ליאָטעק, אַ הייסער ציוניסט, די קינדער דערצויגן אין ארץ־ישראל גייסט.

40. בערל יוחנ׳ס שקלאַר:

„פירט אַ ראָספיוואַטשנע" — אַ פאַריאָגטע פרנסה־שטוב, דער זון מלך און חוה׳קע נעמען איבער דעם טאַטנס מסחר און יושר.



לייזער און סאָני טיקאָצקי, די קינדער: מילאק, שלמה, סימע און דבורה.

41. משה פימפער (בינשטיין):
אַ מלמד, אין זיין חדר פלעגט קלינגען זיין חומש: „ויאמר" — האָט געזאָגט, „ה'" — גאָט „אל" — צו „משה" — צו משה'ן „לאמר" — אַזוי צו זאָגן. איבער געחזרט אָן אַ שיעור מיט דעם ספּעציפישן „פימפּער"־נגון.

42. אפרים מענדל מאַרינבערג:
ערב פסח פלעגן דאָרט חלוצים וועלגערן מצה. חבר גדליהו וועקט אויף פרי נאָך פאַר פינסטער, די אומגע־ניטע הענט וועלגערן און וועלגערן די מצות. לאַנגזאַם און שווער ציען זיך די שעה'ן.

43. אבא'לה דער שמש'ל; דער סופר.

44. גדליהו דער געלער (טיקאָצקי):
— חיהלעס פאָטער.

45. שיינע־פייגל ביאַליסטאָצקי:
יונג אַן אַלמנה געבליבן, איז זי געוואָרן אַ טאַטע און אַ מאַמע צו אירע דריי זין. דאָס שווערע לעבן נעמט דאָך איר לעבנסלוסטיקייט נישט צו.

46. מאַשע די בלינדע:

47. יאַנקל (פּאַלאָמינער) מיט זיין פרוי שיינע־צבן:
אַ ייד אַ תלמיד־חכם. מיט חשק גייען ייִנגלעך אין זיין חדר. פיל פון זיי האָבן שוין געענדיקט משה פימפּערס „חומש". מיט אַ זיכערער האַנט פירט ר' יאַנקל זיינע תלמידים אין די טיפסטע גמרא־קוואַלן

עס ציען זיך אַלץ ווײַטער באַקאַנטע הייזער, באַקאַנטע פנימער.

48. יאַנקע דער טאָקאַר:

49. ליבקע סימכאָוויטש;

50. פייוול דער מולאַר און די באַקאַנטע מולציכע:
ביי אים אין שטיבל

51. סימע די שמש'טע, איר זון שלמה, זיין פרוי צירל מאַרינבערג:

52. שלום מאַטיעס מיט מאָשקען טיקאָצקי:

53. חיים ביעגון:
די לעצטע שטוב פאַר דעם „קאָרן". דאָרט איז די



מאַשע די בלינדע (די ערשטע פון רעכטס צו לינקס) אין סוכאָוואָליער וואַלד.



יעקב, שיינע און בתיה צאבאן

שיינע קיילע אויפגעוואקסן, דארט האט זיך דער־באגאבטער ישראל׳קע דערצויגן.

54. משה׳קע שמואל יצחק׳ס /גרימצאנסקי/ :

א טייערערר ייד. די גאנצע יארן אויף די וועגן. למעשה, א בעל־עגלה, להלכה, א בן־תורה. א ווארעמע באציאונג צו ארץ־ישראל. אויף זיינע פעלדער־באשעפטיקט ער יידישע חלוצים. פייגע־רייזל זיין „עזר־כנגדו״.

55. מרדכי דער שמיד :


56. יאנקל לייב און בעבע טאלעס און זייער פלימע־ניצע פערל :

ביי זיי אין שכנות איסר סמאליאר — א ליבער־רואיקער מענטש געווען, א משכיל, א העברעאישער־לערער אין דער צוואנגשולע. ווען עס גרינדעט זיך די העברעאישע שול איז סמאליאר איינער פון די לערער ביז ער עמיגרירט נאך אמעריקע.



בעבי טאלעס קורץ

אויפן גרויסן אומפארבויטן פלאץ אנטקעגן שיינקען געפינט זיך דער ראד ברונעם, קיין וואסער בשפע איז דארט קיינמאל נישטא. גלייך נאכן ברונעם :



„די ווינט מיל״

57. גרשון דער געלער (קאלעקא) :

מען פלעגט דערציילן, אז זיין מוטער — חוה ראבי־ניער — האט באצייטענס אנגעגרייט תכריכים אין יעדן פרייטיק צו נאכט פלעגט זי זיי אנמעסט,



גרשון און ציפע קאַלעקא

58. משה אירמעס און די רבי׳צן שפּרינצע:

ר׳ משה איז געווען אַ מלמד פון חומש און רש״י. שפּרינצע לערנט אויס דעם אַלף־בית און עברי־טייטש

59. חאַצקל דער מילנער דאַליסטאָווסקי:

זיין ווינט־מיל גייט מען תמיד פאַרביי ווען מען גייט צו דעם קאָרן.

60. משה דער כלעוויסקער (פּאָלאַק):

זיין זון יואל — פון די ערשטע חלוצים אין שטעטל.

61. אַלתר הערשל דעם טאָקאַרס (סאָכאָוואָלסקי):



אַלתר דער טאָקאַר אין זיין וואַרשטאַט

אַ גאַנץ יאָר שניצט ער רעדלעך; ערב־פּסח ווערט פאַרוואַנדלט די שטוב אין אַ בעקעריי פאַר מצות.

62. מאָטקע דער שוסטער (חאַרנאַט):

מיט זיין צווייטע פרוי די באַקאַנטע עלקע די קעכין.

63. מענדל שפּרינצעס פאַרבשטיין און די פּעדערניצע (בלאָכער):

דער מאַן איז געווען אַ תלמיד־חכם און דער זון חיים אַן עלוי.

65. איטשע־ישעיה שקופּ:

וועגן זיין ברודער חאַצקלען פלעגט מען דערציילן אַז ער האָט אַמאָל געפירט אום ווינטער אין זיין שליטן אין אַ פּולקאָשעק עטלעכע ווייבער אין דובראָווע. נאָך איידער חאַצקל איז אַרויסגעפאָרן פון שטעטל, האָט זיך דער פּולקאָשעק אַראָפּגעגליטשט פון שליטן און חצקל פאָרט זיך און באַמערקט נישט, אַז ער האָט פאַרלוירן די ווייבער. און די ווייבער זיצן זיך איינגעטוליעט אין פּולקאָשעק. עס שנייט שטאַרק, זיי מיינען, אַז זיי פאָרן אין דובראָווע. נישט טויט, נישט לעבעדיק קומט חאַצקל צוריק אין סוכאָוואָליע, אַז די ווייבער דערזען אים פרעגן זיי: נו, ר׳ חאַצקל, עס איז נאָך ווייט צו דובראָווע?

66. יוסל צאַצקעלע:

דער קירזנער.

67. משה דער איינבינדער:

68. הערשל דער שוסטער (חארנאט):

מאָטקעס אַ זון.

69. בערל לייזער שמאַלץ (לוין):

70. שיינקע מאָטיעס (גאפּערשטיין):

אין שיינקעס שטוב איז געווען די ביבליאָטעק. די ביבליאָטעקאַרשע — פאני יאזעבסקי. אַ הייליקע שטילקייט פלעגט הערשן אין שמאָלן צימערל, עס האָט זיך געפילט אַ כבוד פאַר דעם געדרוקטן וואָרט. די ביבליאָטעק איז געווען דער צענטער פון שטעטלשן קולטורעלן לעבן. אין די צאַרישע צייטן האָט מען זיך מוסר נפש געווען פאַר דעם ביסל ביכער.

71. חאַצקל און פינצע פּיעשצאַנסקי מיט די קינדער צירל און טאָלקע:

פון די גרויסע סוחרים אין שטעטל.

72. טעוול פייגע כאַניכעס און חנה (סטוציינסקי):

איינע פון זייערע טעכטער רייזל איז געווען באַקאַנט אין סוכאָוואָליער קולטורעלע קרייזן. אַ באַליבטע לערערין אין „צוואַנגשולע״. ביי זיי האָט געוואוינט דער העברעאישער לערער וואַנכאַצקער, וואָס האָט פיל בייגעטראָגן צום אַנטוויקלונג פון „החלוץ״.

73. הינדע די נייטערקע און זיידע דער טאָקאַר (טי־קאָצקי):

תמיד האָט זי גענייט. יעדע כלה אין שטעטל האָט געקראָגן אין איר אויסשטייער הינדעס ציכלעך מיט „געפיור״ אָדער אַ אַלקע מיט שפּיצן...



די ביבליאָטעק

מקומט ווידער צום מאַרק:

74. **משה און שיינע שרה פוטיאל:**
אַ בעל־בתישע שטוב. ר׳ משה איז געווען אַ קהל׳שער טוער, אַ ציוניסטישער־פירער. ער פלעגט אַגיטירן פאַר ארץ־ישראל און אַז די חוצפדיקע יונגוואַרג פלעגן אים שטערן, פלעגט ער זיי רופן צו אָרדנונג: „דרך־ארץ פאַר מיין באָרד״...
ביי פוטיאל׳ן אין שטוב האָט געוואוינט שיינע ליבעס, די אייזן קרעמערקע.

75. **ר׳ ישראל דער שוואַרצער רב:**
דער רב פון שטעטל. מען פלעגט אים רופן דער „שוואַרצער״ צוליב זיין באָרד. פון רבנות אַליין קען מען קיין חיונה נישט ציען, מוז מען קודש מיט חול צוזאַמענמישען און די רעביצן פאַרקויפט הייוון. דער רב איז אַ סימבאָל פון ריינקייט. די שיך זיינע גלאַנצן קיין פלעק נישטאָ אויף דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע. לאַנגזאַם דערנענטערט ער זיך צו זיין „שטאָט״ נעבן אָרון־הקודש. ער וואַגט זיך נישט צו צוזעצן צום ספר איידער ער שפרייט אויס איין טיכעלע אויפן סטענדער און דאָס אַנדערע אויף די באַנק.

76. **משה׳קע דער בעקער און זיין טאָכטער פייגע רחל:**

77. **הלל דער טויבער, זיין זון בערל און זיין פרוי אסתר טילע:**
ר׳ הילל איז אַ ייד אַ תלמיד־חכם געווען.
ביי זיי אין שכנות אַלטער איצעס אַ ייד אַ משכיל מיט זיין זון שמחה (לאַזאַר).

78. **שמואל און חיה יויכקעס יפה:**
אַ טייערער ייד ר׳ שמואל געווען. הייס געליבט ארץ־ישראל, פון די ערשטע פרומע חובבי־ציון אין שטעטל. מיט התלהבות איז ר׳ שמואל מיט זיין משפחה אין הייליקן לאַנד אַוועק.

79. **שלמה איסערס (ראַבינוביץ):**
פון די פאָרגעשריטענע יונגעלייט. ביי אים אין הויף, אין אַ קליין שטיבעלע האָט דער רוסיש־לערער כץ אַ פּאָר טרויעריקע יאָר פאַרבראַכט.

80. **ביילקע שקליאַר:**
אַ אלמנה. יונג איז איר מאַן מענדל אויף אַ טראַגישן אופן געשטאָרבן. דער גורל איז נאָך שפּעטער געווען צו ביילקען גרויזאַם. איר שיינע קיילע ווערט יונגער־הייט פון לעבן אַוועקגעריסן בעת אַ טיפוס־עפּידעמיע אין שטעטל.

81. **יאַנקל עזרא נאסקי דעם סטאָליאַרס (פראַנצוז) און העני יויכקעס:**

82. **וועלוול פייגע חאַניכעס (סטוצינסקי) מיט נחמה׳ן:**
נחמה איז געווען אַ טרייע מוטער. יעדן פרימאָרגן פלעגט זי אַרומגיין אויף די שפּיץ פינגער, כדי די זיסע חלומות פון אירע יונגע טעכטער נישט איבער־רייסן.

83. חייקע עוזיאל׳ס (סיינער):
מיט דער טאָכטער אָגע. ביי זיי אין הויף איז אין די שפּעטערע יאָרן געווען די העברעאישע שול.

84. שאָשקע וועלוועליכעס (מאַרינבערג):
אַ גרויס אומגליק האָט אין דער שטוב פּאַסירט: דער יונגער זון וועלוול איז געווען פון די טיפוס־קרבנות אין שטעטל.

85. אהרן הירש טיקטין:

86. אלתר דער שוחט און זיין ווייב לאה יויכקעס:
אלתר איז געווען אַ בכבודיקער ייד, פון די מזרחי־פירער.

דאָס אַלטע בית המדרש

דאָס אַלטע בית־המדרש פאַרנעמט אַ גרויסן פּלאַץ אין שטעטל: עס געדענקט זיך באַזונדערס ניסל יאָשעס הקפות שמחת־תורה. ווי אַ ציטערדיק קינד האַלט ר׳ ניסל די ספר־תורה, זיינע טיפע אויגן ברענען, דאָס ערנסטע פּנים פול מיט באַגייסטערונג און זיין התלהבות נעמט אַרום אַלעמען, קליין און גרויס; אַ באַזונדער רירענדיק בילד איז אין בית־המדרש צו „יזכור״. די יידענעס דאַווענען, יעדע פון זיי גיסט אויס איר האַרץ פאַרן רבונו־של־עולם אויף אַן אַנדערן אופן.

87. מנשה צירינסקי:
ער האָט געוווינט אַ הויז נאָכן בית־המדרש, גערעדט מיט אַ „ס״ און דערוועקט דערמיט שפּאַס, און נישט איינמאָל שלאָגט ער אַ קונדס: „סייגעץ, יונגאַץ, מילאָ אַז איך קען נישט זאָגן מענאַסע, זאָג איך מענאַסע, אָבער דו סייגעץ, יונגאַץ, קענסט דאָך יאָ זאָגן מענאַסע, טאָ פאַרוואָס זאָלסטו זאָגן מענאַסע״.

88. חנה ירחמיליכעס (שטוץ):
אַ טייערע יידענע, נעמט שטענדיג אַ אורח אויף שבת.



חנה ירחמיליכ׳עס (שטוץ)

„מען גיסט צו נאָך אַ קאָכלעפל וואַסער צו די יויך״ — פלעגט זי זאָגן. אירע קינדער ניסל און לייזער,ביידע געזעלשאַפטלעכע טוער.

די שול גאַס

מען האָט עס ביי אונז גערופן „אַראָפּערגאַס״, אַט די גאַס פירט צום סטאַוו. צום וועלדל, צום בית־עולם. דאָ איז דער נייער בית המדרש, די שול און דער מרחץ, להבדיל. באַרג אַראָפּ, אין „אַראָפּערגאַס״ זעט מען:

89. שמעון ברעזעווער (מאַרין):
אַ שיינע שטוב. דאָ האָבן געוואוינט שכנא מיט זיין פרוי שיינקע חיים דאַליסטאָווערס. די שיינע רחל און חייצה.

90. שמערל שלאָס:
זיין איידעם איז געווען דער ערשטער חסיד אין שטעטל.

91. יאַנקל שיינעס:
דער גבאי פון חברה־קדישא, אַ תלמיד־חכם, זיין איידעם וועלוול וויינבערג אַ גרויסער אידעאַליסט. זיין עליה קיין ארץ־ישראל האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין שטעטל.

92. חאַצקל קאַלעקא:
דער מלמד. אַ קאַליקע געווען, אָן אַ האַנט.

93. משה׳קע פּאַרבער:
לאַנעס איידעם. אלתר לאנעס — טויבעס טאַטע.

94. איטשע לייבקעס:
ביי אים פלעגט מען קויפן עפל און טשערעשניעס.

95. איטשע דער קירזנער:

96. זיידקע אהרן טעפּער:

97. יוסקה דער קאַרפּאָוויטשער און זיין זון אלתר:
ביי אים אין שטוב איז געווען נאָווינסקעס העברעאישע שול. נאָווינסקי איז אַוועק אין דער ערשטער וועלט מלחמה. אין שכנות איז געווען יענקל אלקנה׳ס ברוגעם.

98. זיידקע קאַלעצקי:
געאַרבייט פאַר דער ביבליאָטעק מיט התלהבות.

99. גדליהו דער שניידער (קוסאי):
אין „פּאָדוואָר״ איז געווען דער שוסטערישער מנין. דאָ האָט דער געלער מגיד געוווינט עלנט, אָרעם, איינזאַם. ער פלעגט עסן טעג. אין דעם שוסטערישן מנין איז ער פון רויך דערשטיקט געוואָרן.

100. שלמינקע דער שוסטער:
געוווינט אין אַ קליינער שטוב, אַן אָרנטלעכער מענטש, שטענדיק אין דחקות. זיינע טעכטער ליבע און מלכה,

זיין זון אלי קאַליאַק. אַ קאַליקע, צו יעדער לויה פלעגט מען איס זען. הייצט מען די באָד רופט קאלאק „אין באָד אַריין". פרייטיק פאַרנאַכט רופט ער „אין שול אַריין". דאַרף מען זאָגן תהילים, איז קאַלאַק צווישן די תהילים־זאָגער, דאַרף מען אויפרופן אַ ציוניסטישע פאַרזאַמלונג, איז ווידער — קאַלאַק.



אלי קאַליאַק

באַקאַנטע הייזלעך, באַקאַנטע פנימער:

101. זיידקע בוראַק (טאָרן):

102. הערשל דער שערער און זיין ווייב חנה פאַפּ־לאָווסקי:

הערשל איז געווען פון די שטעטלשע כלי־זמרים. געשפּילט צוזאַמען מיט זיין ברודער יצחק אויף אַלע חתונות. זייער פאָרשפּיל „חתן־כלה מזל־טוב". ביי הערשלען אין שכנות האָט געוואוינט די רוסישע אַקושערקע.

ווייטער — דער אַראָפּער בית־המדרש, אונטן איז געווען די „חברה תהילים" און אויבן די „חברה תורה". די שול: די שיינע סוכאָוואָליער שול. מען פלעגט דערציילן, אַז די שול עקזיסטירט שוין אַ פּאָר דורות.

מען דאַוונט דאָרט נאָר זומער. ווינטער איז עס פאַר־מאַכט. דערצו שטייט נאָך דאָס טהרה־ברעט ביי דער שול און דאָס וואַרפט אָן אַ פחד.

גלייך נאָך דער שול איז געווען דער מרחץ, להבדיל מיט דער מקוה, די טוקערקעס, די שקאָפּיקעס וואַסער...

און אָט זענען באַקאַנטע הייזלעך נאָך דער שול:

104. חנה פייגל מאַריינע:

— לאה'צעס עלטערן.

105. חייקל דער פאַרבער (טרעשצאַנסקי):

108. פריידע ראובנ'ס (באַקלעראָווסקי):

פריידע איז יונג אַ אלמנה געבליבן. זי אַרבעט שווער צו פאַרזאָרגן אירע 3 טעכטער.



גדליהו מיט זיינע עלטערן הערשל און שרה פוריה

109. הערשל און שרה פוריה:

— גדליהו'ס עלטערן.

110. אַברהמ'ל און חינקה די כמעלאָוקער (דער גאָ־לאָוואַ):

111. מענדל דער שערער:

עוזר־מרדכי חאַווין: אַראָפּער בית־המדרש פלעגט שטאָלצירן מיט זיין דאַוונען. זיין פרוי חוה פלעגט העלפן ציען דעם יאָך פון פרנסה, פלעגט באַקן פלעצלעך און ראָגאַלעס.

112. זאלקן דער סטאָליאַר (שוואַרץ):

זיין עלטסטער זון צאַלע איז געווען פון די „גלאָוונע" אַרטיסטן אין שטעטלשן טעאַטער.

113. בנימין חיים דער בריוונטרעגער:

שבת פלעגט מען צו אים קומען דורכזען די בריוו, פאַר יעדן בריוו פלעגט ער נעמען אַ קאָפּיקע.

114. שלמה און ריווע פּאַפּלאָווסקי:

הערשל דעם שערערס עלטערן. ריווע איז געווען אַ טייערע יידענע. קוים פלעגט עמיצער אין שטעטל זיין ערנסט קראַנק פלעגט זי רייסן קברים און בעטן רחמים. מען פלעגט דערציילן, אַז יעדן פרימאָרגן גייט זי דאַווענען, און אַריינקומענדיק אין בית־המדרש ווענדעט זי זיך צום רבונו־של־עולם: „גוט מאָרגן גאָט, דיין דינסט ריווע איז געקומען"... מיט טיפען גלויבן האָט ריווע גאָט געדינט.

זייער זון יצחק פּאַפּלאָווסקי איז געווען אַ רעדער־מאַכער, אָבער ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן אַלס מוזיקאַנט, אין אָרקעסטער פון דער פּאָזשאַרני קאָמאַנ־דע, און אויך געשפּילט אויף אַלע חתונות.

115. שאָשע ציבולע:

ביי איר פלעגט מען באַקן מצות אויף פסח.

116. נאָסקע דער שוחט (בורע):

אַ ייד אַ תלמיד־חכם. זיין זון מאיר איז געווען ב׳ולט אין שטעטלשן לעבן אַלס לערער און געזעלשאַפטלע־כער טוער.

אין אָלשאַנקער געסעלע:

117. איטשע דער שמיד; משה־מענדל ביעלאַק אפרים׳ס עלטערן. און אין דער לעצטע שטוב פאַרן בריק האָט געוואָוינט שאָשקע חיים קאָרעס די אַרבולקע:


— אַ געשטראָפטע פון גורל. קיין פאַרגעניגן פון אייגענעם לעבן נישט געהאַט. לעבט זי מיט די אינ־טערעסן פון אַנדערע. ביי איר שטוב ציט זיך דער סטאַוו. זומער איז דאָס שטייענדיקע וואַסער פול מיט פלוש, ווינטער איז עס אַ גרויסע פאַרפרוירענע מאַסע. צווישן דעם סטאַוו און דער וואַסער־מיל האָט געפירט אַ קליינע הילצערנער בריק. פון בריק פירט דער לעצטער וועג צום בית־עולם.

118. נחמה איטשע דעם שמידס שמחה ל׳יין מיט גיטל אָשר מאיר׳ס, און די וואַסערמיל פון חיים לייזער ליווערוואַנט און גאָלדע מערקעס:

האַרציקע מענטשן. די קינדער שמייכלדיקע, געהאָרכ־זאַמע. דער יונגער חיים איז צוזאַמען מיט אַנדערע צוויי אומשולדיקע קרבנות פון שטעטל אַכזריות׳דיק דערמאָרדעט געוואָרן, און גאָלדע האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט טרייסטן. דאָס גאַנצע לעבן האָט זי אים באַקלאָגט.

119. חוה חאַרנאַט; דוד בערל דעם מילנערס (פריימאַן), שמולקע דער שמיד און שרה (חאָראָווסקי):

אַ טייערער צניעותדיקער ייד געווען. מיט איין האַנד



דוב בערל דעם מילנערס (פריימאַן)

שמיט ער דעם אַקער, דעם אייזן, אין דער צווייטער האַלט ער אַ ספר. די שוואַרצע אותיות זענען שמול־קען נישט פרעמד געווען. זייער זון יאַנקל איז געווען איינער פון די ערשטע לערער אין שטעטל.

די צווייטע זייט אַראָפּער גאַס:

120.ביילקע די שניידערקע

— ביי איר אין שטוב איז געווען די פּאָטשט.

121. אלי בערל וואָלפס (מאַריינע):

— די עלטערן פון לייזער און משה׳ל.




אלי מאַריינה











אַ זכר פון בית־הקברות

122. אלתר דער קאָטליאַר; יאַנקל באַגנער; בצלאל חינסקי; געטעליכע; אברהם קאָזאַק און גישע בערעק:

ביי זיי פלעגן זיין די בעסטע רעטעכער.

123. שאָשקע צימבאל:

זיידקע דעם פידלערס מוטער. ביי איר פלעגט זיין דאָס בעסטע ברויט.

124. גרשון קרופּניק, הערשל דריאַנסקי, ביילע בערל וואָלפס און יאָסל זכריה׳ס מוטער.

דער פרייער פּלאַץ אַנטקעגן שול:

125. יאָסל לישעס דער אָליווניק, פראַנצוז מיט די סימפּאַטישע קינדער מאַשע און אלתר.

126. יצחק איסערקעס (זאַזדרע):

אַ מטופל מיט קינדער, אַלע האָט ער מיט ליבשאַפט לובאַק.

מיט אַ צונעמעניש גערופן: חיה׳לה, פּוזעלע, קרייזל, דער מולאַר — וויינשטיין, איטשע טעפּער.

127. לייזער מענדל און פראַדל איסערקעס /גראָדזענ־סקי/:

פראַדל איז געווען דער קאָפּ פון שטוב. און די קינדער זייערע — אַלע שיין און קלוג.

128. שכנאָ קוץ (בירגער) זיין שוועסטער ברכה און עזראָ סטרינקאָווסקי; סאַטשוטשיכע; לייבע טאָרן; נח בענצקי, דער שניידער און זיין שכן זלמן אלי טעפּער דער שוסטער:

129. אַלתר אָרעס (סידראַנסקי):

פון די חברה־קדישא, אַ שיינער ייד, פון די איינציגע משפחות וועלכע זענען באַצייטענס אַוועק קיין ארץ־ישראל.

130. יאַנקל און פייגע־העני וועלפקעס (שפּיראָ):

און די זין זייערע: יודל, האַצקל, איטצל דער חזן, און טעכטער באָבצע און רבקה. אַ קלוג מיידל איז רבקה געווען, אין שדוכים איז איר אָבער נישט געגאַנגען. נישט איינמאָל באָרגט זי שיינע מלבושים און פאָרט קיין גראָדנע זיך זען מיט אַ חתן. עס גייט נישט. רבקה ווערט נישט פאַרצווייפלט. מיט נאַטיר־לעכן הומאָר דערציילט זי: איך בין דערווייל אויס כלה און ווייטער מויד.

131. לייבל ערשיצקעס (אַבראַמאָוויץ):

ביי זיי אין שכנות זיידל יאָזעווסקי אַ מוטלאָזער, אַ קראַנקער, אָבער מען פלעגט דערציילן ווי שיין און רייך ער איז אַמאָל געווען. און זיינע טעכטער איינע שענער פאַר דער אַנדערע: סאני, פאַני, ביילע.

132. דוד גאלער דער זייגערמייסטער:

ער איז אפילו געווען אַ טיקטינער, אָבער אַלס סוכאָ־וואָליער תושב פיל געטון אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ספּעציעל פאַרן קרן־קיימת. אַ שטילער באַשיידענער

133. ערשקע סוכאָוואָלסקי, אליהו און פייגע גרשון׳ס סוכאָוואָלסקי און זייערע קינדער גרונע די אַקושערקע, איר ברודער וועלוול סוכאָוואָלסקי:



גרונע די אַקושערקע

מענטש. אַ משכיל. איינער פון די ערשטע לערער אין שטעטל. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען דער בירגערמייסטער.

134. לייבציק דער קצב זיין ווייב ליבע:

זי פלעגט שטיין אין דער ווייבער־שול, גרייט אַ קדושה אויפצוכאַפּן. אירע ליפּן שעפּטשען אַ שטילע תפילה. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אירע תפילות פלעגט זי אימפּראָוויזירן.

135. הערשל און דבורה לייבציקס:

הערשל איז געווען פון די בעסטע דראַמאַטישע כחות אין שטעטל.

136. גדליהו חיים יאַנקל׳ס און זיין ווייב עטל שוואַרץ:

שטילע מענטשן. אין שטוב ליכטיק, ציכטיק, זייער זון איימע — פון די פעאיקסטע בחורים אין שטעטל. תמיד געלערנט, געענדיקט איין פאַקולטעט, זיך גענומען צום צווייטן.

ווידער בין איך צוריק אויפן באַרג, נעבן אַלטן בית־המדרש, אָט זע איך פאַר מיינע אויגן דעם ליידיקן ברייטן פלאַץ אַנטקעגן קאַשציאָל. עטלעכע יידישע הייזער דאָ, אַלץ באַקאַנטע פנימער:

137. מרדכי משה אַהרן׳ס (ראַבינאָוויץ):

זיין זון יאָסל איז געשטאָרבן פון אַ טיפוס־עפּידעמ־יע, און נאָך זיין טויט האָט זיך אין דער שטוב די יונגע אלמנה מלכה רבינוביץ יאָרן געפּלאָגט מיט אירע קינדער. האַסקע האָט געוווינט אין אַ קליין שטיבעלע, ביי מרדכי משה אהרן׳ס.

138. תנחום בערל סוראַזקי מיט עלקע חנה ראַכמיליכעס אברהם הערשל טיקאָצקי דער שטעפּער. און ביי זיי אין שכנות: מאָטי ראַצ׳קעס (סידראַנסקי):

— אַ ברודער פון פסח סידראַנסקי.

139. יואל פאָלאַק, און רבקה די פוצערקעס שטוב:

אין פראָנט איז געווען אַ שענק, און די אינערלעכע שטובן — דער „החלוץ".

140. שרה בערל לייזערס:

אַ פאַרליטענע מוטער. איר זון משה האָט מען גע־רופן משה קאַלב. אין שטעטל האָבן אים אַלע געקענט און פאַר אים מורא געהאַט.



משה בערל־לייזער׳ס (קאַלב)

די טיפלע (תיפלה) גאַס — דאָס „מתים־געסל" האָט מען עס ביי אונז גערופן. דאָס געסל האָט געפירט צום טייכל. דאָרט פלעגן גיין אויך מיידלעך זומער זיך באָדן. פון באָד־קאָסטיומען האָבן מיר נאָך דאַן נישט געוווסט, און ס׳איז געווען אַ פחד, אַז דורכגייער, אָדער חברה־לצים זאָלן נישט איבעררראַשן. צו אָט דעם טייכל גייט מען שווענקען די וועש, „די גרעט" האָט מען עס ביי אונדז גערופן.

דורכלויפנדיק דאָס געסל, זעט מען באַקאַנטע הייזלעך:

141. חייקל דער מלמד:

געוואוינט אין אַ קליין שטיבעלע. ביי אים האָט מען געלערנט עברי מיט עברי־טייטש. מען האָט נאָך געדענקט אין שטעטל זיין „קאַנציק", זיין „טייטל"...

142. מרדכי יהודה און ציפּע די ליכט־ציער (וואַרא־שילסקי):

צניעות׳דיקע מענטשן. דוכט זיך אַז זיי האָבן גאַר־נישט געקענט הויך רעדן. זייערע קינדער האָבן שטאַרק געהאַלטן פון „כבוד אב ואם". ביים ליכט־ציער אין שכנות — די פאַמיליע זעלמאַן, איטשע מאָטי דער גערטנער און זיין גרויסער גאָרטן גרינס.

143. חאַצקל לייבציקס אונז יין שוואָגער משה׳קע:

135. זיידקע און ביילע שניידעראָווסקי

אַ שטילע פאַמיליע. זייער זון חיים אַ צניעות׳דיקער מענטש, אַ העברעאישער לערער אין שטעטל. און זייערע שכנים:

144. פוקעליכע, זאַלקען דער פלאַטניק, יאַנקל דער שוואַרצער, שייקע הערשקעס סוכאָוואָלסקי:

און זיין שיינע טאָכטער חייצע.

145. אברהם יצחק דריאַנסקי, לייזער דער ראַזירער, חאַשינקע, חאַנע עזרה׳ס, זיין ווייב חוה די קאַנסע, און זייער זון עזרא.

146. אלתר חיה פעשעס (זאַלע):

אַלתר איז געווען אַן אומגליקלעכער מענטש. נישט ווילענדיק זיין משפחה צרות פאַרשאַפט. זיין מאַמע חיה פעשע האָט נעבעך פיל צרות געהאַט אין איר לעבן און שטענדיק געוויינט, איז פאַרבליבן דאָס ווערטל: „חיה פעשע מיט די טרערן".

147. אלתר פאַטשעניטשי די קאָרצ׳עס פאַמיליע באַברי.

משה׳קע דער גראָדזיסקער, געצל׳ס פאָטער:

ביי אים האָבן געוווינט באַבקי אין דיאַדי בירגער. גלייך אַנטקעגן אין ווינקל פון ליידיקן פלאַץ אין מויערל האָט געוווינט גאָלדע חיה רחל׳ס (קרוק), די אַליווניצע און איר מאַן משה הערש. לייבל וויינ־שטיין דער לערער איז געווען איר ברודער. שמערל דער קוימען קערער.



משה־הערש (קרוק) און גאָלדע פון מויער די קינדער: דבורה, שיינע, פייגל, ישעיהו.

148. אייזיק קאזע דער מלמד:
אַ טיפּישער מלמד, בלב ונפש. פלעגט פּאַסירן אַ פּרייטיק, ווען ער פלעגט לערנען מיט די קינדער און מעביר־סדרה זיין מיטן נגון און אַ גוי פלעגט פאַרבייגיין אַ פור האָלץ צו פאַרקויפן, פלעגט אייזיק מיט דעם זעלבן נגון האַנדלען וועגן דעם האָלץ: „וויעלע חאָטשעש זאַ פורע דרעוואָ?" און אַז דער גוי זאָגט זיין פּרייז, זינגט אייזיק ווייטער מיטן זעלבן נגון „אָשעם זלאָטי ניע דאַם"... ר' אייזיק רייסט נישט איבער זיין נגון, ער פאַרלאָזט נישט אויף איין מינוט די ד' אַמות פון מלמדות...

149. מאיר איטשע לייבס (פּאָלאַק) מיט חיה איסקע צימבאל. גוטקע שמוקלער די אַלמנה. יוסל באָגנער. הערשל צימבאל (משיח'קע):

דער וועג ציט זיך ווידער צום מאַרק, פאַרבייגייענ־דיק די הייזלעך אויף דער צווייטער זייט תיפלה־געסל:

150. אָשר מאיר און מאַשע (דיטקאָווסקי):
חנה'ס עלטערן. אָשר־מאיריכע און אירע טעכטער, וועלכע פלעגן העלפן ציען דעם יאָך...

151. ז'אַמע (זלמן) „גוט שבת אייך":
שבת פלעגט ער גיין איבער די הייזער זאַמלען חלות און כסדר זאָגן „גוט שבת אייך". פון דעם האָט זיך געשאַפן דער צונאָמען. אַז אַ מענטש פלעגט שטאַרבן אין שטעטל, פלעגט גלייך „גוט שבת'ל" קומען אין דער שטוב פון נפטר זאָגן תהילים. מען דערציילט אַ קוריאָז מיט „גוט־שבת'ל" אַז ער האָט זיך דער־וואוסט אַז שיינע־רבקה שקלאַר גוסס'ט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט פאַר דער טיר. סימע (דניאלס טאָכטער) איז אַרויסגעגאַנגען און געזאָגט צו אים: „זייט איר משוגע, מיין מאַמע לעבט דאָך נאָך". גוט שבת'ל האָט איר דאַרויף געענטפערט: „עס שאַט נישט, איך וועל אונטערוואַרטן".

152. עלקע ריינע מאַריינע, נאָסקע דער סטאָליאַר — (פראַנצוז), יאַנקל עזרה'ס פאָטער, מרדכי צימבאל.

153. משה אהרן בראַווערמאַן (קאַקירעלציק):
אויסגעזען האָט ער נעבעכדיק, אָבער אַ ייד נישט קיין פשוטער געווען. ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין אַ ספר, אַ ציידטונג. ער איז אויך געווען אַ מלמד, אָבער קיין פרנסה האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט.

154. גדליהו דער שניידער (פּיריי), נודע טשעמיאַטשי־כע.
אין שמאָלינקען געסעלע וואוינט שמחה לייזער דער מלמד, זיין פרוי נוטקע און זייער זון שלום דער האָלצהעקער. לייבל סענדער מיט קונען סאַפּירשטיין די אָליוניקעס. שפּעטער האָט דאָרט געוואוינט הערשל צענטנער, מאָטי דער מלמד.

155. שרה'קע און הערצקע דריאַנסקי:
אים פלעגט מען רופן „דער לאָנדאָנער שניידער", און זייער טאָכטער נעכע. ווען שרה'קע האָט דאָס שטעטל פאַרלאָזן האָט זיך דאָרט אַריינגעצויגן:

156. שלמה דער שוחט (אַמסטערדאַמסקי) מיט רחל'ן:
אַ ייד אַ תלמיד־חכם מיט אַ „הדרת־פּנים", אַ "מלא־וגדוש". ביי זיי אין חצר דער מצבה־שלעגער אין יאָסל פעלטעס שטוב.

157. חיים לייב קילונציק, זעליג דער טעפּער:
פלעגט פאַרקויפן לאָדישקעס אויפן מאַרק.

158. זעליגס טאָכטער און מאָט׳ שמערל׳ס:
די פּאָטשט — ביי סנאָרסקען — די איינציקע קריסטלעכע שטוב אין דער גאַנצער תּפילה־גאַס. ווייטער פון דער פּאָטשט ישׂראל משה דער מולאַר.

159. ראָדי פראַנצקאָווסקי:
אירע טעכטער: באַשקע, רבקה און דער זון לייבל פראַנצקאָווסקי און וועליע (פריימאַן). קותיאל דער סמאָליאַר (קרעמער). זיין זון מאיר קרעמער מיט יענטע שטוץ. קותיאל׳ס טאָכטער פריידה מיט הערשל סאָקאָלסקי (אייזיקס עלטערן). אין יקותיאלס שטוב שיע וואָלאָדזיאַנסקי מיט זיינע קינדער. די שטוב איז פאַרבונדן מיט נאָך זכרונות: דאָ איז געווען אַמאָל די קאַזיאָנע רוסישע שול און שפּעטער פלעגן דאָ פאָרקומען פאָרלעזונגען און ליטעראַרישע אָוונטן.



פריידה סאָקאָלסקי (אייזיקס מוטער)

פאַרבייגייענדיק דעם קאָשציאָל, וואַרפט מען אַ בליק בגניבה. ווי דונקל, ווי מיסטעריעז עס זעהט דאָרט אויס! אָט גייט פאַרביי דער קסיאָנדז, אַ שונא־ישׂראל, אָבער דעם „דזיען דאָברי״ גיט ער אָפּ מיט אַ שמייכל.

די קאָרפּאָוויצער גאַס

דער וועג האָט געפירט צום ביעל, און צום שוסטער־דערפל. אין אָט דעם שמאָלן גוואישן געסל איז אַ ברונען געווען באַרימט מיט זיין גוט טיי־וואַסער.

160. שלום׳קע שר־שור־שו מיט חיה־ביילה (ראַבינוביץ):
ביי זיי אויפן חצר זעליג דער רימער /פּאַלעוויץ/ מיט



חיה־ביילע ראַבינאָוויץ

זיין פרוי פייגל. ווילע אַרבעטזאַמע מענטשן. אין די טאַיענקערקע /זאַץ/ מיט איר מאַן שלמה. „גאָלדענע הענט״ האָט זי געהאַט, אָבער שטענדיק זיך געפּלאָגט.

161. חאַצקל דער מומע פייגע העניעס (שאַפּיראָ) מיט דינה׳קען:
אברהם׳ס עלטערן. אין דער קלענערער שטוב זלמן גאַלאַנטי: אַ באַשיידענער מענטש. קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט אויף זיין אָרעמען לעבן, אַ שׂמח בחלקו. גריבלט זיך תּמיד אין אַ ספר, און שרייבט זיינע אייגענע פּירושים.

162. באַשקי גאַלאַנטי (שעפּלער):
ר׳ זלמנ׳ס טאָכטער. געזעלשאַפטלעכע אַרבייט און אַ בוך, דאָס איז געווען באַשקעס לעבן. זי אַרבייט פאַרן ביבליאָטעק, פאַרן „לינת הצדק״. די סופליאַרשע פּ שטעטלשן טעאַטער. מיט אַ בוך און געזעלשאַפטלעכע אַרבייט פאַרגעסט באַשקע אירע אַלטעגלעכע שוועריקייטן. שטענדיג אַנגעוויזן אויף אַ גמילות־חסד דאָ גענומען, דאָ געגעבן... אָבער דאָס בוך איז געווען באַשקעס גאַנץ לעבן. באַשקעס מאַן דוד׳ל שעפּלער אַ לאַ־יצלח, אָבער אַ אינטעליגענטער. אַנגענעמער מענטש. אַ געוועזענער לערער, אַ פאָלקיסט. שטענדיק מיט אַ פּעקל צייטונגען אונטערן אָרעם אויפן וועג צום לעזע־זאַל. דוד פלעגט תּמיד זאָגן: „דער „ל״ לייגט מיך אין דער ערד — אַ קרעמער צו זיין איז גאַנץ גוט, אָבער אַ קרעמער׳ל טויג נישט״. „צו זיין אַן אַגענט פון צייטונגען אין וואַרשע איז גאָרנישט שלעכט, אָבער אַן „אַגענטל״ אין סוכאָוואָליע איז ביטער״.

163. אבציק זאלטאק און חייקע:

די ערשטע פרוי האט געהייסן העני — א בכבודיקע שטוב, געבילדעטע שיינע טעכטער: טויבע, צירל, חנצ׳ה.

164. שמואל מאיר׳ס (ברומער):

א שיינער ייד, דער קאזיאנער ראבין פון שטעטל. די טאכטער — טויבע.



טויבע (שמואל־מאיר׳ס) ברומער

165. שמעון ראבינער (קאלעקא):

און זיין שוואכע גאלדע. די קינדער האבן תמיד אפגעהיטן די מאמע.

166. פריידע און חיה ראובנ׳ס:



פריידע (ראובנ׳ס) יאקימאווסקי



חיה ראובנ׳ס

די ביידע שוועסטער האבן פארגעטערט זייער טאטן ר׳ ראובן. פריידע (יאקימאווסקי) איז געווען זייער א גאטספארכטיקע. אויב זי האט אמאל זיך נישט געקענט גובר זיין און זיך אויסרעדן, פלעגט זי גלייך מיט דער האנט פארמאכן דאס מויל: „דוכט זיך קיינעם נישט בארעדט...״

167. חנה ניסל׳ס:



ניסן און חנה (באברי)

שטענדיק ביים לאקשן ברעט, אדער ביים אויוון־לעקער, און פון דעם ציט זי די סקאמפע חיונה, חנה מיט ר׳ ניסן האבן געמאכט דעם חשבון־הנפש, אז אייביג לעבט מען נישט, און ביידע זענען אוועק אין הייליקן לאנד. „אויב שוין שטארבן, איז כאטש אין ארץ ישראל״. מען פלעגט דערציילן, אז ווען זיי זענען ארויף אויף דער שיף, האט זיך חנה נישט געוואלט רירן פון ברעג, מיינענדיק, אז ביים ברעג שיף קאסט

בילִיקער. „איך האָב נישט קיין געלט צו צאָלן טייערער" — האָט זי געזאָגט.

168. משה׳קע מיט ליבע אסתר׳ן:

מענדלס עלטערן. אַ שטילע פאַמיליע. ביי זיי אין שכנות דער שטומער שניידער (ליבלינג) מיט זיין שיינער שרה דינה (חייקל דעם מלמד׳ס). שרה דינה האָט זייער געשעצט איר שטומען מאַן נישט קוקענדיק אויף זיין חסרון. מיטן שבת׳דיקן מערן־צימעס פלעגט זי זיך פאַרען באַצייטנס. מאָנטיק נעמט זי אַרויף דעם קאַשיק מערן פון קעלער, עס זאָל זיך אַביסל „אָפּכאָכען". דינסטיק שאָבט זי אָפּ די מערן און לייגט אַריין אין קאַלט וואַסער. מיטוואָך קאָכט זי אָפּ די מערן גאַנצערהייט. דאָנערשטיק צושניידט זי די אָפּגעקאָכטע מערן אויף רענדלעך און באַשיט מיט צוקער. פרייטיק מאַכט שרה דינה צורעכט דעם צימעס, לאָזט עס גוט „אויסקלאַטשקען" און אַז דער „שטומער" נעמט שבת נאָכן דאַוונען אַ ביסל קאַלטע צימעס, איז ער זיך ממש מחיה.

169. חיים לידער ליפשיץ און הינדע־פייגע חאַניכעס:

זי איז א חכמה און אַ סוחר׳טע, ער אַ יודע־ספר, תמיד לוסטיק, פול מיט ענערגיע, זייער זון הרצל פון די ערשטע סטודענטן אין שטעטל.

170. איטשע דער בלינדער שוסטער (קאַראַלינסקי):

און זיין פרוי מלכה שלמה׳ינקעס וואוינען אין פאָדוואָר. טאָג איין טאָג אויס לאַטעט ער שיך און זיינע אייגענע קינדער גייען תמיד באָרוועס, עס קלעקט נישט די חלה אויף אַ מוציא. מיט זיי אין שכנות — אַן אָרעמע פרוי די שמש׳טע.

171. חיים דאליסטאָווער (ליווערא֞נט):


און זיינע טעכטער: די שיינע באַבצע — אַ לערערקע אין דער דייטשער צוואַנגשולע, שיינקע — שאַכנע מאָרינס פרוי, און די אומגליקליכע יאַכקע. איינע פון די 3 אומשולדיקע קרבנות, וועלכע זענען ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן נעבן סוואַלק. רבקה ראָבין און איר מאַן משה׳קע, געווען אַנגעשטעלט אין ביאַליסטאָק און שפּעטער אַוועק אין אַמעריקע.

172. חנה (חיה־פעשעס) זאלע און הערשל דער טאָקאַר (סוכאָוואָלסקי:

קינדערווייז פלעגט מען זיך צוקוקן ווי מען אַרבעט דאָרט אין דער טאָקעריי, ווי עס ווערן אויסגעשניצט און צוזאַמענגעשטעלט די רעדלעך. הערשל׳ס זון וועלוול האָט געאַרבעט אין זאַוואָד.

173. מאָשע גארנאסטייסקי, זיין זון חאַצקל און חיה־שרה:

אַ טייערע משפחה, אַ ציכטיקע שטוב איז ביי זיי געווען.



מאָשע גארנאסטייסקי

174. חאַצקל (וואנסאל) און רייצע סופאל לייבל (וועלוווקעס) דער מעלער און גאָלדע דבורה (קרוצעל):

מען פלעגט דערציילן, אַז דער פעטער איז אַמאָל געפאָרן דורך אַ פעלד, וואָס האָט זיך געצויגן הינטער זיין שטוב. האָט ער באַמערקט אַז אויפן גאַנצן פעלד זענען צושפּרייט מטבעות. נישט וועלנדיק אַליין נהנה זיין פון הפקר, ברענגט ער שכנים צוזאַמען צוקלויבן די מטבעות. די מומע גאָלדע האָט תמיד געזאָרגט פאַר די קינדער: די טאָכטער חייצע מיט איר מאַן שלמה שפּעכט.

אין די לעצטע שטיבלעך אין קאַרפּאָוויצער איז געווען:

175. אַבע דער שמיד; חיה מיט לייבע קארצעס (באַגרע):


176. משה אהרן דער שמיד, לייבע דער טאָקאַר, מאָטי דער סטאָלאַר און שרה פעשע און קינדער — חייקע און בערל. זוסקע לאפשיץ (דער טאָקאַר), די פאַמיליע גייזען און די טעכטער.

177. מאיר דוד ליווערא֞נט און זיין פרוי שיינע:

אַרום דער שטוב, אַ שיינער סאָד און אַ ברונעם אויפן פאָדוואָר.

178. דער שמש פון אַלטן בית־המדרש:

מיט זיין איינציקער טאָכטער שאָשקע, וועלכע האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט וועלוול הערשל דעם טאָקאַרס. משה׳קע פאַרבשטיין, נאָך זיין הויז ציט זיך דער גרויסער פאַרקאַן, וועלכער פירט צו דניאל שקליאַרס ברויז. דניאלס שטוב האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַלאַץ. דניאל, דער נגיד פון שטעטל, און זיין פרוי שיינע רבקה. נאָך אין יענע יאָרן האָבן זיי פאַר־



מאָטיע דער סטאָלער מיט דער משפּחה

שטאַנען זייערע טעכטער צו בילדן און אפילו אין גימנאַזיע צו שיקן. צווישן דניאל׳ס הויז און גיטל קענדעס ציט זיך אַ שמאָלינקע געסעלע, דאָס שוס־טערדערפל. גלייך אין אָנפאַנג שוסטערדערפל איטשע מאָטליעס (דער סטאָליאַר) און זיין זון לייזער. משה׳קע דעם בעקערס איידעם. און גלייך אַנטקעגן דער פּריסטאַוו. להבדיל. גיטל קענדעס און רייגע גיטלס. גיטל קענדעס אין טיפער עלטער האָט נישט זוכה געווען קיין ביסל נחת פון איר טאָכטער.
די שכנים נענטער צום שטוב:

179. פייגל די דעמבאָווערקע, יוסקע דריאַנסקי (מולעס עלטערן) אין שכנות: דוד יעראָזאָלימסקי און נחמה יאַנקל דעם קצב׳ס, אלתר און חיענקע קאַמינסקע

ר׳ אַלתר — אַ יודע־ספר, חיינקע — אַן אשת־חיל.

180. איתמר און שפּרינצע ניסעלקאָווסקי:

ר׳ איתמר איז געווען אַ טייערער אידעאַלער ייד. שטענדיק געפּרעדיקט פאַר ארץ־ישראל. און פון זיך אַליין האָט ער געפאָדערט נישט נאָר דרשות נאָר מעשים. ער לאָזט איבער אַ באַקוועמע שטוב, אַ פּרנסה בשפע און גייט אַוועק אין הייליקן לאַנד. דער גאַנצער נייער בית־המדרש איז אַרויס באַגלייטן ר׳ איתמר׳ן מיט ליכט. ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין ירושלים נעבן „מושב זקנים", האָט ר׳ איתמר געקושט די ערד און געמאַכט „שהחיינו".

181. איתמר׳ס טאָכטער שרה רחל און מענדל נאָסקעס (בורע):

האָט געירשנ׳ט פון אירע עלטערן זייערע שענסטע מידות: האַרציקייט, און ליבע צו יעדן מענטשן.



מנדל און שרה־רחל בורע



וועלפקע און נחמה קרוצל

ענדל פון די משכילים אין שטעטל. פאַר ארץ ישראל איז מענדל נאָסקעס גרייט אויסצובייטן אַ באַקוועמען לעבן אויף אַ שווערן. אין יאָר 1923 פאַרלאָזן זיי צוזאַמען מיט ר׳ איתמר׳ן דאָס שטעטל.

אַ גרויסער הילצערנער פאַרקאַן און אַ פאָדוואָר פירט אין מויער צו:

182. וועלווקע קרוצעלס יורשים:
צום זיידן חאַצקל, צום פעטער מרדכי יאָסל, צום פעטער אַבען. אין דעם ווינקלדיקן שטיבעלע אַנפאַנג קאַרפאָוויצער גאַס העני פייגעס די אלמנה (פון חאַדאַראָווקע) מיט איר איינציקער טאָכטער לייקע זאביעלסקי. העניע פלעגט שטענדיק שטריקן זאָקן. זי שטריקט ביי טאָג, זי שטריקט ביי נאַכט. דרימלט איין פון מידקייט און די הענט שטריקן נאָך אַלץ.

דער באַזוך אין שטעטל האָט זיך געענדיקט. דער חלום רייסט זיך איבער. ווידער געווען אין דער היים. דורכגעלאָפן יעדעס געסל, יעדן ווינקעלע. כמעט אַלע הייזער באַזוכט. אַלע זענען געווען אַזוי נאָענט צום האַרצן: פריינט, באַקאַנטע, נענטערע און ווייטערע שכנים.

אָרים איז מיין פען צו שילדערן ווי שוידערלעך עס איז דאָס געפיל פון דערוואַכן און זען, אַז קיינער איז מער נישטאָ און וועט קיינמאָל מער נישט זיין. אַ גרויסער בית־הקברות. נישטאָ מער קיין היים. נישטאָ מער סוכאָוואָליע...

זאָל זיין געהייליקט דער אנדענק פון אונדזערע אַלע טייערסטע!

בענקשאפט

— אמא, וואָס בענקסטו אַזוי נאָך דעם שטעטל ? — פרעגן די קינדער.

זיי, די יינגע סאַברעלעך איז שווער צופאַרשטיין, פאַרוואָס די אמא, וועלכע איז נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק אַוועק פון שטעטל אין אייגענעם לאַנד, בענקט נאָך אַלץ נאָך דער אַלטער חרוב־געוואָרענער היים.

און דער אמא בענקט זיך נאָך דער שטוב, ווו זי איז געבוירן און אויפגעוואַקסן, נאָך דער וואַרעמקייט פון דער היים, פון טאַטע־מאַמע.

דער אמא בענקט זיך נאָך איר קינדהייט, נאָך איר יוגנט, נאָך די טאג פון חלומות און וויזיעס, נאָך די אַלטע יאָרן פאַרבראַכטע אין שטעטל.

עס בענקט זיך נאָך די תמימותדיקע־קינדער־יאָרן, נאָך דער יוגנט, נאָך דעם ערשטן בעז און בלויע קאָרן־בלימעלעך, נאָך דעם שטיל־רוישיקן טייכל און גרינע־געדיכטן וועלדל, נאָך דעם ווינטער מיט זיינע פרעסט און שניי־זאַווערוכעס.

כשופדיק זענען געווען די לבנה־נעכט אין סוכאָ־וואָליע, אַפילו די האַרבסטיקע פינסטערע אָוונטן, ווען מען טאָפּטשעט אין בלאָטע, אַפילו די קאַלטע, ווינטערדיקע נעכט. וואָס מיר פראָסט, ווער מיר פראָסט, מען איז דאָך יונג, זענען די הענט און די פיס אַפילו פאַרפרוירן, אָבער אין האַרצן איז וואַרעם נאָך אַן אַנגענעמען שפּאַציר...

מען טראָגט מיט זיך די זכרונות פון די דאָזיקע יאָרן, ווו מען זאָל נישט זיין. אַ לעבנלאַנג בענקט מען נאָך זיי.

עס פלעגט אָפּטמאָל טרעפן אַ באַזוך אין דער אַלטער היים, אויף קבר־אָבות, מען טרעפט שוין נישט מער קיין טאַטע־מאַמע, אָבער עס איז נאָך דאָ אַן עלטערע שוועסטער, אַ ברודער, אַ יונגער דור, אַ שכן, אַ פריינט. עס איז נאָך אַלץ היים... מען גייט אַרויס באַקוקן דאָס שטעטעלע און מען געפינט נאָך שפּורן פון פאַרגאַנגענע יאָרן.

אָט. דאָ איז געווען משהקעס בעקעריי, יאַנקל קצב׳ס יאַטקע, שמולקעס קוזניע, איתמרס שניט־קראָם, דניאלס ברויז, חיים־לייזערס וואַסערמיל, אַבטשיקס אַפּטייק, יאַנקל שיינעס בשמים (באַקליינע)־קרעמל, חאַצקל העני רחל׳ס זאַוואָד.

אָט דאָ האָט געוווינט דער „שטומער" (ליבלינג), מאָטי דער סטאָליאַר, חייקל דער פאַרבער, חאַצקל דער שטעפער, איטשע דער שוסטער, נאָסקע דער שוחט, הלל דער טויבער... עס זענען שוין נישטאָ די טאַטע־מאַמע. אָבער די זעלבע מלאָכות, די זעלבע פרנסות זעצן פאָר די יורשים, קינדער און קינדס קינדער.

עס איז נאָך ה י י ם...

עטוואָס אַנדערש, אָבער נאָך אַ זכר פון צייטן פאַרגאַנגענע...

מען גייט פאַרביי דעם בית־המדרש, מען זעט נישט מערביים עמוד נישט מרדכי יאָסלען, נישט חאַצקל העני רחלס, אָבער אַ בעל־תפילה איז דאָ. לויפט נישט העני רחל, אָדער ברײנע חיה רחלס מיטן קרבן־מנחה־סדור צום ערשטן מנין, אָבער אַן אַנדערע כשרע יידענע טוט עס נאָך אַלץ...

נישטאָ מער די שוחטים: ר׳ שלמה, ר׳ אַלטער, אָבער אַ שוחט איז דאָ...

אַנדערע כלל טוער, אַנדערע תלמידי חכמים, אַן אַנדערער חזן, אַן אַנדערער רב, אַנדערע לערער, אַנדערע שילער, אַנדערע ליבהאָבער שפּילן טעאַטער, אַנדערע פּאָרלעך שפּאַצירן אויפן שאָסיי, אין קאָרן...

שנעל פאַרשווינדט דער חלום, וועלכער קען שוין מער קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן. נישטאָ מער קיין היים.

נישטאָ מער דער יונגער דור, וואָס זאָל דערמאָנען אָן די עלטערע, נישטאָ מער קיין שפּורן, וועלכע זאָלן דערמאָנען דאָס געוועזענע...

בענקט זיך דער „אמא" נאָכן שטעטל, נאָך דעם געוועזענעם, וואָס וועט מער נישט זיין, נאָך צייטן פון אַמאָל, וואָס ווען שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען.

חנה׳לה יהודית׳ס


זכרונות און שילדערונגען

טראַדיציע און נאַרישקייט *)

פרץ הירשביין

1. הרב ר׳ אברהמ׳ל איינהאָרן

דער רב ר׳ אברהמל איינהאָרן, ביי וועמען איך האָב אין שטעטל סוכאָוואָליע פאַרנומען אַ צימער, איז מיט דער צייט געוואָרן מיינסגלייכן. ער האָט געהאַט אמונה אין דעם וואָס איך טו, מחמת ער האָט געהאַט אמונה אין דעם, וואָס ער האָט נאָך ביי מיר געפונען:



פרץ הירשביין

— אַ מענטש וואָס איז איין מאָל געשווומען אין ים־התלמוד, ער בלייבט שוין אויף אייביק אַ ביסעלע געזאַלצן.

ער האָט אַ סך מאָל צו מיר אַריינגעבראַכט זיינע „חדושים", וואָס ער האָט פאַרצייכנט. געווען איז ער נאַיוו ווי אַ קליין קינד. כאָטש אַ מענטש אין די אַכציי־קער, האָט ער זיך מיט אַ סך יוגענטלעכקייט אויפגע־כאַפּט, אויב איך האָב אים געוואָלט איינרעדן, אַז שלמה המלך איז געווען גערעכט, וואָס ער האָט געזאָגט, „אַז דאָס, וואָס איז געווען, וועט אויך שפּעטער זיין, וואָרעם עס איז קיין נייעס נישטאָ אונטערן הימל".

אין דער תורה זענען אַלע סודות פאַראַנען. און אין ים־התלמוד שווימענדיק האָט מען אַלע סודות אויפּ־געדעקט און מיט זיי געלעבט. אַז איך האָב איבערגע־זעצט מיין „תקיעת כף" אויף העברעאיש, איז ר׳ אברהם איינהאָרן אַריינגעקומען און געפרעגט:

— קענט איר מיר מסביר זיין, וואָס פאַר אַ חבור דאָס איז?

— עס איז אַ חבור וועגן גוטס און שלעכטס, וועגן קרום און גלייך אין מענטשס אויפפירונג.

— קענט איר מסביר זיין, וואָס איר זייט מיט דעם מכוון?

— עס איז נישט שווער. מחמת, גוט און שלעכט, ווי מען האָט דאָס פאַרשטאַנען אין די צייטן, ווען די תורה איז אונדז געגעבן געוואָרן, איז אויך איצטער דאָס אייגענע. ווי למשל, די עשרת הדברות, זענען נאָך אויך איצטער חל אויף מענטשן.

— אַזוי, אַזוי... — האָט ער געשמוצערט מיט די ליפּן — עס איז טאַקע אמת. דער לא תגנוב, מ׳זאָל קיין גנב נישט זיין, איז איצטער ווי אַמאָל, נויטיק צו דערמאָנען דעם מענטשן. און לא תרצח, קיין גזלן נישט זיין — אוודאי און אוודאי.

— איך מיין, רבי, אַז דער לא תנאָף, אַ מענטש זאָל קיין אויסגעלאַסענער „שאלטיק" נישט זיין, איז איצטער נאָך מער חל ווי אַמאָל.

— אַזוי, אַזוי, איז עס גאָר אַ פּירוש אויף די עשרת הדברות אָט־אָ דאָס, וואָס איר שרייבט! אָבער פונדעסטוועגן, ווי מיר ווייזט אויס, פירן פאָרט אייערע פּירושים אַראָפּ פון דרך־הישר. די, וואָס האָבן די תורה

---

*) קאַפּיטלען פון בוך „אין וועג פון לעבן", פ. הירשביין.

פאַרלאָזן, און מיט די מחשבות אַוועק, גאָט ווייס וווהין, האָבן דעם דרך־הישר אָנגעוווירן.

— קענט איר עס זאָגן אויף אַלעמען, רבי? זענען דען אייערע קינדער אַראָפּ פון דרך הישר. איר, רבי, דאַרפט פון אייערע קינדער האָבן נחת, אייערע קינדער היילן קראַנקע, זענען אַזוי געראָטן ווי אייער זון דער זייד־סוחר אין וואַרשע.

— זיי, שווער משיג צו זיין גאָט און די דרכים, אויף וועלכע ער פירט דעם מענטשן.

אָבער מיט זיין גרויסער נאַיוויטעט האָט ר׳ אברהמ׳ל איינהאָרן יענעם ווינטער אַ האַלב שטעטל קראַנק געמאַכט, ווען ער האָט אַ „לעבנס־פראַגע” פאַרענטפערט אויף זיין אופן, און אַפילו נישט נאָכגעגאַנגען די קלוגע אָנווייזונגען פון שטרענגען דין:

אין שטעטל האָט מען געגרייט אַ וויכטיקע חתונה. ערב שבת איז עס געווען. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך מיט דער חתונה מתעסק געווען. איין קלייניקייט: מען האָט צונויפגעפּאָרט דעם שטאָט־משוגענעם מיט אַ מיידל — אַ שטאָט־פאַרזעעניש. פרייטיק פאַרנאַכט האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל אויסגעפּוצט ווי צו אַ געהויבענער שמחה, און זיך אַראָפּגעלאָזט באַרג־אַראָפּ, צו דער אַלטער שול, וווּ די אָרעמקייט האָט געלעבט. אַפילו קלעזמער האָט מען אַראָפּגעבראַכט. און אויף דעם קיילעכדיקן מאַרק, אַרומגערינגלט מיט די קלייטן און חשובע באַלעבאַטים און הויך־אויפגעטורעמטן אייז — דער שטאָט־ברונעם. פון דעם דאָזיקן ברונעם האָבן אַלע איינוווינער אַרום דעם קיילעכדיקן מאַרק וואַסער געשעפּט. נעבנטער צום מאַרק האָט געלעבט דאָס ביסל מזרח־מענטשן, געהויבענע קרעמער, סוחרים, און גלאַט שיינע ייִדן.

איז בשעת באַרג אַראָפּ, ביי דער גרויסער שול, האָט דער גרעסטער טייל פון שטעטל זיך מתעסק געווען מיט דער שטאָט־חופה, איז דאָ אויפן מאַרק אַ מיידל געגאַנגען אָנשעפּן אַ עמער וואַסער, און פּלוצלונג געמאַכט אַ גוואַלד — באשר זי האָט דערזען אַ מאַנצביליש היטל אַרומשווימען צווישן די שטיקער־אייז, און אַז זי האָט מיטן עמער אַ רודער געטאָן די שטיקער־אייז, האָט זי געזען אַ טויטן קאָפּ פון אַ מענטשן.

— אַ מענטש האָט זיך דערטרונקען אין ברונעם — האָט דאָס מיידל אויסגעשפּרייט די הענט און געשריגן אין פּוסטן מאַרק אַריין. האָט זיך ווי אַ בליץ די שרעקלעכע בשורה צעטראָגן פון פרייטיק צונאַכטיקן מאַרק און אַוועק איבער די זייטיקע גאַסן, דערגרייכט די חתונה־לייט ביי דער שול באַרג־אַראָפּ.

האָט מען געלאָזט חתן־כלה, געלאָזט פאַלן די חופּה, און אַלע אינאיינעם באַרג־אַרויף דעם מאַרק. די ייִדישע פייערלעשער האָבן באַוויזן וואָס זיי קענען. פון דער פייערלעשער־שאָפּע, וווּ עס זענען געשטאַנען די באַרימטע פייער־פּעסלעך, לייטערס און באָסיאַקעס, האָט מען פון דאָרט אַ לייטער געבראַכט, אַראָפּגעלאָזט אים אין ברונעם און אַ בראַווער יונג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט — בשעת דער עולם האָט מיט אַ פאַרשלאָגענעם אָטעם געוואַרט אויף זיין בשורה.

— אַ דערטרונקענער מענטש, אַ מאַנצביל — איז געקומען די בשורה פון ברונעם. ער איז שוין אַרויפגעשוואומען אין דער הויך, אַ סימן, שוין לאַנג דערטרונקען.

— סטייטש, ווער זאָל עס זיין? — ווי איז מיר. דאָ פעלט דאָך קיינער נישט אין סוכאָוואָליע — ווי איז מיר, ס׳איז דאָך פאָרט אַ מענטש...

— ער איז דאָך אַ לעבעדיקער מענטש געווען, כ׳האָב מורא אַ ייִד!

— זאָל מען אים אַרויסשלעפּן.

מען האָט אַראָפּגעלאָזט אַ שטריק. דער העלד אין ברונעם האָט די שטריק אַרומגעבונדן אַרום דעם דערטרונקענעם, מיט פאַרמאַכטע אויגן האָבן די העלדן אויבן געצויגן די שטריק און אַרויסגעשלעפּט אַ דערטרונקענעם ייִדן — מיט אַ שיטערער בראָנער באָרד און מיט אַן אויפגעבלאָזענעם בלאָס־געלן פּנים. פון עולם האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פאַרכטיקער „אוי”. אַ ווײַלע איז מען פאַרגליווערט געבליבן, מיט די אויגן צום דערטרונקענעם. — ווער זאָל עס זיין? — מאַמעלעך, אַ ייִד. — אָבער דאָ פעלט דאָך קיינער נישט. — אפשר איז דאָס גאָרנישט קיין ייִד. — מ׳זעט דאָך, אַז דאָס איז אַ ייִד. — אָ, איך דערקען אים! — האָט אַ צעשויבערטער ייִד זיך אַראָפּגעלאָזט צום דערטרונקענעם — דאָס איז ער... מיט אַ טאָג צוריק איז ער געקומען פון ביאַליסטאָק צופוס, יאָרצייט האָט ער דאָ געהאַט. שבת־צו־נאַכטס איז ער אַרויס פון בית־המדרש, מיט אַלעמען זיך געזעגנט, אַ גרויסע זאַווערוכע געווען, ער איז עס אַהער צום גליטש, האָט ער פאַרבלאָנדזשעט. דעם ברר־

נעם נישט געזען, און ער איז אין ברונעם אַריינגעפאַלן. יאָ, דאָס איז ער. זאָל מען אים אַריינגעמען אין פאַזשאַרנע אַריין. זאָל ער דאָרטן ליגן ביז מ׳וועט אים זונטיק מקבר זיין. איז דאַן אָנגעשטאַנען אַ האַרבע שאלה: וואָס טוט מען מיט די מאַכלים, וואָס מען האָט אָפּגעקאָכט פאַר דעם פרייטיק־צו־נאַכט; און וואָס וועט זיין מיטן טשאָלנט, וואָס מען האָט פאַררוקט אין אויוון? מ׳האָט דאָך גענוצט וואַסער פון ברונעם! און וואָס וועט זיין מיט די כלים?

די מפונקים זענען נישט געגאַנגען פרעגן קיין שאַלות. מ׳האָט אַרויסגעוואָרפן די מאַכלים און צעבראָכן די טעפּ, וואָס האָבן זיך געלאָזט צעברעכן.

אָבער די קליינע מפונקים זענען געגאַנגען פרעגן שאַלות. איז מען געקומען צום דיין, אַ צעטראָגן רויטבערדיק יידל, האָט ער געטופּעט מיט די פיס, געפאָכעט מיט דער האַנט און געוואָרנט:

ס׳איז מוקצה מחמת מיאוס... וואַרפט אַרויס, צעברעכט, גיסט אַרויס, מ׳טאָר זיך צום עסן נישט צורירן!

אָבער דער רב ר׳ אברהמ׳ל איינהאָרן, וואָס האָט געהאַט אַ זון אַ פּראָפעסאָר אין אַמעריקע, און אַ זון אַ זייד־סוחר אין וואַרשע, איין טאָכטער אַ פילאָסאָפקע, און איין טאָכטער אַ דאָקטאָרשע, ער האָט אַנדערש געפּסקנ׳ט:

— היות ווי דער ברונעם איז אַ ברייטער און אַ טיפער; און היות ווי דאָרטן זענען פאַראַנען מער ווי זעכציק מאָס וואַסער, דעריבער ווערט דער טויטער בטל בששים, מעג מען עסן און טרינקען, און די טעפּ זענען כשר. אַלץ איז ווי גאָט האָט געבאָטן.

האָבן אַ סך געפאָלגט דעם דיין, און אַלץ איז געגאַנגען כשורה. אָבער די, וואָס האָבן געפאָלגט דעם רב און געגעסן פרייטיק צו־נאַכטס, האָבן שוין נישט געהאַט קיין אַפּעטיט פאַרן טשאָלנט. יידן און יידענעס האָבן שיר נישט די נשמה אויסגעבראָכן. מען האָט אויסגעבראָכן אַפילו דאָס, וואָס מען האָט געגעסן דאָנערשטיק.

און ר׳ אברהמ׳ל האָט נישט געקענט באַנעמען, פאַרוואָס דאָס עסן האָט מענטשן פאַרשאַדט.

ער איז צו מיר אַריינגעקומען זונטיק, ווי צו פאַרענטפערן זיך:

— איך האָב געפונען אַ בפירושן היתר. מאַכט נישט אויס, וואָס אַ מת איז געלעגן אין וואַסער... צעברעכן כלים דאָס איז דאָך אַן עבירה.

איך האָב נישט געהאַט קיין מוט צוקוקן אין זיינע קינדערשע אויגן.

ער האָט געפילט, אַז מיט זיין תירוץ האָט ער ביי מיר נישט אויסגענומען. מיט אַ רחמנות־פּנים האָט ער מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט, און איז אַרויס פון צימער.

2. מיין חבר יצחק פּריבולסקי

דוקאַ דעמלט, ווען מיין שטים האָט שוין אָפּגעקלונגען אין דעם אַלגעמיינעם יונגן ליטעראַרישן כאָר, דוקא דעמלט האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט אַ קוק טאָן אויף מיין יוגנט־חבר יצחק פּריבולסקי, וואָס איז געווען אין די בית־מדרש־יאָרן דער שטאַרקער כח אויף דעם וועג, וואָס האָט מיך געפירט פאָרויס.

אין מיינע „קינדער־יאָרן״ דערצייל איך, ווי איך האָב אין אָרלע באַגעגנט יצחק ר׳ סענדערל׳ס, און ווי ער, דער עלטערער פון מיר, דער דערפאַרענער פון מיר, איז געוואָרן מיין חבר. איך דערצייל דאָרטן ווי פריער אין אָרלע, ווו איך בין אינגאַנצן פופצן יאָר אַלט געווען, שפּעטער אין בריסק, קוזניצע — האָט ער מיך באַגלייט. אינאיינעם מתמידים געווען, אינאיינעם אין די זומערן ביי דער גמרא דורך די אָפענע פענצטער צום ליכטיקן דרויסן אַרויסגעזונגען, און ווינטער, אין די שעה׳ן פון האַלבער נאַכט, אַריינגעקוקט אין די וועלטלעכע ספרים: „האסיף״, „אַסיפת־חכמים״ און „מורה נבוכים״. ביז צו דער אַפּיקורסישער ווילנע האָט ער מיך דערפירט. אָבער נויט, הונגער און קעלט, ווילנער הפקר־נויט — דאָס האָט ער נישט געקענט פאַרנעמען. ער האָט חתונה געהאַט אין סוכאָוואָליע — אַ זאַמדיק שטעטל אין גראָדנער גובערניע, און דאָרטן געוואָרן העבּרעאישער לערער. געעפנט אַ מין „חדר־מתוקן״ און מיט זיין פּערלדיקן כתב געפּרווט שרייבן לידער, דערציילונגען און דראַמעס. כאָטש ווייט אָפּגעשיידט, זענען מיר געווען פאַרבונדן גייסטיק. זיין ווייב יהודית, אַ אמתע אשת־חיל איז אַרומגעפאָרן אויף יאַרידן, כלים פאַרקויפט; און ווען אין דער היים, האָט זי ביים קוימען, שטייענדיק, אויפגעכאַפּט די תורה, וואָס איר מאַן האָט געשטאָפּט זיינע תלמידים אין קאָפּ אַריין.

איך בין געווען גליקלעך צו דערהאַלטן פון מיין־


חבר אַ בריוו, ווו ער לאַדט מיך איין אויף זומער קיין סוכאָוואָליע. איך וועל לעבן אָן זאָרג, וועל קענען שרייבן און, אַגב, וויל ער פאַר מיר לייענען דאָס, וואָס ער שרייבט. אַמאָל, גאָר אַמאָל, און דאָס איז געווען בסך־הכל מיט זעקס יאָר פריער, האָט ער מיר אָנגעוויזן ווי מען דאַרף דעם טאַלאַנט פירן ביים האַנט. איצטער, מיט אַ געוויסן אָפּשיי רעדט ער פון מיין שרייבן און מיט עניוות דערמאָנט ער זיין שרייבן.

מיין חבר איז געווען אַנידעריק־געוויקסיקער, האָט מיר בלויז ביז צום אַקסל געגרייכט. זיין הויכער, ראָז־ווייסער שטערן, וואָס איז פאַרלאָפן צו די בלאָנדע האָר, די פולע, בלויע אויגן, האָבן מיך באַגעגנט מיט דער אַמאָליקער יוגנטלעכקייט און לופטיקער חכמה. אָבער די גראָבנס פון ביידע זייטן נאָז אַראָפּ צום מויל, די בלאַסע, שמאָלע ליפּן און דאָס אָנגעקוואָלן בלוי אָדערל, וואָס האָט געצוקט פון דער לינקער זייט שטערן, האָט דערמאָנט אָן זיינע טיפע איבערלעבונגען אין קליינעם שטעטל, ווו זיין נידריקער וווקס איז נאָך נידריקער געוואָרן.

ער און יהודית, ביידע זענען מיר אויפן האַלדז געפאַלן, אָן ווערטער מיר איבערגעגעבן די אינערלעכע פרייד וואָס מיין אָנקומען האָט ביי זיי אַרויסגערופן.

צוויי קינדערלעך האָט ער געהאַט, אין אים געראָטן. אָבער ער האָט מיר גלייך פאַרטרויט, אַז זינט מיר האָבן זיך צעשיידט, איז זיין געזונט געפאַלן. זיין האַרץ איז אָפּגעשוואַכט. ער האָט זיין קראַנקהייט צוגעשריבן דעם ווינטער אין ווילנע, ווען ער האָט מיט מיר איינאיי־נעם געהונגערט און געפרוירן.

ער האָט זיינע תלמידים אָפּגעלאָזט אַהיים גאָר פרי, געגעבן זיי אַ יום־טוב לכבוד דעם גאַסט, וואָס איז צו אים געקומען. און בשעת יהודית האָט זיך פאַרנומען מיטן צוגרייטן אַ מאָלצייט, האָט יצחק מיך אַרויסגע־נומען צווישן די גערטנער הינטער די הייזער און מיר איבערגעגעבן זיינע ליידן אין קליינעם שטעטל. איך האָב אין זיך געשפּירט דעם גרויסשטאָטישן גערויש, וואָס איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט פון דעם ליטע־ראַרישן הו־האַ פאַר יענע צייט אין ווילנע, מיט וועלכן איך האָב זיך איבערגעזעטיקט. אַלץ האָט געבליט און געגרינט. אַפילו די ווייסע קאַרטאָפל־בליעכץ האָט מיר אויסגעזען ווי איך וואָלט עס באַגעגנט צום ערשטן מאָל. דאָס איז געווען אַ אָנהויב פון אַ זומער צווישן גערטנער און פעלדער הינטערן שטעטל. מיין חבר איז געווען וואַך צו אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער ליטעראַ־רישער וועלט — סיי אין דער העברעאישער און סיי



פרץ הירשביינ׳ס פאַקסימיליע (אַן אויסצוג פון אַ בריוו צו יהודית פּריבולסקי)

אין דער יידישער ליטעראַטור. ער אַליין איז מער געווען גענויגט צו דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט זיך שטאַרק געחידושט, פאַר וואָס איך האָב נאָך ביז איצטער קיין פּרווו נישט געמאַכט צו שרייבן אַ גרעסערע זאַך אין יידיש. איך האָב מיך דערוווסט, אַז ער אַליין, כאָטש אַ העברעאישער לערער, האָט אין דער פרייער צייט אַ סך געשריבן אין יידיש, און האָט אַפילו געמאַכט אַ פּרווו צו שרייבן אין אַ דראַמאַטישער פאָרם. מיט מיין קומען האָט ער אויפגעלעבט — כאָטש עס האָט אים אָפּטער אָנגעכאַפּט זיין האַרץ־ווייטיק.

— אויב דו וועסט שרייבן, וועל איך אויך אַ פּרווו טאָן מיינע כחות. איך בין דיר נישט מקנא די וועלט, וואָס דו האָסט אויסגקליבן פאַר דיין שרייבן. די אָרעמקייט האָט נישט קיין שוווּנג... אָרעמקייט איז אָרעמקייט.

אין יענעם זומער צווישן אַנדערע קירצערע זאַכן האָט יצחק פּריבולסקי אָנגעשריבן אַ 3־אַקטיקע דראַמע „קינדער”, וואָס איז שפּעטער געדרוקט געוואָרן אין זשורנאַל „ראָמאַנען־צייטונג”. ווען ער שטאַרבט נישט אַזוי יונג, וואָלט ער איצטער געוויס באַלאַנגט צו דער משפּחה באַגאַבטע שרייבער. כאָטש אַזוי פרי האָט ער זיך באַהעפט מיט דער השכלה, אָבער צו שפּעט האָט ער דערשפּירט אין זיך דעם כח אַליין עפּעס צו שאַפן. דער אויפשוווּנג פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור האָט אויף אים געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג, אים געשטויסן פאָראויס. אָבער דאָס איז געקומען צו שפּעט. ווען זיין האַרץ איז נישט געווען בכח אים אַרויסצוהעלפן אין זיין ווייטערדיקן וועג.

מיין חבר איז אומגעגאַנגען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, שפּאַצירט צווישן די פעלדער, און האָט געוואָלט ביי מיר אויסגעפונען דעם מהות פון די שרייבער, וואָס איך האָב שוין געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַגעגענען פּנים אל פּנים. ער איז נישט מיד געוואָרן צו ריידן פון י.ל. פּרצ׳ן. פאַר אים איז געווען י.ל. פּרץ דאָס אייגענע, וואָס די חכמי התלמוד, אָדער די גאונים זענען געווען אין דער צייט, ווען אונזער ביידענס לעבן איז געווען פאַרכאַפּט פון דעם ים־התלמוד.

— דאָס איז אַ זכיה, אַ גרויסע זכיה, פון אַזאַ באַגעגעניש וואָלט איך אַליין אויפגעלעבט. דאָס אייגענע האָט ער געטראַכט וועגן ח.נ. ביאַליק׳ן.

אין יענעם זומער בין איך מיט יהודית פּריבולסקי אינאיינעם אַרויסגעפאָרן אויף יאַרידן אין די אַרומיקע שטעטלעך. כ׳האָב איר געהאָלפן איינפּאַקן די כלים אין דראָביאַסטן וואָגן און געהאָלפן אויספּאַקן און אויסשטעלן די כלים אויף דער ערד און נאָכקוקן די יידישע און נישט יידישע וועלט, וואָס האָט זיך געיאַרידלט. וואַרשע און ווילנע —ביידע האָבן מיר דעמאָלט אויסגעזען גאָר ווייט. צומאָל האָט זיך מיר נישט געגלויבט, אַז איך בין מיט יענע שטעט פאַרבונדן, און אַז איך בין דער שרייבער, ווענעמס דראַמע: „הולכים וכבים” עס האָט זיך יענעם זומער געדרוקט אין חודש־שריפט „הזמן”.

— אַ, וויפל קאָסט אַזאַ טעפּל? וויפל קאָסט אַזאַ שיסל? — פרעגט מיך אַ פּויער, צי אַ פּויערטע, ווען איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין וואָגן און מיטן געדאַנק — אויפן עולם התוהו.

פערד הירזשען. קי און אָקסן מרוקען. שעפּסן בלעקען, און חזירים, צוגעבונדענע צו די רעדער פון וואָגן, רייסן זיך אין קאָנוווּלסעס; הינער קוואָקען, הענער קרייען, הינט בילן, און בייטשן ביי די קאָניוכעס אין די הענט, צי ביי די ציגיינער אין די הענט — קנאַקן אין דער לופט.


— אַ, וויפל קאָסט אַ טעפּל? וויפל קאָסט אָט־אָ דאָס פענדל?

אַ יאַריד איז די וועלט, אַ קלייגער יאַריד, אַ גרויסער יאַריד. דו ביסט אויך אַ טומלער אויף דעם גרויסן יידישן יאַריד. הענער קרייען, הינט בילן, פערד הורזשען ס׳איז אַ לעבן, וואָס דו האָסט נישט קיין שפּראַך פאַר דעם. סאיז אַ לעבן, וואָס האָט דיך אויסגעשפּיגן און פאַרשליידערט צווישן די ווילנער ענגע און שמוציקע גאַסן, און זיי ווייסן, אַז שמוץ צו שמוץ איז נישט גלייך. זעסט דאָס פערד דאָרטן, וואָס הירזשעט ביים וואָגן? זיין שמוץ באַפרוכפּערט די ערד, און די גרויסשטעטישע שמוץ באַפרוכפּערט קיין שום ערד נישט.

אין יענעם זומער האָב איך אין סוכאָוואָליע געשריבן די פיר־אַקטיקע דראַמע „די נבלה”.

בערשאַדסקי איז געשטאָרבן. זיין טויט האָט מיך צעטרייסלט. זיין טויט האָט מיך אונטערגעשוווּנקט. מיר איז ענג געוואָרן אין סוכאָוואָליע. אָבער וווהין צו פאָרן איז נישט געווען. שרייבן איז נישט געווען קיין חשק. דער ווינטער האָט זיך געצויגן און ס׳האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט גאָר קיין סוף צום ווינטער נישט זיין.

פאַר לאַנגווייליקייט איז מיר איינגעפאַלן צו באַ־



יצחק פריבולסקי׳ס פאַקסימיליע

גלייטן מיין חבר׳ס פרוי אויף די יאַרידן, וווהין זי איז פון צייט צו צייט געפאָרן מיט אַלערליי קאָך־כלים און הויז־געשיר. אַזוי אַרום בין איך מיט איר מיטגעפאָרן אויף אַ יאַריד אין דער שטאָט גאַניאָנדז נישט ווייט פון דער דייטשער גרענעץ. איך האָב איר געהאָלפן אויס־שטעלן די כלים אויף דער געפרוירענער ערד און אַכטונג געגעבן ביים פאַרקויפן.

איך ווייס נישט וויאַזוי יידישע יונגעלייט האָבן מיך באַמערקט און דערקענט, האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אונדזער סחורה, כלומרשט געקוקט אויף די טעפּלעך און פענדלעך און פון דער זייט געוואָרפן אַן אויג אויף מיר.

3. ביי ר׳ אברהם איינהאָרן

מיר איז אָנגעקומען אַ בקשה־בריוו פון מיין יוגנט־חבר, יצחק פריבולסקי, וואָס איז נאָך אַלץ געווען לערער אין שטעטל סוכאָוואָליע, גראָדנער גובערניע. אַנשטאָט זיין נאַטירלעכער הומאָר איז דער בריוו געווען אָנגעזאַפּט מיט טרויער און צער, ווי פון איינעם, וואָס ווערגט זיך אין תפיסה. אין בריוו האָט ער מיר נאָך אַמאָל איינגעלאַדן קיין סוכאָוואָליע. איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען. מיין געמיט איז מיר צעבראָכן געוואָרן, ווען איך האָב אים געטראָפן מיט אַ רואינירט האַרץ. קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס, כאָטש ער האָט נאָך געעסקט, ווי דער שטייגער, מיט העברעאישע תלמידים. באמת איז זיין פרוי יהודית געווען די גאַנצע פאַרדינערקע, און ער מיט די לעצטע כחות האָט געפרוווט אָניאָגן אין זיין שרייבן דאָס, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט. ער האָט געשריבן אין אַ דראַ־מאַטישער פאָרם, און געהאָפט, אַז פריער, אָדער שפּע־טער וועט ער זיך אַרויסרייסן. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט פאַרענדיקט זיין דראַמע אין דריי אַקטן „קינ־ד׳ער״, וואָס איז שפּעטער געדרוקט געוואָרן. איך האָב זיך באַמיט נישט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז איך באַמערק זיין שוואַכן געזונט. אַ דירה האָב איך מיר געדונגען ביים רב, ר׳ אברהמ׳ל איינהאָרן. און אויף אַ גרויסן בית־מדרש־טיש האָב איך איינגעאָרדנט מיין שרייב־טיש. דער רב ר׳ אברהמ׳ל איז נישט געווען אַבי־וועַר אַ רב. אַ ייד אַ זקן נעבעך אַ שטאַרק געבריכטער, צו זיין לאַנגער, ווייסער באָרד, האָט ער געהאַט פיר קינדער. דער עלטערער זון, אַ גרויסער זייד־סוחר אין וואַרשע, פון אים האָט ער געהאַט נחת.

דער צווייטער זון אַ באַרימטער פּראָפעסאָר אין אַמע־ריקע. טאַקע דער באַרימטער מאָגן־עקספּערט איינהאָרן, וואָס פון אים האָט ער נישט געוווסט, צי ער דאַרף האָבן נחת צי צער. איין טאָכטער האָט ער געהאַט, אַן עלטער מיידל, האָט זי געענדיקט אויף דאָקטאָר פילאָסאָף. זי האָט געלעבט ביי טאַטע־מאַמע. אין בערלין האָט ער געהאַט אַ צווייטע טאָכטער דאָקטאָר־מעדיצין.

אַז איך האָב זיך צו אים אַריינגעצויגן, האָט ער די ערשטע נאַכט מיך באַזוכט. געגלעט זיין לאַנגע, לאַנגע גרויע באָרד, און געוואָלט וויסן וואָס אַזוינס איך שרייב. האָב איך אָפּגעניינגט אָן אַ זייט מיין ענטפער און אים באַוויזן, אַז מיר זענען חלילה נישט פרעמד יענע וועגן, אויף וועלכע ער האָט זיין לעבן דורכגע־שפּאַצירט. איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז אויף דעם וואָס די היינטיקע שרייבער שרייבן, דאַרף מען נישט זאָגן „להבדיל”, ווען מען דערמאָנט עס אין איין אָטעם מיט דעם, וואָס עס האָבן געשריבן די אַמאָליקע יידישע חכמים און גאונים. מחמת, אלע, אַלע האָבן אין זינען געהאַט און האָבן אויך איצטער אין זינען די רייד פון לעבעדיקן גאָט — די דברי אלהים חיים, דעמלט האָט ער פאַר מיר אויסגעדריקט זיין גרויס חדוש, ווי אַזוי ביי אים דווקא דער זון, וואָס האָט געהאַט „גאָר אַ פשוט קעפּל איז גאָר געוואָרן אַ פּראָפעסאָר אין אַמעריקע. — אַ באָרוועסער איז ער אָסיען צייט אַנטלאָפן קיין ביאַ־ליסטאָק. — האָט ר' אברהמ'ל געגלעט און באַטראַכט די שפּיצן פון זיין ווייסער באָרד — צו לערנען דאָס, וואָס איך האָב אים אין קאָפּ געשטאָפּט, האָט ער נישט געוואָלט. פערצן יאָר איז ער דעמלט אַלט געווען. אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז ער אַראָפּגעקומען מיט אַ בלויער קאַלישקע, און מיט גלאַנציקע קנעפּלעך. וואָס ער איז דעמאָלט געווען, האָב איך נישט פאַרשטאַנען. דערנאָך האָט ער געגנבעט די גרעניץ, אַוועק קיין דייטשלאַנד און אַזוי איז ער אַראָפּ פון וועג. משמעות, אַז מיינע טעכטער זענען געווען אין בערלין, האָט דער זון, דער פּראָפעסאָר זיי געשיקט פון אַמעריקע געלט. פּראָפעסאָר איינהאָרן רופט מען אים דאָרטן. האָט איר געהערט פון אַזאַ פּראָפעסאָר?

— וואָס איז דער חלוק, רב, אַבי איר האָט נחת פון די קינדער.

נחת... וואָס איז נחת ביי יידן, אַז מען פאַרשטייט נישט פון וואַנען דער נחת שטאַמט? צי ווייס איך וואָס זיי טוען?

— דאָקטוירים, היילן קראַנקע, רבי — צי איך ווייס.

ער האָט פונדעסטוועגן געוואָלט כאַפּן אַ קוק אויף די פאַרשריבענע זייטלעך פּאַפּיר אויף מיין שרייב־טיש, געקוקט, געזשמורעט מיט די אויגן, געטאַפּט מיט די בלאַסע טרוקענע פינגער און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— וואָס איז, רבי, איר דערקענט נישט דעם יידישן כתב?

אַ צעשטרייטער איז ער אַרויס פון מיין צימער. איך האָב אים נאָכגעקוקט און געטראַכט: „וויפל איז דען נויטיק געווען, איך אַליין זאָל איצטער זיין אַ רב אין אַ קליין שטעטל, מעסטן מיינע טריט, מעסטן מיינע רייד, און זוכן גאָטס וואָרט אַריינצוברענגען אין דעם גרויען קליינשטעטלדיקן לעבן?” אפשר, ווען נישט דער יוגנט־חבר מיינער, וואָס האָט אין צייט פון אומצופרי־דנקייט פאַר מיר אויפגעריסן דעם פאָרהאַנג, וואָס האָט געפירט צום הפקרדיקן דרויסן, מעגלעך, אַז איך וואָלט צו אים נישט געקומען מיט מיינע אייגענע ספקות.

מיינע נאענטסטע

מיין פאָטער, יודל ברעזעווער, האָט געוווינט נישט ווייט פון סוכאָוואָליע, בערך אַ זיבן קילאָמעטער פון שטעטל, און געהאַט אַ מיל. ער פלעגט מאָלן ווייצענע און קאָרענע מעל און גרויפּן. פון אַלעם פלעגט ער תמיד נעמען „מעשׂר". דערמיט האָט ער אין זינען געהאַט אַ נויטבאַדערפטיקן. פאַר אַ יום־טוב פלעגט אים די מאַמע — גאָלדע־דבורה — העלפן אָנפילן זעקלעך מיט מעל און גרויפּן און עס צעטיילן פאַר נצרכים, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געפעלט.

תמיד האָט ער געהאַלטן אַ מלמד פאַר די קינדער. אַ „ישובניק'ס" קינדער דאַרפן אויך נישט וואַקסן קיין „עמי־הארצים"...

כאָטש אונדזער דאָרף איז געווען אַרומגערינגלט מיט נאָך יידישע שטעטלעך, איז אונזער פאַרקער געווען מיט סוכאָוואָליע. זיצענדיק אין דאָרף האָט מען שטענדיק געדאַרפט די שטאָט: אַ נאָדל, שיך, אַ קלייד, אַ שוחט, אַ רב, אַ ברית. אַזוי אַרום בין איך געווען אויסגעבונדן מיט סוכאָוואָליע נאָך אַלס יונג מיידל. איך פלעג פאָרן מאַכן די איינקויפן. אונדזער גוי יאַנעק ווינסקי פלעגט מיך פירן זומער אויף דער פור און ווינטער אויפן שליטל אין „שטאָט אַריין"...

אַז איך האָב חתונה געהאַט מיט ניסל יאָשעס, בין איך שוין געווען אַ גאַנצע סוכאָוואָליער בירגערין. מיר האָבן געוווינט אויף יאַנאָווער גאַס. ניסל איז געווען אַ גרויסער סוחר, האָט געהאַט אַן אויסלענדישן פּאַס צו פאָרן קיין דייטשלאַנד און אין טיף רוסלאַנד, אין וואַראַניעזש, טולע, א.אַ.וו. ער איז געווען פון די בכבורדיקע באַלעבאַטים אין שטעטל געהאַט אַ יידיש האַרץ און אַן אָפענע האַנט...

איך געדענק אונדזערע אַרומיקע שכנים:

דבורה'קע און שלום סטוצינסקי, דבורה'קע מיט איר דוּאיקן, תמימותדיקן אויסזען שטייט מיר נאָך ביז היינט פאַר די אויגן. לייזער טיקאָצקי, שיין און קלוג, פון די פאָרגעשריטנסטע יונגעלייט אין שטעטל. זיין האַנדלען מיט די פּויערים איז גאָרנישט געווען געפּאַסט פאַר אים; דער שענקער בערל־יוחנ'ס מיט דער שטענדיקער שרעק אין זיין שענק, ווייל דאָס גלעזל „וואָדקאָ" קען מען דאָך נישט פאַרקויפן פראַנק און פריי... משה פּימפּער, אַ טייערער ייד, אַ מלמד, האָט געלעבט אין גרויס דחקות. האָט נישט שאַרף גערעדט, אַנשטאַט אַ פינפערל פלעגט ער זאָגן אַ „פּימפּערל" און אַזוי איז אים פאַרבליבן דער נאָמען. אָפט פלעגט צו אונדז קומען הינדע די נויטערקע. כאָטש אַ פאַרנומענע, האָט זי שטענדיק געפונען צייט צו פאַרגרינגערן מענטשן דאָס לעבן. כ'געדענק אַ פרייטיק אינדערפרי. זי איז אַריינגעקומען צו אונדז אַן איבערגעשראָקענע. איטשע שוסטערס ווייב האָט אַראָפּגעשלונגען אַביינדל און מ'מוז זי גלייך אָפּפירן קיין וואַרשע. צו דעם זענען נייטיק פופציק רובל. ביי ניסל יאָשעס קריגט מען אַ שיינע מטבע... אָבער הינדעס אויפגאַבע האָט זיך מיט דעם נישט געענדיקט. ווען די שוסטערקע איז געקומען צוריק פון וואַרשע, האָט איר הינדע „געפלעגט", זי האָט איר צוגעשטעלט מילך, פּוטער און אייער.

משה'קע און פייגע־רייזל גרימיצאַנסקי האָבן געהאַט אַ שטיקל פעלד. אָרעמע לייט פלעגן געניסן פון זיי אַ זעקל בולבעס, אַ פוד קאָרן. זיי פלעגן געבן שטילערהייט, אַז די אָרעמע לייט זאָלן אַפילו נישט וויסן פון וואַנען עס קומט.

חאַצקל וועלפקעס — אַ ייד שיין פאַר גאָט און פאַר לייטן — אַז ר' חאַצקל שיקט פרייטיק פרי אַ צעטעלע, ווייס די באַלעבאָסטע, אַז זי וועט שוין האָבן די מצוה פון אַן אורח אויף שבת. זיין פרוי העני־רחל לויפט נאָך באַגין אין שול. אין אַ ווייס טיכעלע פלעגט זי קלייבן נדבות פאַר נויטבאַדערפטיקע. איך בין געווען פון די פוילע צו קומען אין שול, אָבער העני־רחל האָט זיך נישט געפוילט צו קומען צו מיר אין שטוב...

צומשטאַרקסטן איז פאַרבליבן אין זכרון יקותיאל דער שוסטער, חאַצקל דעם שוסטער'ס פאָטער. ער איז געווען אָרעם, אָבער רייך אין מעשׂים. תמיד איז ער געזעסן איינגעבויגן אויפן שוסטער־בענקל מיט דער „דראַטווע" אין האַנט, אָבער קוים האָט זיך דערנענ־

טערט דער ווינטער, האָט ער שוין נישט גערוט. ער ווייסט אַז אָרעמע לייט האָבן נישט קיין האָלץ, מיט וואָס אָנצוואַרעמען זייער פינצטערע כאַטקעס, זיי האָבן נישט אויף וואָס אָפּצוקאָכן דאָס טעפּל גרויפּן מיט „נישט". באָרגט יקותיאל אַ פערד מיט אַ וואָגן און זאַמלט ברעמיעס האָלץ.

און אין שטוב ביי אונדז איז אַ בן־בית לייבע דער משוגענער — לייבע אַ מעסער — פלעגט מען אים רופן. מיין מאַמע פלעגט קאָכן יעדן פרייטיק אַ טעפּעלע יויך פאַר לייבען און טאָמער פלעגט זיך איר אויסדוכטן, אַז לייבעס יויך איז צו מאָגער, פלעגט זי אַראָפּשעפּן אַ פאָר לעפל פון אונזער שבתדיקע זופּ, כדי לייבעס טעפּעלע זאָל זיין געשמאַקער.

שבת באַווייזן זיך אויך „גוט־שבת'ל" און „קאַקאַרעליצוק" נאָך אַ שטיקל חלה.

אין יענע יאָרן האָט זיך פאַרהעלטניסמעסיק נישט שלעכט געלעבט אין שטעטל. קרעמערס און בעלי־מלאכות האָבן געהאַט זייער שטיקל ברויט, נישט פיל געהאַט און נישט פיל געדאַרפט; אַזוי ביז 1914, ביז דער ערשטער וועלט־קריג איז אויסגעבראָכן. די רוסן האָבן מאָביליזירט יונגע מענטשן, אַפילו טאַטעס פון קינדער און נישט איינער פון זיי איז אומגעקומען. קיין פרנסה האָט אָבער נישט געפעלט, מען האָט געמאַכט געשעפטן מיטן מיליטער, צוגעשטעלט סיגאַרעטן און געטראַנקען צו די פּאָזיציעס. ביי די דייטשן איז אַלץ געווען אויף קאַרטן, ווייל זיי האָבן אַלץ אַרויסגעשלעפּט קיין דייטשלאַנד. פיל ביטערער איז געווען, ווען די פּאָלאַקן זענען אַריין און אָנגעפאַנגען צו ראַבירן. ביי מיר האָט מען צוגענומען אַ ניי־מאַשין און פאַר אַ 600 רובל בוי־האָלץ. פריער האָבן זיי צוגענומען דאָס פאַרמעגן — אַרויפגעלייגט גרויסע שטייערן. פיל קראָמען האָבן זיך צוגעמאַכט — און דאַן איז דאָס לעבן געוואָרן נישט זיכער, מען האָט אָנגעהויבן שלאָגן יידן. יאָסל לישעס (פראַנצוז) האָט געקראָגן איינמאָל ביי נאַכט אַ קלאַפּ און אין אַ קורצע צייט אַרום געשטאָרבן. די צייטונגען האָבן געברענגט שלעכטע ידיעות, וואָס מען טוט מיט יידן. אָבער יעדער האָט געהאָפט, אַז דאָס וועט נישט געשען מיט אים. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט, ביז עס איז געוואָרן צו שפּעט...

איך האָב זוכה געווען צו קומען אין ארץ־ישראל אין 1935, אָבער מיינע קינדער יודל, פייגל, חיה־ליבע און זעלדע זענען דאָרט אומגעקומען מיט זייערע משפחות...

אַ סך טייערע יידן געווען אין סוכאָוואָליע, קיינער איז פון זיי נישט געבליבן... איך בעט ביי גאָט, ער זאָל נקמה נעמען פאַר די מיליאָנען אומשולדיקע נפשות, וועלכע זענען דערשטיקט און פאַרברענט געוואָרן.

באַבקע ניסל'ס-באָרעלקאָווסקי

פון מיין פריסטער יוגנט

גדליה דער גרעבער האָט אין מיר אַלס קינד אַרויסגערופן אַ שווער געפיל. צוזאַמען מיט נאָך איינעם פון די חברה־קדישא־לייט, אברהם כאַרלאַפּ האָט ער אַרויסגעטראָגן מיין געשטאָרבענע מאַמע פון שטוב. אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע איז ער געווען דער שולדיקער אין דעם, וואָס איך בין געוואָרן אַ יתומה.

אָבער דער זעלבער גדליה האָט אויך געברענגט מיט זיך פרייד. זיין רופן אין שול אַריין האָט אַריינגעפירט דעם שבת אין שטעטל. אין שטוב ביי אונדז איז אַלץ געוואָרן שיין, צוגערוימט. די לייכטער האָבן זיך צעבלישטשעט אויפן טיש מיט די חלות און שיינע סערוועטלעך און טישטעכער. עס איז געוואָרן אַזוי שטיל און גוט אויף דער נשמה.

גדליה איז אויך געווען אין אַנדערע חברות. ווען די חברה ש"ס האָט ערב שמחת־תורה געמאַכט אַן אויפנאַמע, האָט גדליה געברענגט אויף די אַקסלן צוויי קוישן מיט זיסוואַרג, טאָרטן און ווין און דאָס צעטיילט צווישן די קינדער.

יעדעס יאָר עשרה בטבת, נאָכן תענית, איז ביי מיין פאָטער, ניסל יאָשעס, אין שטוב פאָרגעקומען די סעודה פון דער חברה־קדישא. אין די שפּעטערדיקע


יאָרן פלעגט עס פאָרקומען ביי ר׳ איסר ראַבינאָוויטש. צו דער סעודה האָט מען זיך געגרייט, ווי צו אַ חתונה. עלקע די קעכין האָט געבאַקן די געפלאָכטענע בולקעס, געקאָכט די פיש און געבראָטן די גענז. גדליהו פלעגט נעמען אַ גרויסן אַנטייל אין די צוגרייטונגען. אויף צומאָרגנס פרי פלעגט פאָרקומען אַ „פּאָפּראַווקע", ווידער האָבן זיך צונויפגעקליבן די חברה־קדישא־לייט אויף אַ סעודה. נאָכדעם האָט גדליהו אַוועקגעטראָגן די פּאָרציעס צו די גבאי׳טעס: העני־רחל קרוצעל, ברײנע לאַסקי, גאָלדע פּיעשצאַנסקי, ריווע־לאה, חיה־רחל ווײנשטיין א.אַ.וו.

צווישן די גוטהאַרציקע פרויען פון יענער צייט זענען אויך געווען חיה־פּעשע און זלאַטקע. חיה־פּעשע פלעגט אָננעמען יעדן פרייטיק שפּייז פאַר אָרעמע, דער־ביי האָט זי געזאָגט: — „איר זאָלט אַ סך געבן אין מען זאָל עס נישט דאַרפן" —

זלאַטקע פלעגט זאַמלען געלט פאַר אָרעמע כלות. זי איז געקומען צו יעדער חופה אויסגעפּוצט אין אַ ברייט פאַרביק קלייד, מיט אַ העלער בלוזע, אַ ווייס פאַרטוך מיט סטאַווקעס; אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ טשעפּיק פון פאַרביקן שטאָף מיט אַראָפּגעהאָנגענע סטענגעס. ווען חתן־כלה זענען געגאַנגען פון דער חופה, האָט זלאַטקע זיי אַנטקעגן געטאַנצט, פּאַטשנדיק מיט די הענט.

העני־רחל און ברײנע לאַסקי זענען געווען באַקאַנט אין גאַנצן שטעטל מיט זייערע גוטע מעשים. זיי פלעגן קומען באַראַטן זיך מיט מיין פאָטער ווי צו שאַפן אַ נויטיקע סומע, כדי צו ראַטעווען מענטשן פון נויט און פּיין. איך בין געווען באַאיינפלוסט פון די צוויי פרויען, וועלכע האָבן אַזויפיל געזאָרגט פאַר אָרעמע, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן בין איך געגאַנגען מיט רייזל לאה׳ס זאַמלען געלט פאַרן זעלבן צוועק.

אַ פּאָר טעג פאַר ימים־נוראים פלעגן זיך צוזאַמענ־קלייבן ביי אונדז אין שטוב אָנגעזעענע יידן: ר׳ ישראל דער חזן־שוחט, ר׳ יחזקאל קרוצעל און נאָסקע דער שוחט. זיי האָבן זיך איינגעטיילט מיט ימים־נוראימדיקן דאַווענען. שמחת־תורה האָט מיין פאָטער געדאַוונט מעריב אין באַרג־בית־המדרש. יודל העני־רחל׳ס (קרוצעל) האָט געהאַט אַ „חזקה" אויף דעם „אתה הראית" יאָר איין, יאָר אויס. מיר, קינדער, פלעגן נאָכגיין די הקפות, אויסגעפּוצט, מיט פענער, — וואָס



יודל קרוצל

מיר האָבן געקויפט ביי משה דעם איינבינדער.

נאָך די ימים־טובים האָבן מיר מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף די חנוכה־טעג. די שטוב איז דעמלט געוואָרן פול מיט פרייד און געזאַנג. מיין פאָטער האָט געזונגען „הנרות הללו". חנוכה אין אָוונט זענען געקו־מען די שמשים משה און ירמיהו, מיט לאַמטערן אין די הענט נאָך חנוכה־געלט. פאַר יעדן איז שוין געווען אַ צוגעגרייטער קאָנווערט.

פּורים האָט מען זיך פאַרנומען מיטן „שאַלאַך־מאָנעס" (משלוח־מנות). דער חזן, ר׳ ישראל פלעגט שיקן מיין פאָטער דורך זיין שמש ירמיהו אַ טעלער צוקער־לעקעך, צוגעדעקט מיט אַ ווייס טיכעלע. איך מיט מיין שוועסטער זעלדע האָבן אַוועקגעטראָגן שאַלאַך־מאָנעס דער חזנ׳טע.

נאָענט פאַר פּסח איז געקומען צו אונדז ר׳ ישראל פּיעשטשאַנסקי נאָך „מעות־חטים". דער פאָטער פלעגט שיקן דורך אונדז קינדער כבוד־יום־טוב־געלט פאַר די רבנים און שוחטים. איז מיר פאַרבליבן אין זכרון ר׳ אברהמטשעס שטוב. דער רב האָט זייער ליב געהאַט מיין פאָטער און געהאָפט, אַז ער וועט ירשענען זיין „כסא־רבנות". אַז עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסע דין־תורה, האָט מיין פאָטער געמוזט זיין דערביי.

און פון ר׳ אברהמטשן צו ר׳ שעפּסלען. ער שטייט מיר פאַר די אויגן, ווי ער האָט אויסגעזען אין זיין טורעצקן לאַנגן ראָק, פאַרבונדן מיט אַ גאַרטל. די רעביצן אסתר׳קע האָט געגעבן מעדיצינישע עצות צו

פאַרשידענע מחלות, אויך איז ביי איר געווען אַ גאַסט־הויז פאַר אָנגעזעענע וואַלד און פלאַקס־סוחרים.

צו די שטאַרקסטע דערינערונגען פון מיין פריסטער יוגנט געהער די ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג „בר־כוכבא", וועלכע עס האָבן מיט אייגענע כוחות אָרגאַניזירט אַ ריי יוגנטלעכע פון אונדזער שטעטל. דאָס איז געווען אַ געשעעניש אין אונדזער לעבן. די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען ביי שמואל לאַנדוי אין שטוב.

אין דער פאָרשטעלונג האָבן נישט אַנטיילגענומען קיין פרויען. אַפילו די פרויען־ראָלן האָבן געשפילט מענער. די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ טעמע פאַר דיסקוסיעס און שמועסן צווישן דער יוגנט. ערשט אין עטלעכע יאָר שפּעטער האָט מען זיך גענומען צו אַ צווייטער פאָרשטעלונג, „שולמית", וועלכע איז פאָרגעשטעלט געוואָרן ביי שיינקען אין שטוב.

אַ סך אויפרודערונג האָבן אַריינגעברענגט אין אונדזער לעבן די געשעענישן פון 1904—5. אין וואַלד זענען פאָרגעקומען געהיימע פאַרזאַמלונגען. מיר האָבן אָנגעהויבן לייענען אומלעגאַלע ביכער, וועלכע זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט און שפּעטער דיסקוטירט געוואָרן. דער צושטעלער פון די ביכער איז געווען משה דער איינבינדער. עס האָט אויך געטראָפן, אַז פאַר־בייפאָרער האָבן צוזאַמען מיט די רעשטלעך סחורה געפירט ביכלעך, וועלכע מיר האָבן געקויפט ביי זיי.

עס האָט זיך אויסגעטיילט אַ גרופּע פון די סאַמע אַקטיוויסטע יוגנטלעכע: רייזל לאה'ס (פרעדמיעסטקי), וויכנע ראַבינאָוויטש, טויבע קאלעקאַ, דבורה'קע סלאָמיאַנסקי, חוהקע קרוצעל, שפּרינצע גאָרבּיסטייסקי, לאהקע לאַסקי. און צווישן די בחורים: אלתר דעם חזנ'ס, יודל קרוצעל, חיים גופּערשטיין, לייזער טיקאָצקי, זיידקע שקלאַר, שמואל־אייזיק פראַנצוז, יעקב חאָראָווסקי, זלמן יפה און שלמה ראַבינאָוויטש. מיר פלעגן זיך צונויפקלייבן ביי גרשון קאלעקא און ביי שיינקען און אויף די דאָזיקע צונויפטרעפן האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ ביבליאָטעק. דאָס איז געווען אין 6־טן יאָר.

מיר האָבן זיך באַשטייערט מיט געלט, איינגעקויפט אַביסל ביכער, שיינקע האָט אונדז פאַר דעם דאָזיקן צוועק אָפּגעגעבן דאָס שטיבל פון אירע שוויגערעלטערן. מיר האָבן גענומען אַריינציען לייענער. די גאַנצע יוגנט איז צוגעטרעטן אויסער אַ גרופּע מיידלעך, וועלכע האָבן אַליין געשאַפן אַביסל ביכער און געעפנט אַ באַזונדערע ביבליאָטעק. מיט דער צייט האָט זי זיך ליקווידירט.

ביז יענער צייט זענען נאָר עלטערע מענער געגאַנגען צו אַ לינה און נאָר דאַן,ווען דער קראַנקער האָט שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן. זלמן דער מלמד איז געווען דער הויפּט־פאַרוואַלטער, ביי אים זענען געווען די כלים. די הכנסה איז געווען פון אַ וועכנטלעכער באַשטייערונג פון די בעלי־בתים. אויסערדעם פלעגט מען קלייבן אויף חתונות. פּורים פלעגן זיך די פיינסטע יונגע־לייט אָנטון אין מאַסקעס און גיין מיט געזאַנג איבער די הייזער נאָך פּורים־געלט פאַרן לינת־הצדק. זיי פלעגן אויך פאָרן אין די דערפער, ווו די יידישע ישובניקעס האָבן שוין געוואַרט אויף זיי.

די פראַגע פון שאַפן אַ לינת־הצדק פון פרויען איז אויפגעשווומען דעמלט, ווען עס איז שטאַרק קראַנק געוואָרן גאָלדע ליווערצאַנט. זי איז אָפּגעלעגן לאַנגע חדשים. פאַר אַ לינה האָט זי זיך געשראָקן, — אַז מען קומט אויף אַ לינה, שטאַרבט דער חולה. — איר שוועגערין האַגי איז שוין געווען אויסגעמאַטערט. פלעג איך מיט אסתר זולטוק איר פאַרבייטן אַ פאָר נעכט אַ וואָך. דאַן איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ פרויען־לינת־הצדק. עס איז נישט געווען פּשוט, ווייל קיין פאַרהייראַטע פרויען האָבן זיך נישט געוואָלט פאַרשרייבן, און די מיידלעך האָבן די עלטערן נישט דערלויבט צו גיין, כדי זיי זאָלן זיך נישט אָנשטעקן.

אויך מיט יונגע מענער איז געווען דער זעלבער פּראָבלעם. די ערשטע 3 יונגע לייט, וועלכע זענען אַריין אין לינת־הצדק, זענען געווען: מענדל בורע, זלמן יפה און שלמה ראַבינאָוויטש, אין פאַרלויף פון דער צייט זענען נאָך אַנדערע צוגעקומען. און אַ צייט אַרום איז שטאַרק קראַנק געוואָרן יצחק פּריבולסקי און מיין פעטער זיידקע ביאַליסטאָצקי (זיי זענען ביידע געשטאָרבן אין איין טאָג), דאַן האָט שוין נישט געפעלט ווער עס זאָל גיין אויף לינות.

אַזוי איז מיר פאַרבליבן אין זכרון סוכאָוואָליע פון מיינע צייטן. דערציילנדיק דאָס אַלץ לעב איך איבער פונדאָסניי די אַלע טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט די דאָזיקע נאָענטע מענטשן און דעם גאַנצן גרויל פון זייער אומקום.

דינה באַרעלקאָווסקי-זאַקליקאָווסקי

סוכאָוואָליער דערציילן

ר׳ שיימע מאַשעס (גאַרנאַסטייסקי)

אַ שיינער טיפּ פון אַלטן דור, אַ לעבן לאַנג געווידמעט דער הייליקער תורה, אין סוכאָוואָליער חדרים, אין די ישיבות אין מינסק און וואָלאָזשין, און עד היום דעם ספר פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזט. ר׳ שיימע געדענקט נישט פיל צו דערציילן וועגן סוכאָוואָליע. ער האָט יונג פאַרלאָזט דאָס שטעטל, צו 17 יאָר. און די 58 יאָר, וואָס זענען דורך פון דעמלט אָן, האָבן שוין דאָס ביסל זכרונות וועגן סוכאָוואָליע אויך אָפּגעמעקט. ער דערציילט פון זלמן דעם מלמד׳ס חדר. דאָס איז געווען אַ „נוסטן" מיט איבער 60 יאָר צוריק. זלמנ׳ס חדר איז געווען אין „אַראָפּ", נישט ווייט פון דער הילצערנער שול.

זלמן דער מלמד האָט געהאַט נאָר 8 תלמידים, גמרא־יינגלאך, און יעדער תלמיד צאָלט נאָר 10 רובל אַ זמן. איז פאַרשטייט זיך געווען אַ דחקות. העלפט אַרויס אַביסל דעם מלמד׳ס ווייב, זי האָט אַכטונג געגעבן אויף דער מקוה. אין יענער צייט האָט זיך עפּעס אָפּגעטאָן וועגן דער מקוה. די באַרגער האָבן זיך איינגע־עקשנ׳ט, אַז די מקוה זאָל זיין אויפן באַרג, און טאַקע פאַרוואָס זאָלן עפּעס די באַרגער ווייבער זיך דאַרפן שלעפּן אַזוי ווייט. עפּעס אַ שטיקל צייט איז די מקוה געווען אין קאַרפּאָוויטשער גאַס און ווי אַזוי די ענינים זענען דערגאַנגען, אַז די מקוה איז דאָך געבליבן אין „אַראָפּ", דאָס קען ער זיך שוין נישט דערמאָנען.

ביי זלמנען אין חדר לערנט מען דער עיקר גמרא. תנך איז אַ נעבן זאַך, מען לערנט פון דער פרי ביז נאַכט. מען קערט זיך אום אַהיים מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט. דאַנערשטיק איז דער „יום־הדין". אַ גאַנצע וואָך לערנט מען מיטן רבין און דאַנערשטיק דאַרף יעדעס יינגל זאָגן אַליין. ר׳ שיימע זאָגט, פאַר אים איז עס אייגנטלעך נישט געווען קיין „יום־הדין", כאָטש קיין גרויסע „תפישה" האָב איך נישט געהאַט, אָבער איך האָב געהאַט „הבנה"...

אַמאָל שפּאַצירט ר׳ שיימע מיט זיין ברודער האַצקלס עלטסטע טאָכטער — שפּרינצע. זלמן דער מלמד איז געווען אין כעס: „נו, אַז אַ קרובה, מעג מען שוין? אַ קרובה איז ערגער ווי אַ פרעמדע..."

אַ שמועס מיט ר׳ שמואל יפה

איינער פון אונדזערע טייערע סוכאָוואָליער יידן. ער האָט זוכה געווען באַצייטנס צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל מיט זיין פרוי חיה־יוחקעס און זייער איינציקער זון שמעון.

אייגנטליך איז ער אַ טיקטינער, אין סוכאָוואָליע איז ער אָנגעקומען אַרום 1910. ער איז געווען אַ טרוימער פון ציון, האָט ליב געהאַט דאָס הייליקע לאַנד מיט אַלע זיינע „רמ״ח אברים". האָט זיך באַטייליקט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַגיטירט אַנדערע פאַרן געדאַנק פון שיבת־ציון.

ר׳ שמואל געדענקט נאָווינסקעס פּראָצעס צוליב ציוניסטישער אַרבעט, וועלכע האָט זיך דאַן אויסגעדריקט נאָר אין פאַרקויפן אַקציעס און שקלים פאַר ארץ־ישראל.

ר׳ שמואל געדענקט דעם לאָקאַל פון די „צעירי־ציון", ער איז דאָרט אַריינגעקומען צוזאַמען מיט משה פּוטיאַל ז״ל. עס איז נישט געווען אינגאַנצן לויט זייער גייסט, אָבער דאָך האָט מען געהערט אַ יידיש וואָרט, אַ גרוס פון ציון... נאָך ניסל שטוץ׳ס טויט און סמאָלאַרס אוועקפאָרן קיין אַמעריקע, האָבן זיך ר׳ שמואל מיט פּוטיאַלן דערווייטערט פון די יינגערע.

אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען דער „מזרחי" ווערט געגרינדעט, שליסט זיך ר׳ שמואל אָן אין זייערע רייען.

צווישן די עסקנים געדענקט ר׳ שמואל: זלמן יפה, דוד גליר, ראובן כהן, תנחום סורזקי.

ר׳ שמואל דערמאָנט די גרינדונג פון דער שולע און דעם עפּיזאָד ווי מען האָט געכאַפּט בענק, וועלכע זענען פאַרבליבן פון די דייטשע צוואַנג־שולן. אין 1926 האָט ר׳ שמואל פאַרווירקליכט זיינע חלומות, געקומען אין א״י, זיך באַזעצט אין בני־ברק און געווען פון אירע ערשטע בויער.

אברהמל חיים לייזער׳ס (ליווערצנט)

פאַר יעדן האָט ער אַ גוט וואָרט, שטענדיק מיט אַ שמייכל אויפן פּנים סיי אין פריידן, סיי אין ליידן. פון דער מאַמען — גאָלדע מערקעס— און פון טאַטן — חיים לייזער דעם מילנער — גוטע מידות גע׳ירשנ׳ט.

אברהמל האָט ליב צו דערציילן וועגן שטעטל. עס דוכט זיך, אַז ער האָט ערשט נעכטן דאָס שטעטל פאַרלאָזן, אַזוי קלאָר שילדערט ער אַלע סוכאָוואָליער. ער געדענקט זיי סיי וואָכעדיקע, סיי שבת׳דיקע.

משה פּימפּערס חדר, אין די צאַרישע צייטן, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ דערלויבעניש צוהאַלטן אַ חדר. דערוויסט זיך דער מלמד, אַז עס דאַרף פאָרקומען אַן „אַביסקע״, צולאָזט ער די תלמידים, די ייִנגלעך שפּילן זיך דערווייל הינטערן חדר אויפן געלן באַרג. גדליהו דער שמש פון דער גרויסער שול — אַ „דזיעשאַטניק״ (שוטר) אין יענע צייטן — איז זיך נישט איינמאָל מוסר נפש און קומט אָנזאָגן פּימפּערן, אַז דער פּריסטאַוו קומט באַלד.

וועגן ר׳ אברהמטשע, דעם סוכאָוואָליער רב, געדענקט ער צו דערציילן, אַז אַ ייִדענע איז געקומען פרעגן דעם רב אַ שאלה, האָט ער גלייך אַריינגערופן עמיצן פון די שכנים, כדי נישט צו בלייבן מיט איר אַליין...

ר׳ אברהמטשיס עלטסטער זון פלעגט נישט קענען קומען אַ היים, נישט וועלנדיק אָנטון דעם טאַטן דעם בזיון אַז ער „שטודירט״. און ר׳ אברהמטשע וויל אים דאָך אַמאָל זען, טרעפט ער זיך מיט זיין זון אין וויטאַכע (אַ סטאַנציע נעבן שטעטל). דער סטודענט איז אָנגעטון אין אַ שינעל, פרעגט דער טאַטע פאָרזיכטיק זיין זון: זע, מיין קינד, דער בגד איז נישט מחויב אין ציצית?

ווען ר׳ אברהמטשע האָט פאַרלאָזט סוכאָוואָליע און געפאָרן אין ארץ־הקודש, זענען אַרויס מאַמעס מיט קינדער, אַז דער רב זאָל זיי בענטשן. האָט גאָלדע מערקעס אויך פאַרלאַנגט אַ ברכה פאַר אירע קינדער. האָט דער רבי גאָלדעס קינדער געבענטשט, אָבער באבאקן (איינעם פון די קינדער) האָט ער קיין ברכה נישט געגעבן. אַז דאָס ייִנגל איז יונג געשטאָרבן, האָט גאָלדע געגלייבט, אַז ר׳ אברהמטשע האָט געוווּסט, אַז איר באבאק האָט נישט קיין יאָרן.

מיט אונזערע מאַמעס אין ארץ־ישראל

אַ יקר־המציאות איז ביי אונדז יעדער איינער פון עלטערן דור, וואָס איז אונדז פאַרבליבן פון אונדזער שטעטל. נאָכן חורבן איז דאָך קיין איין עלטערער מענטש פון סוכאָוואָליע נישט געראַטעוועט געוואָרן. גאָר טייער איז צו טרעפן זיך מיט עמיצן פון אונזערע מאַמעס.

בת־שבע שולזינגער — הענע־רחל׳ס שוועסטער — אַ חכמה פון אַלטן דור, אַליין איז זי אַ האָלינקערין (נישט ווייט פון סאָפּאָטקין), אַדאַנק איר שוועסטער האָט זי געהאַט אַ שייכות צו סוכאָוואָליע.

די מומע בת־שבע דערציילט:

מיינע שענסטע יאָרן — מיינע קינדער יאָרן — האָב איך פאַרבראַכט אין סוכאָוואָליע. אַראָפּ, ביים טייכל, אונטער ר׳ חיים־יאַנקל׳ס ברויז פלעגן מיר וואַשן די וועש. פון געלן באַרג האָב איך געשלעפּט אין אַ זאַלץ־זעקל זאַמד אויסצושיטן די שטוב לכבוד שבת. ביי מאָטקי דעם ווײַנשענקער האָב איך געקויפט אַ „קוואַרטירל״ ווײַן אויף קדוש. שבת האָבן מיר זיך געשפּילט אין ניס מיט ענע דער אַלמנה׳ס קינדער.

נאָך מיין חתונה בין איך געקומען אויף אַ וויזיט אין סוכאָוואָליע. גייען מיר — איך און מיין „אַלטער״ זאָל געזונט זיין — ביידע אויסגעפּוצט אין היט. אנטקעגן קומט אונדז אָן ר׳ יונתן ראַבינאָוויטש (שלמה׳ס פאָטער), ציט ער פאַר אונדז דעם הוט: „דזיען דאָברי, פּאַנאָוויע״... אַזאַ זעלטענע דערשיינונג איז געווען אין יענע צייטן זיין אויסגעפּוצט אין דער וואָכן. און דאָס איז געווען „אַנוסטן״ מיט אַ 65 יאָר צוריק... איך זע נאָך פאַר זיך יעדע שטוב, יעדן מענטש אין שטעטל, כ׳געדענק גוט די דריי כאַטשעס: כאַטשע ריינעס, כאַטשע חיה־שרה׳ס און כאַטשע שאַיעס.

מאַריאַשע כאַשעס — ביי איר מאַן בעזשע האָט

זי קיינמאָל קיין חיונה נישט געהאַט, אָבער תמיד האָט זי געלאַכט.

וועלוול פיטשעס דער בעקער. זיינע קינדער זענען געווען חסידים. חיינקע און איר מאַן בצלאל האָבן געהאַט עטלעכע קינדער און אַלע בלינדע. וועלוול בצלאל׳ס — תישמעניוק — אַ ייד אַ למדן, תמיד ביי דער גמרא. גרשון טוביה׳ס, פראַדל און פייגע כאַניכעס וועלווקע משה־אהרנ׳ס; משה דער פורמאַן, שטענדיק קלייבט ער זיך קיין ביאַליסטאָק. ווינטער פלעגט ער צושפּאַנען צו זיינע פּאָר פערדלעך מיט אַ „טאַסע“ ביי דער זייט אַ דריט פערדל, כדי צו קענען אָנקומען באַצייטנס אויף שבת אַהיים.

אברהם וואַלענטי, אַ טייערער ייד געווען. פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט ער אָנקומען מיט זיינע פּאָר „שקאַ־פעס“. עס איז שוין פאַר ליכט בענטשן, אָבער ער באַוויזט נאָך צו גיין אין שול און זיינע צווי זין שפּאַנען נאָך אים...

אַ גרויסער טייל פון שטעטל האָט געהאַנדלט מיט „פעקל־סחורה“ דאָס הייסט מיט פרייסישע טריפה׳נע סחורות, שטענדיק איז מען געווען אין פחד פאַר דער פּאָליציי.

איך געדענק ר׳ שעפּסל דעם דיין און זיין ווייב אסתר, וועלכע האָט אים געהאָלפן אין דער פּרנסה.

דער עיקר איז פאַרבליבן אין זכרון ר׳ אברהמ׳טשע איינהאָרן, ער איז געווען אַ אמתער צדיק. זיין שכירות איז געווען 10 גילדן אַ וואָך. די רעביצן — אַ שוועסטער פון פעשע אַגעס — פלעגט צו האַנדלען. נישט איינמאָל פלעגט דער רב צעטיילן איר פדיון פאַר נצרכים. זייערע קינדער זענען געווען זייער באַגאַבטע, אָבער אויפ־געקלערטע...

אַך, טייערע יידן זענען געווען אין סוכאָוואָליע, ווי זעט מען היינט אַזעלכע יידן?

עס דערמאָנט זיך מיר אַ פּורים־נאַכט אין שטעטל:

שיין האָט אויסגעזען דער טיש פּורים צו דער סעודה ביי מיין שוועסטער — הענע־רחל. ביים טיש זענען געזעסן מיין שוואָגער חאַצקל, יודל, יהודית מיט יצחק׳ן און זייער גאַסט, פרץ הירשביין. הענע־רחל האָט צוגעטראָגן אַלע גוטע פּורימדיקע זאַכן, פרץ האָט דערלאַנגט אַ פלאַש „באָרדאָ“־ווייַן.

עס זענען אָנגעקומען געסט: סימע דניאל׳ס, שאָשע־מינדל, משה־שמואל׳ס, בנימינקעס קינדער. מיר האָבן זיך געלאָזן צום „ביעל“, זיך געלשיטלט, אין געוואָרפן מיט סניעזשקעס. קומענדיק צוריק, האָבן מיר נאָך געטראָפן די מומע ריבצע פאָרן זיך ביים קוימען.

מיר האָבן זיך געלאָזט באַרג־אַראָפּ.

חייקל דער מלמד איז נאָך געזעסן ביי אַ ספר. ביי חיים קאַרא האָט מען געפּראַוועט די סעודה, ביי נאַסקע דעם שוחט האָט מען נאָך פאַרבראַכט פריילעך און לוסטיק. אָנקומענדיק צוריק אויפן באַרג, האָבן מיר אָנגעטראָפן לייבע דעם משוגענעם טראַגנדיק אַ „נאַש־טשע“ וואַסער. אויף מיין פראַגע: לייבע, אַזוי שפּעט? — ענטפערט ער:

— שיקסע, ווייסט נישט, אַז היינט איז פּורים?

שיין און אומפאַרגעסלעך איז געווען די פּורים־נאַכט אין סוכאָוואָליע...

שושקה יוכקעס־גולוב — דערציילט:

אין מיינע יאָרן איז מען נישט געוואַקסן קיין עמי־הארצים, אַפילו מיידלעך האָבן עפּעס געלערנט. הערש־לייב איז געווען מיין רבי, ער האָט מיך אויסגעלערנט אַ גוטן עברי־טייטש. ביי ראובן־מאיר נוימאַן, חנה־ענעס איידעם, האָב איך געלערנט שרייבן און אַביסל חשבון, ווי דער שטייגער אין מיינע צייטן מיט אַ 65 יאָר צוריק.

פון מיינע קינדער־יאָרן איז מיר פאַרבליבן אין זכרון, ווי מען האָט געבויט דעם קאָשטשאָל, איך בין אַפּאָר מאָל אַריינגעגאַנגען זיך צוקוקן און אין מיינע קינדערשע אויגן האָט עס אויסגעזען דער גרעסטער בנין אויף דער וועלט.

עס זענען געווען אַסך קלוגע יידן ביי אונדז אין שטעטל. מיר איז פאַרבליבן אין זכרון שמואל קולעס מיט זיינע גלייכווערטלעך. ווען מען פלעגט אים אויפ־מערקזאַם מאַכן, פאַרוואָס ער באַשעפטיקט נישט קיין יידן אין זיין וואַלד, פלעגט ער ענטפערן: „וואָס אי? אייגנטלעך דער אונטערשיד, וועלכער ייד זאָל פאַר־דינען די פּאָר גראָשן, בין איך דען קיין ייד נישט?

ציפּע וואַראַשילסקי געדענקט פון אַמאָליקע צייטן: די קינדער יאָרן ווען זי האָט צוזאַמען מיט יהודית׳ן געלערנט ביים פעטער חייקל דעם מלמד, און געגאַנגען אין דער „קאָ:יאַנער אוטשילישצע“ (רוסישע רעגירונגס פאָלקסשול). זיי זענען ביידע געווען „קענערקעס“

יהודית פלעגט מאַכן די חשבונות פאַר די בעלי־בתים און שרייבן די בריוו פאַר אַלע שכנים.

זי געדענקט צייטן, ווען אַ קאַרץ (8 פּוד) קאָרן האָט געקאָסט צוויי גילדן, אַפּאָר שיך האָט געקאָסט צוויי גילדן און כאָטש עס האָט געקאָסט אַזוי שפּאָט ביליק, האָט נישט יעדער זיך געקענט דערלויבן עס צוקויפן. די אָרעמקייט איז געווען גרויס, אָבער קיין בני־רחמנים האָבן אין שטעטל נישט געפעלט, אַגאַנץ יאָר פלעגט מען קלייבן צדקה און דער עיקר האָבן כלל־טוער געזאָרגט פאַר מעות־חטים. איינע פון די הכנסות פאַר מעות־חטים פלעגט זיין די פאָרשטעלונג „מכירת־יוסף", וועלכע פלעגט גיין פון פורים ביז פסח.

יונגע־לייט פלעגן זיך אויסקויפן פון פריזיוו, דאָס הייסט, קריגן אַ „לעגאַטע". פאַרשטייט זיך, אַז די רייכערע איז געווען לייכטער זיך אויסצוקויפן. די אָרעמערע זענען געווען באַעוולט און צוליב דעם האָט משה־שמואל שוואַרץ (זאַלקן׳ס אַ ברודער) מקדש געווען מיט אַ מטבע שיינע־גיטלען, פישל ראַבינאָ־וויטש׳ס טאָכטער. משה־שמואל האָט איר דערנאָך געגעבן אַ גט אין ביאַליסטאָק, אין מיליטער איז ער שוין נישט געגאַנגען; מיט דעם פאַל האָט געקלונגען דאָס גאַנצע שטעטל...

באַבקי ניסל׳ס — באַרעלקאָווסקי שרייבט אַ בריוו: עס האָט מיך אַזוי שטאַרק אַ צי געטון דיר צום שרייבן אַזוי ווי עס ציט דער קלאַטשע צום זעקל האָבער, ווען דער בעל־עגלה גייט עס אַריינשיטן אין קאָריטע...

דעם אמת זאָגנדיק ווילט זיך מיר תמיד דיר שרייבן. די סיבה, וואָס איך שרייב זעלטן, ווייל איך ווער פויל. שולדיק זענען אייגנטלעך דער קאָפּ, די הענט און נאָך עטלעכע נאַרישע גלידער. עפּעס ווילן זיי מיך נישט פאָלגן, זיי האָבן נישט קיין דרך־ארץ פאַר אַן עלטערן מענטש.

בין איך שוין טאַקע אַזוי אַלט? ערשט נעכטן, דאַכט זיך, בין איך נאָך געווען אַ קינד אין דאָרף ברע־זעווע, ווי אַ וויעוויאָרקע אַרומגעשפּרונגען און געזונגען:

„חאַצקעלע, חאַצקעלע, טאַנץ מיר אַ קאָזאַצקעלע,
„אָרים איז נישט גוט, לאָז מיר נישט פאַרשעמען
קיין אייגן בלוט..."

אָדער גאָר אַ פורים־לידל:

„גוט פורים, גוט פורים, מלאך,
וווּ איך גיי פאַל איך.
מיין באָרד איז מיר לאַנג,
מיין ווייב איז מיר קראַנק,
היינט איז פורים, מאָרגן איז אויס
גיב מיר אַ המן־טאַש און טרייב מיך אַרויס..."

יאָרן שפּעטער, ווען איך בין אָנגעקומען קיין סוכאָ־וואָליע, האָב איך ליב געהאַט זיך צו וויצלען איבער מיינע שווערסטע צייטן, אָבער היינט פּאַסט שוין פאַר מיר דאָס וויצלען זיך ווי אַרבעס צום וואַנט... זיי זשע מיר טאַקע מוחל מיינע נאַרישקייטן...

שרה רחל בורה: וואָס כ׳געדענק צו דערציילן? אַז די קינדער זענען געווען קליין פלעגט זיי דער טאַטע, איתמר ניסעלקאָווסקי, צושטעלן אויף אַ באַנק און זיי געבן ווערים־קרויט מיט האָניק און טרוקענע פלוימען אויף אַ סגולה...

אונדזער שכנ׳טע, די אַלטיטשקע גיטל קענדעס, באַוווּנדערט אַן אויטאָמאָביל, וועלכן זי האָט געזען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, ווען איר אייניקל איז אָנגעקומען פון אַמעריקע. גיטל האָט דערציילט מיט באַגייסטערונג: „מיין אייניקל איז אָנגעקומען אין אַ וואָגן אָן אַ פערד..."

מיין פאָטער האָט תמיד געחלומט וועגן א״י, גע־פּרעדיקט אין די בתי־מדרשים פאַר ציוניזם. אַז מיין טאַטע האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, האָט אים דאָס גאַנצע נייע בית־המדרש באַגלייט מיט ליכט. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין ארץ־הקודש, האָט מיין פאָטער געקושט די הייליקע ערד און געמאַכט „שהח־יינו" נעבן מושב־זקנים אין ירושלים. „פון דאַנען גייען מיר נישט מער צוריק" — האָט ער געזאָגט.

דינה ניסל׳ס באַרעלקאָווסקי־זאַקלוקובסקי דער־ציילט וועגן „דאָקטאָריע":

„געוויס פעלט מיר נישט וואָס צו דערציילן וועגן סוכאָוואָליע — זאָגט דינה — מיט די זכרונות פון שטעטל לעב איך דאָך עד היום..."

דינה דערציילט ווי מען האָט זיך קורירט אין שטעטל אין אירע צייטן:

אין סוכאָוואָליע פלעגט זיין פון צייט צו צייט אַ דאָקטאָר, למשל ד״ר ליפשיץ, וועלכער האָט גע־וווינט אין שוסטער־דערפל ביי גיטל קענדעס, ווו עס האָט שפּעטער געוווינט דער פּריסטאַוו. אָדער ד״ר עפּשטיין, וועלכער האָט געוווינט ביי שאָשקע קאָרא

און פּראַקטיצירט ביי העני־רחלען אין מויער. אויך איז געווען אַ פּוילישער דאָקטאָר, וועלכער האָט געוווינט ביי יערמאָשקען אין דער נייער שטוב; דאָך האָבן די גרעסטע פּראַקטיק געהאַט די פעלדשערס:

פּייוול דער פעלדשער קוקט אין האַלדז, ווען מען איז פאַרקילט, שטעלט פּאָקן, אַ כלל, אַ גאַנצער דאָקטאָר.

דער עיקר איז געווען באַקאַנט — מיצון דער פעלדשער, אַ יודע הכל. אַז מען דאַרף איז ער אויך אַ ציין דאָקטאָר. ליידט עמיצער פון ציין־ווייטיק, נעמט מיצון אַ שוואַרצע דלאָטע און ציט אַרויס דעם צאָן, און מערקווירדיק, עס פּאַסירט נישט קיין בלוט־פאַרגיפטונג.

ביים סוף פון לאַנגן דאָרף האָט געוווינט דער פעלדשער קאַרבאָווסקי י. אין אַ מאַרק־טאָג האָט ער זיך באַוויזן אויפן גאַס, אויפגענומען קראַנקע גויים און זיי באַהאַנדלט אויף אַ פּרימיטיוון אופן ביי יאַנקל הערשלען, אָדער ביי לייזער טיקאָצקי אין שטוב. אַמאָל איז קאַרבאָווסקיס דאָקטאָריע געווען מער סכנה ווי רפואה...

מיט מיר אַליין — זאָגט דינה — האָט אַמאָל פּאַסירט אַזאַ פאַל. קאַרבאָווסקי האָט מיר אַמאָל געעפנט אַ געשוויר אין האַלדז און געמאַכט אַזאַ קאָמפּליקאַציע, אַז איך האָב געליטן פון דעם 3 יאָר. צום סוף האָט מיך אָפּערירט ד״ר אָסטאָשעווסקי אין וואַרשע.

אַז איך בין צוריקגעקומען אין שטעטל האָט מיר אויסגעזען, אַז העני־רחל׳ס מויער איז קלענער געוואָרן אין דער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט.

אַז אַ קינד פלעגט קריגן אַ רויטקייט אין העלדזל, פלעגן אין סוכאָוואָליע נישט פעלן קיין מומחהמ׳עס:

חנה ניסלס פלעגט קוקן אין האַלדז און אָפּקוועטשן די „זאַוואָלקעס". די איינבינדערקע — הינדע — פלעגט אַפילו מאכן אַן אייגענע „מאַשטש" (זאַלבע) פון גענזענע שמאַלץ מיט סאַדזע, דאָס פלעגט זיין אַ רפואָה צו אַ געשוויר, מען פלעגט זיך גוט אָנמוטשען ריין צו מאַכן דאָס פּנים נאָך אַזאַ שמירעכטס.

אַ סגולה צום אויסהיילן אַ מכה (אַ ווונד) פלעגט זיין דאָס „אָפּגלעטן" מיט אַ האַנט פון אַ נפטר. ווען לייבאַטשקע איז געשטאָרבן, האָט מיך דאָרט גענומען טעמע, יאַנקל דעם דזיעשאַטניק׳ס ווייב און מיט זיין האַנט מיר אָפּגעגלעט מיין קראַנקן האַלדז. איך קען עד היום נישט פאַרגעסן דאָס שרעקלעכע געפיל פון דער טויטער, קאַלטער האַנט.

דינה געדענקט אויך אַ צערמאָניע ביים אַריינברענגען אַ נייע ספר־תורה אין בית־המדרש:

ווען חנה ניסל׳ס איז געקומען צוריק פון א״י (דאָס ערשטע מאָל), האָט זי זיך נישט געקענט מוחל זיין די זינד, וואָס זי מיט ניסענען האָבן פאַרלאָזט דאָס הייליקע לאַנד, האָט חנה באַשלאָסן תשובה טאָן און לאָזן שרייבן אַ ספר־תורה.

געשריבן דאָס ספר האָט יוחנן דער סופר. חנה פלעגט גיין יעדן פרייטיק זאַמלען געלט אויף דעם צוועק. אָבער זי פלעגט נישט נעמען מער ווי איין קאָפּיקע, אַפילו ווען מ׳האָט איר געוואָלט געבן מער, כדי די טרחה זאָל זיין אַ שווערערע און דאָס „תשובה טאָן" זאָל דויערן לענגער.

אַז דאָס „ספר" איז געוואָרן פאַרטיק, האָט חנה מיט ניסענען געמאַכט אַ גרויסע צערמאָניע: זיי האָבן געפּראַוועט אַ סעודה ווי אויף אַ חתונה. עלקע די קעכן האָט געקאָכט און געבאַקן; פון דובראָווי האָט מען געבראַכט כלי־זמרים און מיט מוזיק געפירט די חופּה פון דער ספר־תורה. דער רב איז געגאַנגען אונטער דער חופּה און געהאַלטן דאָס „ספר" און דער עולם איז נאָכגעגאַנגען מיט ליכט אין די הענט.

פאַרן אַרויסנעמען דאָס ספר פון שטוב, האָט מען ספּעציעל געלאָזט אַ שטיקל פון שיינעם סאַמעטענעם מענטעלע פון „ספר" נישט דערנייט און די מצוה פון ענדיקן דאָס נייען האָט מען איינגעטיילט צווישן אַלע בכבודיקע ווייבער. יעדע פלעגט אַ צי טאָן איינמאָל מיט דער נאָדל.

חנה פּריבולסקי־שטיינבערג

אין מײַנע צײַטן

אין 1925 האָב איך פֿאַרלאָזן סוכאָוואָליע און אָפּגעפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. אָבער עס געדענקט זיך דאָס שטעטל. מען קען נישט פֿאַרגעסן די אַלע טײַערע מענטשן וואָס זענען שוין לאַנג נישטאָ, אָבער וועלן שטענדיק לעבן אין אונדזערע הערצער.

עס געדענקט זיך די טײַערע מוטער קיילע טיקאָצקי, וועלכע פֿלעגט שפּינען כּשרע פֿאָדעם אויף ציצית און פֿאַרטיילן די קינדער בחינם, כּדי זוכה צו זײַן צו אַ מצווה. קיילעס שנור, חיינקע, האָט געזאָרגט פֿאַר אָרעמע פֿאַמיליעס. פֿאַרטאָג איז זי שוין אַרויסגעגאַנגען מיט איר ברייטן פֿאַרטעך קליבן אין מיטן וואָך ברויט און ערבֿ שבת חלות און עס צעטראָגן די נויטבאַדערפֿיקע. עס דערמאָנט זיך מיר מרדכי משה — דער באַנדאַר — ער האָט זיך נעבעך געפּלאָגט, דערצו איז



אפרים־מענדל און רייצע מארענבערג און זייער זון לייזער

נאָך בײַ אים געווען אַ פֿאַרהײַראַטע טאָכטער מיט אַ קינד. האָבן זיך שכנים מיט זיי אינטערעסירט. דאָס גליק איז געווען, וואָס זיי האָבן געהאַט אַ קו, וועלכע האָט אַליין געזאָרגט פֿאַר איר פּרנסה. זי פֿלעגט באַזוכן אַלע גערטנער פֿון די שכנים און קײַען די שטרוי פֿון די שכנותדיקע דעכער. איך דערמאָן זיך מיט וואָס פֿאַר אַ מאַטערניש מרדכי משה האָט אויסגעבויט זײַן שטיבל. אַז ער האָט עס פֿאַרענדיקט בויען, איז דאָרט אויסגעבראָכן אַ שׂריפֿה. אַ שרעק האָט אַרומגענומען אַלעמען און לעשן דאָס פֿײַער איז גאָרנישט געווען אַזוי פּשוט אין יאַנאָווער גאַס. ביז מען האָט אַרויסבאַקומען אַן עמער וואַסער פֿון טיפֿן ראָד־ברונעם מיט דער לאַנגער אײַזערנער קייט, האָט געקענט אַ האַלב שטעטל אָפּברענען. אָבער עס איז נישט קיין תּירוץ, מען מוז ראַטעווען. אַ גליק, וואָס אויף די ביידעמער זענען געווען זעק מיט בעבלעך, אַרבעס און אַנדערע שפּייז און מען האָט מיט די זעק דאָס פֿײַער פֿאַרשטיקט. מיט אַ גליקלעכן געמיט איז מען געגאַנגען שלאָפֿן, וויסנדיק, אַז מען האָט געראַטעוועט מרדכי משהס אָרעמען פֿאַרמעגן...

דערמאָנען מיר זיך וואָכעדיקע טעג און דער עיקר די „מאַרק טעג" דאָנערשטיק, די פּרנסה־טעג. מען האָט געבעטן בײַ גאָט, זיי זאָלן אַריבער בשלום. לעצטנס האָבן די גלחים אָנגעפֿאַנגען צו העצן די קריסטן קעגן די ייִדן. ליידער איז געקומען דער טאָג פֿאַר די רוצחים, זיי האָבן אַלעמען פֿאַרניכטעט, קיינער איז נישט געבליבן...

פֿאַר מיר לעבט נאָך דאָס שטעטל. דערמאָן איך זיך אָן ר' אַברהמ'טשע אײַנהאָרן זצ"ל. ער איז אָפּגעפֿאָרן אין ארץ־ישׂראל אין יאָר 1910. מען פֿלעגט זייער פֿיל דערציילן וועגן אָט דעם רבֿ. אַמאָל האָט געפֿרעגט ר' אַברהמטשע ר' משה'ן דעם בעל־עגלה: „זאָגט מיר ר' משה, וואָס טוט איר, ווען עס צעברעכט זיך אַ ראָד פֿון וואָגן ערבֿ שבת פֿאַרנאַכט און איר זײַט נאָך ווײַט פֿון שטאָט" — וואָס טו איך? — ענטפֿערט ר' משה — איך שרײַ „שמע ישׂראל". אָט דאָס האָב איך געמיינט, ענטפֿערט דער רבי, אָט אַזוי איז גוט, גוט... אַזאַ רבֿ איז מער אין סוכאָוואָליע נישט געווען. אין סוכאָוואָליע זענען געווען פֿיל לומדים און תּלמידי־חכמים, וועלכע האָבן יאָרנלאַנג געזעסן און געלערנט, סײַ אין בית־המדרש, סײַ אין שטוב.

ר' גרשון פֿייגע חאַניכעס (סטוצינסקי) האָט געלערנט יומם ולילה. די געשעפֿטן האָט געפֿירט זײַן פֿרוי. ר' מרדכי טיקאָצקי זצ"ל (לייזער'ס פֿאָטער)

איז געווען אַ מוהל, אָבער ער האָט תמיד געלערנט. זיין פרוי, שיינעביילע האָט געזאָרגט אויף פרנסה, זי פלעגט קאָכן מעד און מאַכן ווייַן אויף קדוש און הבדלה. ר׳ הלל דער טויבער (ליבלינג) איז געווען אַ גרויסער למדן. אַז מען איז געגאַנגען אויף וואַרטע (שמירה) האָט מען געטראָפן ר׳ הלל׳ן איינס אַזייגער ביינאַכט מיט אַ יאָרצייט־ליכט אין דער האַנט. ער פלעגט עפענען דאָס בית־המדרש און געלערנט אַ גאַנצע נאַכט ביז דעם ערשטן מנין טאָג טעגלעך.

מען האָט געלעבט אין סוכאָוואָליע שטיל, אָרנט־לעך, סיי די לומדים, סיי די סוחרים, דאָרף־גייער, בעלי־מלכות, בעלי־עגלות. אַלע האָבן געאַרבעט שווער אויף צופאַרדינען פרנסה. אין נדבות און צדקה האָבן זיך אַלע באַטייליקט, יעדער נאָך זיינע מעגלעכקייטן. סוכאָוואָליע האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען ביי די דורכ־גייער: אָרעמע לייט, מגידים, חזנים. דערמאָנט זיך מיר ווי אַמאָל איז געקומען אין שטעטל אַ חזן, נישט קיין צו גרויסער „דאַוונער", האָט מען אים איינגע־אָרדנט, ער זאָל דאַוונען אין בית־המדרש נעבן דער גרויסער שול.

דעם חזן האָט באַטראַכט דאָס בית־המדרש, און עס איז אים נישט געפעלן געוואָרן צוליב דעם נידריקן סופיט. האָט געזאָגט ר׳ לייזער יפה: „הערט ר׳ חזן, דאָס בית־המדרש קען מען נישט איבערבויען, עס איז דאָך שוין באַלד שבת, אפשר איז אַ פּלאַן, איר זאָלט זיך איבערדרייען מיטן קאָפּ, וועט ווערן דער סופיט העכער". דעם סופיט האָט מען נישט איבער־געבויט, דעם חזנ׳ס שטימע האָט מען נישט אויסגע־בעסערט, אָבער מען האָט געדאַוונט...

ווי שוידערלעך איז דער געדאַנק, אַז אַלעס איז פאַרניכטעט און קיינער איז נישט געבליבן...

זאב מארענבערג

גרויסע און קליינע געשעענישן

דאָס ערשטע גרויסע געשעעניש, וואָס איך געדענק אַלס קינד, וועלכעס האָט מיר אַ ביסל אויפגעטרייסלט איז געווען דער באַזעלער קאָנגרעס פון 1898.

לעבן בית־המדרש זענען זיך צוזאַמענגעקומען די פּאָליטיקער פון שטעטל, וועלכע פלעגן קריגן די „הצפירה".

זלמן יפה, קאָפּל מגיד, משה פוטיאל און אַסך אַנדערע משכילים פון יענער צייט האָבן דיסקוטירט די גרויסע געשעעניש פון דעם אָנפאַנג פון דער גאולה און די ענדע פון גלות. די האָפנונג פון צוריקקערן זיך צו אונדזער לאַנד, האָט אויף אונדז קינדער געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק, לאָזנדיק אונזערע קינדערשע פאַנ־טאַזיעס אין גאַנג, מאָלנדיק אַ גרויס יידיש לאַנד, מיט אַ היים פאַר אַלע יידן, א.אַ.וו.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די יידישע יוגנט האָט אָנגעפאַנגען זינגען די ציוניסטישע לידער, ווי „ציון, ציון, עיר ירושלים", „דאָרט ווי די צעדער" און די „התקוה", וועלכע האָט אונז באַגייסטערט מיט דער וויזיע פון דער נאָענטער גאולה.

איך האָב געקליבן אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע צום קויפן אַ שקל, און געזען זיך אַן אויסגעלייזטן צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן פאָלק.

מיטאַמאָל האָט אונדז ווי אַ דונער געטראָפן דער פריצייטיקער טויט פון אונדזער גרויסן פירער תיאודור הערצל. און פּלוצלינג ווידער אַ נייע אויפטרייסלונג. די צייטונגען האָבן געבראַכט די טרויעריקע נייעס פון דעם קישינעווער פּאָגראָם, און גלייך נאָכדעם דער טראַגישער שבת „נחמו" פון ביאַליסטאָק. דערנאָך דער צווייטער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, פונוואַנען די פּור־מאַנעס, וועלכע זענען פון דאָרט אַנטלאָפן, האָבן געברענגט צו אונדז דעם קערפּער פון אַ יונגען יידישן קרבן.

דעם טויטן קערפּער האָבן די סאָלדאַטן אין משה דעם פורמאַנס וואָגן אַריינגעוואָרפן. די פּאַסירונג האָט די יוגנט אַזוי צוטרייסלט, אַז זיי זענען געקומען צום באַשלוס, דאָס זיי מוזן זיך אָנשליסן אין די רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונגען צו העלפן באַפרייען אַלע אונטער־דריקטע. אין דעם אַראָפּוואַרפן דעם דעספּאָטישן צאַריזם

האָט אונדזער יוגנט געזען אויך די דערלייזונג פון יידישן פאָלק.

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס אויפוואַכן פון דער יוגנט אין סוכאָוואָליע. עס האָט זיך געגרינדעט די ביבליאָטעק דורך אַזעלכע באַוווסטע אָנפירער ווי, חיים שיינקעס, לייזער מאַטקעס, מיין ברודער משה הערשל, אַלטער דעם חזנ׳ס, יודל העני־רחל׳ס, און שמואל אייזיק יאָסל לישעס. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ ביסל ליכט אין דעם לעבן פון אונזער יוגנט. אין די פרייע אָוונטן און שבתים פלעגן מיר זיך פאַרזאַמלען ביי שיינקען אין שטיבל, ווו עס האָט זיך געפונען די ביבליאָטעק.

דאָרט פלעגן מיר האָבן לעקציעס, פאָרלעזונגען, דעבאַטן און אויך געזאַנג. אונדזערע לידער זענען געווען ציוניסטישע און רעוואָלוציאָנערע.

מיר האָבן געמאַכט פאָרשטעלונגען, וואָס דער רוב פון זיי זענען געווען זייער געראָטן. ווער פון אונדז געדענקט נישט די פיעסע „כאַשע די יתומה״? די הייסע טרערן, וואָס מיר פלעגן פאַרגיסן, ווען פייגל לאַזעווסקי־קרוצעל האָט געשפילט די הויפט ראָלע?

איך בין געווען, ווי מען זאָגט, אַ שטיקל מנגן, און ווער אין אונזער הויז איז נישט געווען קיין מנגן? ווי היינט געדענק איך מיין מוטער הינדע פלעגט זיצן ביים טיש מיט די מיידלעך, וועלכע האָבן ביי איר גענייט, און זינגען האַרציקע יידישע און אויך קלאַסישע לידער. מיין פאָטער חיים ברוך — „זיידע״ — איז געשטאַנען אין וואַרשטאַט, געמאַכט די רעדלעך און געזונגען זיסע נגונים. מיין שוועסטער צביה — זאָל לעבן — האָט אויך שיין געזונגען. מיין ברודער



ר׳ זיידע און הינדע טיקאָצקי

יחזקאל האָט צוגעשפילט אויף דעם פידעלע, און איך מיט מיין סאָפּראַן האָב הויך געזונגען די „סאָלאָס״. „אַך ווי גוט סאַ׳יז געווען״...

אין די ימים נוראים האָב איך געזונגען אין שול מיט דעם חזן ר׳ ישראל שלאָסבערג און ווען איך האָב געזונגען די מעלאָדישע סאָלאָס אין די פאַרשידענע תפילות, האָט מען זיך באַגאָסן מיט טרערן, און געזאָגט: „יאַנקעלע זינג עס נאָכאַמאָל״.

פון צייט צו צייט פלעגט אונדזער קינדערשע מאַנאָטאָנישקייט אונטערבראָכן ווערן מיט דער דערשיינונג פון געוויסע טיפּן, וועלכע האָבן אונדז אַמוזירט, ווי צום ביישפּיל דוד׳קע פון סידרע, וואָס איז געקומען צו אונדז אין שטעטל שפּילן אויף צוויי שטעקנס און צוזינגען: „טאַטע משה אַ גוטער שניידער, סידרע אַ פיינע שטעטל״, און מיר קינדער פלעגן אים נאָכלויפן.

טראָץ אַלע שוועריקייטן און באַגרעניצונגען, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט, און די אָרעמקייט, וואָס האָט געהערשט אין די יידישע הייזער, איז דאָך אונדזער קינדהייט רייך מיט אַסך שיינע דעראינערונגען, ווער פון אונז קען עס פאַרגעסן די פרייטיק פאַרנאַכט׳ס פאַרן ליכט־בענטשן, ווען דער טשאָלענט איז שוין פאַרוקט געוואָרן, די פאַדלאָגעס אויסגעוואַשן און באַשאָטן מיט געלן זאַמד, די קינדערלעך אויסגעצוואָגן אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן אין די שבת׳דיקע קליידער, די שיכלעך, אָדער שטיוועלעך אויסגעשמירט מיט טראָן, אויסגעפוצט פאַר דעם הייליקן שבת.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט די שטימע פון גדליהו דער בעדער רופנדיק „אי־אי־אין שול אַ־אַ־אַ־ריי־ריין״. זיין שטימע איז געווען אַזאַ הויכע, אַז מען האָט זי געהערט אין אַלע גאַסן.

אַריינקומענדיק אין באַרג בית־המדרש צו קבלת־שבת, האָט געהערשט אַ פייערלעכע שטימונג. עס איז געווען באַלויכטן פון דעם גרויסן בליץ־לאָמפּ און פיל ליכט. די יידן, אַלע אָנגעטאָן אין זייערע בעסטע מלבושים. אַלע זאָרגן פון דער גאַנצער וואָך זענען עפּעס ווי דורך אַ כשוף פאַרשוואונדן.

אונדזערע באַרימטע בעלי־תפילות ווי ניסן יאָשעס, יחזקאל וועלפקעס, האָבן זיך צולאָזט מיט זייער „לכו נרננה״ און אַלע האָבן מיטגעזונגען, אַז עס איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע גלידער.

שבת נאָך שלש־סעודות זענען די עלטערע מענטשן

געגאַנגען אין בית־המדרש תהילים זאָגן און די יונגוואַרג האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר, זומער אין דעם קאָרן, און ווינטער אין גאַס, אין לאַנגן דאָרף.

גלייך נאָך פּורים האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו דעם שיינעם גרויסן יום־טוב פּסח. דאָס מצה באַקן, דאָס קאַלכן די הייזער, אויסווייסן די כלים, די דערוואַרטונג אָנצוטאָן די נייע מלבושים, וועלכע דער שטומאַק האָט גענייט, די שיינקייט און פייערלעכקייט פון די סדרים, די יום־טובדיקייט, וואָס עס האָט זיך געפילט דעם גאַנצן חול־המועד. קיין אַרבעט, קיין זאָרג, אויף די אַנדערע טעג פּסח קומען געסט פון די אַרומיקע שטעטלעך.

דער שניי איז שוין לאַנג געווען צעגאַנגען. די בלאָטעס, וואָס קומען אין פרילינג, זענען שוין כמעט אויסגעטריקנט געוואָרן און דער פרילינג האָט זיך געפילט איבעראַל, פרילינג און יום־טוב.

אַזוי זענען אַוועקגעלאָפן די שיינע קינדער יאָרן.

די לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד, האָט זיך פאַרערגערט, פּאָגראָמען און באַגרעניצונגען, די יוגנט האָט זיך דערפילט ענג, און פיל פון מיינע חברים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין די ווייטע לענדער.

אויך מיר איז זייער ענג געוואָרן, און איך האָב פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אַלס זעכצן־יאָריק ייִנגל זיך באַזעצט אין דער שיינער פרייער אַמעריקע.

עס האָט זיך אָבער געבענקט אַ היים. גאַנצע 22 יאָר האָב איך געבענקט ביז איך האָב זיך דערוואַרט, און געקענט זיך דערלויבן דאָס גרויסע פאַרגעניגן ווידער צו זען מיינע ליבסטע און מיין שטעטעלע. אָנקומענדיק אין אַ שיינעם יוני טאָג צוריק אַ היים, האָב איך צו מיין באַדויערן דאָס שטעטעלע נישט דערקענט. די שׂרפה אין 1927 און די איבערבויאונג פון די הייזער האָט געענדערט דאָס אויסזען פון שטעטל.

איך האָב זייער שיינע פיר וואָכן פאַרבראַכט מיט אַלע מיינע ליבע. איך האָב אָבער געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס יידישע לעבן אין פוילן שטייט פאַר גרויסע סכנות, נישט נאָר איבער דער היטלער פּראָפּאַגאַנדע אַליין, אָבער אויך צוליב דער שׂנאה און אַנטיסעמיטיזם פון די פּאָלאַקן.

איך האָב נאָך געהאַט די געלעגנהייט מיין ליבע מוטער הינדע ע״ה, מיין ליבן ברודער לייבל מיט זיין פרוי בריינע און זייער צוויי יאָריק טעכטערל חנה׳לע אַרויסצוראַטעווען אַפּאָר מאָנאַטן פאַר דער גרויסער טראַגעדיע אין 1939.

יעקב טיקאָצקי, פילאַדעלפיע

דאס איז געווען אמאל

סוכאָוואָליע האָט אין ניקאָלאַייס צייטן געהייסן „שטאָט״ (גאָראָד). זי האָט זיך געפונען אין מיטן צווישן ביאַליסטאָק און גראָדנע. פאָרנדיק קיין סוכאָוואָליע, האָט מען שוין פון דערווייטנס דערזען דעם קלויסטער, וועלכער איז געווען וויס געפאַרבט, דער דאַך דאַקעגן איז געווען געדעקט מיט רויטע דאַכאָווקעס. אונדזער שטעטל איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, עס האָט אויסגעזען ווי אַן אינזל פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט טיפע זאַמדן, דאָס שטעטל האָט געמאַכט נישט קיין שלעכטן איינדרוק מיט די לאַנגע גאַסן און מיט דעם גרויסן מאַרק, און אין דערמיט דער גרויסער קאָשטשיאָל, אַדאַנק וועלכן יידן האָבן געהאַט פּרנסה, ווייל אַלע אַרומיקע פויערים קומענדיק אַהין פלעגן שוין אַלץ איינקויפן אין סוכאָוואָליע.

אונדזער שטעטל איז געווען באַקאַנט מיט די מערק און ספּעציעל מיט די יאַרידן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אַפּאָר מאָל אַ יאָר. צו די דאָזיקע יאַרידן זענען זיך צונויפגעפאָרן סוחרים פון נאָענט און ווייט, אַפילו פון אויסלאַנד.

אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט האָט סוכאָוואָליע געציילט אַן ערך 300 משפּחות, איבער 1000 נפשות. דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון קליין הענדלער, בעלי־מלאכות; אַסך מענטשן זענען געפאָרן איבער די דערפער, געקויפט און פאַרקויפט.

קיין שום אינסטיטוציעס, קיין קולטורעלע אונטער־

נעמונגען זענען אין יענע צייטן אין שטעטל נישט געווען. עס האָט שוין אָבער עקזיסטירט די ביבליאָטעק ביי שיינקע מאָטיעס אין שטיבל. די ביבליאָטעק איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין געזעלשאַפטלעכע, אָבער פריי פאַר יעדן. קיין געלט אויף אויסצוהאַלטן די ביבליאָטעק האָט זיכער „ניקאָלאַיקע" נישט געגעבן. געזאָרגט פאַר דעם האָט די יוגנט, וועלכע איז געווען אַ פעאיקע און אַרבעטזאַמע. פורים האָט מען געמאַכט אַ „ספּעקטאַקל" ביי טעווען אין ברויז. מען איז גערן געגאַנגען אין טעאַטער, ערשטנס צוליב פאַרגעניגן און צווייטנס — אונטערצושטיצן דעם חשובן צוועק, ווי איינקויפן נייע ביכער און פאַריכטן די אַלטע.

קיין ספּעציעלן הכנסת־אורחים האָבן מיר נישט געהאַט, אָבער זייער אָפט זענען געקומען אָרעמע לייט און זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די בתי־מדרשים, געגעסן מאָלצייטן ביי פאַרשידענע פאַמיליעס, שפּעטער אַרויסגיין איבערן שטעטל, מאַכן אַפּאָר רובל, און פאָרן ווייטער אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך...

איינמאָל האָט פּאַסירט אין סוכאָוואָליע אַ גרויסער אומגליק מיט אַ פאַרבייגייענדיקן אָרעמאַן. ער איז געקומען פונקט ווי אַסך אַנדערע אָרעמע לייט, אָפּעסן אַפּאָר מאָלצייטן, מאַכן עטלעכע רובל און זיך לאָזן ווייטער אין וועג, אָבער דער אָרעמאַן, וועלכער האָט געהייסן: „קאַפּל־קיווע", איז שוין ווייטער נישט געגאַנגען...

פּאַסירט האָט עס אין ווינטער, שוין געווען גרויסע פרעסט. פרייטיק פאַרנאַכט בין איך געגאַנגען באַצייטנס מיט מיין טאַטן אין בית־המדרש, פלוצלונג קומט אַריין ראובן דער מלמד פון קאַרפּאָוויטשער גאַס מיט אַ זאַק אויפן פלייצע.

אָט דער ראובן איז געווען אַ געלערנטער ייד מיט אַ גרויסע גראָער באָרד. ווער איך ווי אויך אַלע איבריקע יידן דערשטוינט צו זען ר' ראובן'ען אין אַזאַ צושטאַנד, אַ זאַק מיט אַש אויפן פלייצע באַדייט דאָך אַן אומגליק. און ר' ראובן דערציילט, אַז ביי מרדכי משה אהרונ'ען אין ברונעם האָט מען געפונען אַ דערטרונקענעם מענטש. דערהערנדיק אַזאַ טרויעריקע נייעס, לויפן מיר אַלע אין דער ריכטונג פון ברונעם, ווו עס האָט פּאַסירט דאָס אומגליק. דאָרט זענען שוין פאַרזאַמלט פיל מענטשן; דער ברונעם ווי אויך דער „קלוץ" זענען אָבער שטאַרק פאַרפרוירן פון אַלע זייטן, שווער צוצוגיין. דאָך האָט אימיצער דערזען, אַז אַ קערפּער שווימט אַרום פון אויבן אויפן וואַסער, אַ סימן, אַז די גאַל האָט שוין געפּלאַצט ביים דערטרונקענעם, דעם קערפּער מוז מען דאָך אַרויסנעמען פאַר יעדן פּרייז. עס איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק מען זאָל ברענגען אַ גרויסן לייטער פון דער „פּאָזשאַרני", אים אַריינשטעלן אין ברונעם, עמעץ זאָל זיך דאָרטן אַראָפּלאָזן און זאָל צובינדן דעם דערטרונקענעם צום לייטער.

דערווייל איז געוואָרן שפּעט. דער עלטערער „עולם" איז זיך צוגאַנגען אין די בתי־מדרשים „מקבל שבת" זיין. דאָס יונגוואַרג האָט נאָך גרויס מי אַרויסגעצויגן דעם טויטן קערפּער און דערזען, אַז דער דערטרונקענער איז געווען דער אָרעמאַן — קאַפּל־קיווע, וועלכער איז געשלאָפן אין מויער־בית־המדרש.

ווי טוט מען אים איצט אַהין, עס איז דאָך שוין שבת. איז שנעל באַשלאָסן געוואָרן אַריינלייגן דעם טויטן קערפּער אין שטאָל פון דער „פּאָזשאַרני", אין די „וואָרטע", וואָס גייט אַרום ביינאַכט, וועט כאַפּן פון מאָל צו מאָל אַ בליק. מען לאָזט דאָך נישט ביי יידן קיין מת אַליין...

באַזאָרגט קאַפּל־קיווען מיט אַ פּלאַטץ, לאָזן מיר זיך אין די בתי־מדרשים און מיר געפינען, אַז דאָרט איז גאָר לעבעדיק: וואָס וועט זיין מיטן טשאָלנט? ער שטייט דאָך שוין אין אויוון און מען האָט אים צוגעגרייט מיט דעם וואַסער, ווו קאַפּל־קיווע איז געלעגן דערטרונקען אַ פּאָר טעג. ערשטנס איז עס נישט כשר און בכלל ווער וועט עס שוין וועלן עסן... און עס איז דאָך שבת, מען קען דאָך קיין אַנדער עסן נישט צוגרייטן, און אַרויסוואַרפן די אָנגעפּילטע העלדזלעך מיט אַלע „מטעמים" איז דאָך ממש אַ פאַרברעכן... וואָס טוט מען, וואָס מאַכט מען... צי „מעג מען" צי טאָר מען נישט עסן?... נישט דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען געטראָפן פון דעם, ווייל נישט אַלע האָבן דאָך גענוצט דאָס וואַסער פון מרדכי משה אהרונ'ס ברונעם. זענען די נישטגעטראָפענע געווען אין 7־טן הימל.

עס איז דערגאַנגען צו די רבנים, זיי האָבן געמאַכט אַ פשרה: ווער עס וויל, זאָל עסן, עס איז נישט קיין עבירה... און דעם הייליקן שבת טאָר מען נישט פאַרשטערן... אָבער ווער קען זיך עס אָן עצה געבן, די טראַגעדיע איז גרויס...

אויף צומאָרגנס, שבת אין דער פרי, דער עולם איז

געגאַנגען אין די בתי־מדרשים דאַוונען, ווער מיט אַ פריילעך האַרץ, ווייל זייערע טשאָלנטן זענען מיט ריינעם וואַסער געקאָכט, ווער מיט אַ טרויעריק געמיט, וואָס וועט מען פאָרט עסן. מען איז געלאָפן פון איין בית־מדרש צום צווייטן. דער גרעסטער טומל האָט זיך אָפגעשפּילט אין מויער בית־המדרש, דאָ איז קאָפּל־קיווע געשלאָפן און דאָ נישט ווייט איז ער דערטרונקען געוואָרן.

מען שטעלט זיך דאַוונען, פאָרט שבת און דערצו נאָך שבת „שירה", פרשת „בשלח". כאָטש עס איז אַ פראָסט גייען יונגוואַרג אַרויס אין דרויסן גלייך נאָכן לייענען, ווידער דיסקוטירן די פראַגע פון טשאָלנט. חברה לצים פאַרגעסן וועגן דעם אומגליקלעכן אַרעמאַן און טרייבן שפּאַס איבער די קאָמפּליקאַציעס פון די טשאָלנטן. אַלע שכנים, סיי די, וואָס פלעגן נעמען וואַסער פון מרדכי משה אהרונ׳ס ברונעם, סיי די, וואָס פלעגן נעמען וואַסער פון חאַצקל קאַלעקאַס ברונעם, פלעגן שטעלן די טשאָלנטן ביי חנה ראַכמיעלס אין גרויסן באַק־אויוון. איז מאָטי שמערל׳ס דערגאַנגען זלמן מנשה׳ס די יאָרן, אַז כאָטש זיי האָבן גענומען וואַסער פון חאַצקל קאַלעקאַס ברונעם, וועלן זיי דאָך עסן טשאָלנט מיט קאָפּל־קיוועס וואַסער, ווייל עס האָט געוויס אַריינגעשפּריצט פון איין טעפּל אין דעם אַנדערן. עס האָבן זיך געשאַפן צוויי צדדים, אייניקע גיבן גערעכט זלמענען, אייניקע מאָטיען; גאָט ווייס, וואָס וואָלט דאָ געשען ווען עס וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט לייבציק דער קצב מיט זיינע זין. דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין און מיטן טשאָלנט האָט יעדער געטאָן ווי ער האָט פאַרשטאַנען.

גלייך נאָך שבת צו נאַכט האָט מען געמוזט רייניקן דעם ברונעם ביז צום דעק. און אַזוי ווי עס איז געווען ווינטער איז עס אָנגעקומען זייער שווער.

אין שטעטל האָט מען נאָך אַ לאַנגע צייט גערעדט פון דעם אומגליק.

זרח סידראַנסקי, מעקסיקאָ

מיין פאטערס גבאות

מיר האָבן געוואוינט „אַראָפּ", אָבער מיין פאָטער, חייקל דער פאַרבער, האָט געהערט צו די מיוחסים און האָט פאַרמאָגט אַ „שטאָט" אין מזרח. יאָרן לאַנג איז ער געווען אַ שליח־צבור. מיט די אָרעמע שכנים אַרום איז ער געווען באַפריינדעט. ווען ער פלעגט זיך צוזאַמענקומען מיט זיי אין תהילים־שטיבל, פלעגט ער זיך צוהערן ווי זיי בורטשען אויף די בעלי־בתים. ווי געוויינלעך אין יידישע קהילות און קהל׳שע קאַסעס, זענען תמיד די הוצאות געווען גרעסער ווי די הכנסות, האָט מען נישט געקענט געבן די נויטיקע הילף. מיין טאַטע האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ווען ער האָט צוטאָן מיט די קהל׳שע געלט, וואָלט ער אַנדערש געפירט. איז מען געפאַלן אויף אַ המצאה און אים געמאַכט פאַר אַ „ממונה".

מען האָט אים איבערגעגעבן די ליידיקע קאַסע און דעם שוואַרצן פנקס פאַר די חשבונות. די שטאָטגעלטער זענען אָנגעקומען צו מיין פאָטער: די געלטער פון די „עליות", פון „קאָראָבקע" און די געלטער פון גבאות.

די הכנסות האָבן זיך אמת נישט געענדערט, אָבער עס איז געבויט געוואָרן אַ כשרע קאַכלאָווע מקוה, בהכשר הרב (די מקוה איז געוואָרן פסול און די סוכאָוואָליער ווייבער האָבן געמוזט אַ לאַנגע צייט פאָרן קיין שטאַבין). אין יענער צייט האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה ביי סענדער דער אָליוניק, דער ווינט האָט פאַרטראָגן די פלאַמען אויף דער צווייטער זייט און עטלעכע אָרעמע משפחות זענען אָפגעברענט געוואָרן. זיי זענען אַלע געקומען צום טאַטן נאָך הילף. ער האָט גראָד נישט געוואָלט נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זיך, אָבער אַזוי ווי קיינער פון די בעלי־בתים האָבן זיך בכונה נישט געוואָלט אָנרופן, האָט מיין פאָטער זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף זיין אייגענעם יושר. ער האָט געגעבן צו 5 אָדער צו 10 רובל, אָבער אויסבויען נייע הייזער פאַר די נשרפים האָט ער נישט

געקענט, איז מען נישט געווען צופרידן. אַז דער טערמין פון זיין גבאות האָט זיך געענדיקט. האָבן די מיטגלידער פון דער קהילה געמוזט קומען איבערקוקן די ביכער. מיין פאָטער און די בעלי־בתים האָבן גענומען שטודירן דעם פנקס. אַנשטאָט אַ דעפיציט, איז נאָך געווען אַ הכנסה פון 100 רובל, ערשט איצט איז דער טאַטע געבליבן אָן אַ פריינט. הייסט דאָס אַז זיי האָבן נישט ריכטיק געפירט די קהלישע קאַסע, אַזאַ העזה...

אויף מאָרגן האָט מען ביי אונז אויסגעבראָכן אַלע פענסטער, שטיקלעך גלאָז זענען געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן הויז, על פי נס זענען מיר נישט פאַרוואונדעט געוואָרן. מיין פאָטער האָט גלייך פאַרשטאַנען ווער עס האָט געוואָרפן דעם שטיין, און ווער עס האָט אים געשיקט. ער איז חלילה נישט געגאַנגען צו דער פּאָליציי. פאַר שחרית האָט ער אַרויסגענומען פון דער קאָמאָדע דעם שוואַרצן פנקס, גענומען אונטערן אָרעם דעם טלית זעקל, זיין פנים בלייכער ווי געוויינלעך און אַ טיפער צער אין זיינע טונקעלע ברוינע אויגן, האָט ער אַ זאָג געטאָן סתם אין דער וועלט אַריין: קהל'שע זאַכן זענען טרייף... דאָס איז דער סוף... עס איז באמת געווען דער סוף פון מיין פאָטערס קאַריערע.

באַבצע טרעשצאַנסקי, שיקאַגאָ

אין דער אַלטער היים

מיינע עלטערן

מיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און אויך אַ משכיל. זייענדיק אין וואַרשע, ווו ער האָט זיך פאַרנומען מיט איבערזעצן די יידישע געשיכטע אויף רוסיש, האָט ער זיך באַקענט מיט מיין מוטער, וועלכע האָט דאָרט געלערנט זינגען, און האָט זי מיטגעבראַכט קיין סוכאָוואָליע.



פעני ליפשיץ

איך האָב מיין פאָטער איבערהויפּט נישט געקענט, ווייל ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר צוליב דעם, וואָס ער האָט אין זיין בוך באַטאָנט, אַז יעזוס איז געווען אַ ייד, איך בין געבוירן געוואָרן נאָך זיין אַפּפאָר. מיין מוטער איז פאַרבליבן מיט 4 קינדער און מיט איר אַלטער מוטער. מיין מוטער האָט געהאַט אין גראָדנע אַ קוזין, ד״ר ראָזין, איז זי צו אים אַוועקגעפאָרן און דאָרט שטודירט אויף אַקושערקע, און זי איז שפּעטער געווען באַקאַנט אין סוכאָוואָליע אַלס „דינה די אַקושערקע". צען יאָר נאָך מיין פאָטערס פאַרשיקונג, איז אין סוכאָוואָליע אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון „כאָלערע". און מיין מוטער איז געשטאָרבן. ווען מיין פאָטער האָט דערהאַלטן אין סיביר די טעלעגראַמע, וואָס האָט געבראַכט די טרויעריקע בשורה, האָט ער באַקומען אַ האַרץ־שלאַג. מען האָט אים געפונען אַ טויטן מיט דער טעלעגראַמע אין האַנט.

1. יהודיתעס חתן

קיינער אין שטעטל האָט נישט געקענט אַזוי שיין פאָרלעזן ווי יהודית. זי האָט תמיד געזוכט צו „נאַשן" בילדונג, און איז באמת געווען שטאַרק באַלעזן, איר קלוגער קאָפּ האָט אַלץ אויפגעכאַפּט. נאָך אַלס יונג מיידל איז זי שוין געווען אַ גרויסע סוחרטע, און איז געפאָרן קיין ביאַליסטאָק און קיין וואַרשע.

אין שטעטל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יהודית גייט חתונה האָבן מיט אַ „גרויסן מאַן". סוכאָוואָליע איז אַוועק ווי אויף רעדלעך. דעם שבת, וואָס יהודית'עס חתן איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל האָבן זיך אַלע מיידלעך אויסגעפּוצט. מיין ברודער דיאַדיע,

יהודיתע׳ס לערער האָט פאַרפּוצט אַ טאַץ מיט וויין און אַ שיינעם טאָרט, פאַרדעקט מיט אַ ווייסער סאַלפעטקע און מיך געשיקט צו יהודית׳ן. פרייטיק האָט דיאַדיע מיט מיר איינגעחזרט ווי איך זאָל דערלאַנגען דעם כבוד און זאָגן:

„יהודית, מיין באָבע און מיין ברודער שיקן דיר וויין און טאָרט, פאַר דיר און פאַר דיין גרויסן ליבן גאַסט...״

2. די „פאָזשאַרני קאָמאַנדע״

חיים ראַבינאָוויטש און חיים גאָפּערשטיין זענען געגאַנגען אין די „קלאַסן״ אין ביאַליסטאָק. זיי האָבן געוואָלט אַלץ נאָכמאַכן דער גרויסער שטאָט. איז זיי געפעלן געוואָרן די ציווילע „פייער קאָמאַנדע״. די ביידע גימנאַזיסטלעך זענען אָנגעקומען אויף „קאַניקל״ אַהיים. גייען זיי אַריין אין בית־המדרש, דערזעט זיי משה דער שמש און עס געפעלן אים נישט זייערע היטלעך מיט די גלאַנציקע קאָזירקעס ווי די גויים פלעגן טראָגן, טרייבט ער זיי אַרויס פון בית־המדרש.

אַרויסגייענדיק פון שול האָבן די ביידע גענומען פלאַנעווען ווי צו אָרגאַניזירן אַלע יינגלעך פון שטעטל און מאַכן אַזאַ פייער־קאָמאַנדע, ווי אין ביאַליסטאָק.

נעבן אונדזער שטוב, וועלכע איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם רב׳ס, האָט זיך געפונען אַן אַלטע געביידע. ליבע אירשע לייב׳ס האָט עס אָפּגעקויפט און באַדעקט מיט אַ נייעם שטרויענעם דאַך, וועלכער האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די יינגלעך. זיי האָבן ביסלעכווייז אַראָפּגעשלעפט דאָס שטרוי, און עס אַוועקגעלייגט אויפן פאָדוואָר. אַז ליבע מיט איר מאַן חיים אירשע לייב׳ס זענען געקומען פון שול יום־כפור נאָך כל־נדרי און געפונען דעם דאַך אויף דער ערד, זענען זיי ממש פאַרצווייפלט געוואָרן.

אויף צומאָרגנס, ווען ליבע איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און האָט דערזען דעם דאַך, האָט זי אירע אויגן נישט געגלויבט און אַוועק אָפּדאַנקען גאָט פאַרן גרויסן נס.

3. שריפות און פייערלעשער

אַ פלייסיקע פייער קאָמאַנדע איז געווען אין שטעטל. נעבן קלויסטער איז געשטאַנען אַ קליין געבויט הייזל, אין וועלכן עס זענען שטענדיק געווען פאַרשלאָסן 3 פאָזשאַרנע אַפּאַראַטן, וואָס זענען געווען אָנגעפילט מיט וואַסער. אין פאַל פון אַ שריפה איז אַ „טראַיקע״ פייער־לעשער געווען פאַרפליכטעט צו לעשן דאָס פייער.

שרפות זענען געווען אַן אָפטע דערשיינונג אין סוכאָוואָליע אַדאַנק די שטרויענע דעכער און די פאַרנאַכלעסיקטע קוימענס, אין וועלכע עס פלעגט זיך אָנקלייבן דיקע סאַדזע, וואָס פלעגט זיך צופלאַקערן איבער דעם שטרויענעם דאַך. מעסטנטייל האָט עס געטראָפן ביינאַכט און דער ערשטער מענטש, וואָס האָט דערזען דאָס פייער, האָט געדאַרפט אויפוועקן דעם אַלטן גוי, קאַרשוק, וועלכער פלעגט ליגן נעבן קלויסטער. קאַרשוק האָט גלייך גענומען קלינגען מיט די גלאָקן און דאָס איז געווען דער סיגנאַל, אַז עס איז אַ שריפה. אַ גרויסער פחד איז אַרויפגעפאַלן אויפן שטעטל, גלייך האָבן זיך באַוויזן מענטשן האַלב־נאַקעטע מיט פעקלעך אויף די פלייצעס און לויפנדיק געשריגן מיט באַנומענע קולות: „פאָזשאַר!״ די פייערלעשער זענען געלאָפן צום מאַרק צו דעם קליינעם הייזל אַרויסצונעמען די פאָזשאַרנע־אַפּאַראַטן. גיין נאָכן שליסל איז שוין קיין צייט נישט געווען, האָט מען אויפגעבראָכן דאָס טירל פון דעם הייזל, אַנשטאָט פערד איינגעשפּאַנט זיך אַליין און מיט שנעלע טריט געלאָפן אין דער ריכטונג פון די פלאַמען. נישט איינמאָל האָט פאַסירט אַז ביז די הילף איז געקומען האָט דאָס הויז אָפּגעברענט.

אויסער די דריי פאָזשאַרנע אַפּאַראַטן, האָבן זיך אין דעם הייזלביים קלויסטער געפונען אויך פעסער אויף צוויי רעדער, וואָס האָבן געדאַרפט זיין פול מיט וואַסער. אָבער לויפנדיק מיט זיי, האָבן די ציווילע פייערלעשער באַמערקט, אַז דאָס וואַסער איז שוין אויסגעטריקנט. נאָכן אָנפילן זיי מיט וואַסער איז מען ענדלעך אָנגעקומען צו די פלאַמען, געשיקט אויסגעוויקלט די גומענע קישקעס און זיך גענומען לעשן דאָס פייער. אָבער די קישקעס, וועלכע זענען שטענדיק געלעגן צוזאַמענגעדרייט, האָבן געפלאַצט און צעשפּריצן דאָס וואַסער אין אַלע זייטן, אויף אַלע מענטשן, אָבער נישט אויפן פייער. אינצווישן אין אונטערגעקומען דער פּריסטאַוו, און זעענדיק, אַז עס איז נישטאָ קיין וואַסער, האָט ער געגעבן אַ באַפעל צושיטן מיט בלאָטע. האָבן חברה אויסגענוצט דאָס מיטל זיך אָפּצורעכענען מיטן פּריסטאַוו, ביז מען האָט אים געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל. די דריי אַפּאַראַטן האָט מען אַוועקגעפירט צום ברונעם און זיי דאָרט

איבערגעלאָזט ביז דער ברונעם וועט זיך אָנפילן מיט וואַסער, און דאַן האָט מען זיי אָנגעפילט און די פעס־לעך צורעכט געמאַכט, און געמאַכט די צוגרייטונגען צו אַ פרישער שריפה. אין שטעטל האָט מען זיך באַנוצט מיט אַ פאַזשאַר ווי מיט אַ קאַלענדאַר. אַז אַ קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט מען געדענקט נאָך וועלכער שריפה ער איז געקומען אויף דער וועלט.

פעני ראַבינאָוויטש-ליפשיץ, מיאַמי

שריפות און ימים-טובים

אַלס קינד בין איך געגאַנגען אין חדר ביי דער רעבעצן חיה־אסתר, זיידקע דעם קאַריצינער׳ס פרוי. געלערנט האָב איך צוזאַמען מיט חנה עלקעס און פרומע גדליהו׳ס. חיה־אסתר האָט אונז געלערנט דעם אַלף־בית, זיצנדיק אין קיך און שאַבנדיק בולבעס. איך האָב קיינמאָל נישט אויסגעפונען צוואָס די רעבעצן האָט געדאַרפט אַזויפיל בולבעס.

איך געדענק דעם טרויעריקן טאָג און זומער 1914, ווען אונדזער שטוב האָט אָפּגעברענט. מיין ברודער, אשר האָט זיך דאַן געקליבן קיין אַמעריקע, האָט מען געטריקנט ברויט מיטצונעמען אויף אַזאַ ווייטער רייזע. מיין פאָטער — יאַנקי דער טאָקאַר — האָט זיך געקליבן צו אַ יריד און געפּאַקט רעדלעך. האָט דאָס פייער אָנגעכאַפּט די טרוקענע רעדלעך אויפן בוידעם און ביז די פאַזשאַרניקעס האָבן געבראַכט אַביסל וואַסער, האָט אונדזער שטיבל אָפּגעברענט ווי אַ ליכט.

דעם זעלבן זומער איז אויסגעבראָכן די מלחמה. אַ שבת אין דער פרי האָט דאָס שטעטל באַגלייט מיט געוויין די מענער וואָס האָבן זיך געדאַרפט „יאַווען" (מעלדן). מען האָט זיי באַגלייט „אַראָפּ" און מיט אַ שווערן געמיט זיך געזעגנט עסן דאָס טשאָלנט, כדי דעם שבת נישט צו פאַרשטערן. פּלוצלונג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די מלחמה איז געענדיקט, די מאָבאָליזירטע סאָלדאַטן קערן זיך אום. דאָס איז געווען צוליב אַ טעות, וואָס די סאָלדאַטן האָבן זיך געדאַרפט צושטעלן אין סאָקאָלקע און נישט אין דובראָווע.

***

אין 1915 איז אַרויס אַ באַפעל צו עוואַקויִרן דאָס גאַנצע שטעטל. מען האָט מיטגענומען דאָס נויטיקסטע: קי, הינער, מעל און צוקער. אַזוי ווי אין די קאַלאַניעס, ווו מיר האָבן זיך געפונען, האָט מען נישט געטראַכט וועגן מאָרגן, האָט מען געקאָכט, ווי אויף יום־טוב. די קינדער האָבן געקראָגן געגרעלעך מיט פליגעלעך, און מיר זענען געווען צופרידן מיט דער ניי־געשאַ־פענער לאַגע.

חנוכה האָב איך זיך געפילט גליקליך, ווען מיין זיידע מאיר, האָט מיר געגעבן גאַנצע פינף קאָפּיקעס, חנוכה־געלט.

פורים איז געווען מיין גורל צו טראָגן „שלח־מנות"; מען האָט אַראָפּגענומען פון טעלער אַ קליין קיכעלע מיט אַ פלוים און אַרויפגעלייגט אַ שטיקל טאָרט מיט אַן עפּל...

אויף מאָרגן נאָך פורים איז אונדזער טאָקעריי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בעקעריי פון מצות אויף פסח. מיין פאָטער האָט אַריינגערופן לייבע דעם משור־גענעם און זיך באַדינגען מיט אים וועגן טראָגן וואַסער פאַר די מצות. לייבע האָט געפרעגט: — „ר' יאַנקעוו, ווי ווילט איר, איך זאָל טראָגן דאָס וואַסער, באָרוועס, צו אין שטיוול?" — אויף מיין פאָטערס פראַגע: „וואָס איז די „נאַפקאָמינע"?", האָט לייבע געענטפערט: — „מיט שטיוול איז טייערער, באָרוועס איז ביליגער".

יעדע באַלעבאָסטע איז געווען פאַראינטערעסירט צו באַקן איר „קאַוואַלעק" אויפן ערשטן אויוון און האָט געגעבן די וועלגערקעס „איבערבייס" (פרישטיק). חול־המועד פסח פלעגט מען „אַראָפּאַכטן" אַ חתן, און מען פלעגט טראָגן כבוד. פאַרמעגלעכערע האָבן גע־טראָגן אַ פלעשל ווייַן, איך האָב געברענגט אַ פלעשל מעד. און געקריגן פאַר דעם מעד, ווי מיינע חברטעס פאַר דעם ווייַן, דאָס זעלבע שטיקל טאָרט, צוקערקעס און אַביסל ניסלעך.

שוין צענדליקער יאָרן ווי איך האָב פאַרלאָזן סוכאָוואָליע, אָבער יענע טעג, מיין קינדהייט און יוגנט אין יאַנאָווער געסל, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

שרה סוכאָוואָלסקי-פאַרגאַמאַניק

מצה־באַקן

יוער פון אונדז געדענקט נישט מיט וואָס פאַר א שמחה מיר האָבן מקבל פּנים געווען דעם טרעגער מיטן קויש מצות אויף זיינע פּלייצעס. עס איז גלייך אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ ווינקל און צוגעדעקט מיט אַ ווייסן צודעק. אונדז קליינוואַרג איז פאַרבאָטן געווען צוצוגיין צו נאָענט, מיר זאָלן עס חלילה נישט חמצדיק מאַכן. בלויז דעם לעצטן טאָג, ווען דער עלטערער ברודער האָט די מצות געשטויסן אין דער סטעמפּע געמאַכט פאַרפל און מצה־מעל, האָבן מיר געקענט כאַפּן אַ שטיקל מצה. דאָס באַקן מצות איז נישט ביי אַלעמען גלייך צוגעגאַנגען. דער מער פאַרמעגלעכער האָט געדאַרפט בלויז אַריינשיקן דאָס מעל און אַן קאָפּדרייעניש זענען די מצות אים געוואָרן אַריינגעשיקט אין שטוב. גאַנץ אַנדערש איז אָנגעקומען דאָס אַריינברענגען די מצות אין שטוב דעם געמיינערן. נישט האָבנדיק מיט וואָס צו באַצאָלן פאַרן באַקן, זענען זיך צונויפגעקומען עטלעכע פאַמיליעס, איינער האָט געגעבן זיין שטוב. דער צווייטער — טישן, מען האָט בלויז געדונגען אַ קנעטערקע מיט אַ שיבער און די איבריקע אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען אין וועלגערן, איז געטאָן געוואָרן מיט די אייגענע הענט. יעדער האָט זיך באַמיט צו זיין נוצלעך, אַפילו דאָס קליינוואַרג — מיט וואַסער־גיסן. אויב אין דער משפּחה איז געווען אַ בחורל פון צוועלף־דרייצן יאָר, איז ער געווען דער רעדלער. דאָס איז געווען דער בכבודיקסטער אַמט. די מאַמע האָט געשעפּט נחת, וואָס זי האָט דערלעבט, און די איבריקע ווייבער, וואָס זענען געשטראָפט געוואָרן מיט בלויז נקבות, האָבן יענער מאַמען שטאַרק מקנא געווען.

ביי דער ערשטער מצה איז יעדע באַלעבאָסטע אַרויס מיט ברכות און ווונטשן.

מצה־בעקערייען זענען געווען בלויז געציילטע. אַראָפּ, ביי נתקע דער סטאָליאַר און ביי הירש איטשעס דעם „דיעשאַטניק" לעבן אַראָפּער בית־המדרש, אויפן באַרג, דוכט מיר, זענען געווען ביי יוכקע דער טאָקאַר און תנחום דער בעקער.

די בשותפותדיקע בעקערייען זענען נישט געווען קיין שטענדיקע. יעדעס יאָר אין אַן אַנדער אָרט.

יאַנקל שמולקעס

מ'גרייט זיך צו ערב פּסח

צום פּסח אין סוכאָוואָליע האָט מען זיך גענומען גרייטן נאָך אין שבט, ווייל דעם האָניק צום מעד האָט מען געמוזט באַזאָרגן פון ווייטע מקומות, און דאָס קאָכן דעם מעד איז אויך צוגעגאַנגען מיט אַן „אָטשערעד": דער קעסל האָט געדאַרפט גיין פון שכן צו שכן אין דער גאַנצער גאַס.

דאָס „קלערן" דעם מעד איז געווען אַ ספּעציעלע פּראָצעדור: אויף צוויי שטולן אין אַלקער איז געהאָנגען דאָס געוואַנטענע זעקעלע אָנגעפילט מיט מעד. און טעג און נעכט האָט עס לאַנגזאַם געקאַפּעט. אין שטוב האָט מען שוין געמוזט אַכטונג געבן, מען זאָל חלילה נישט אַריינגיין אין אַלקער מיט חמץ.

באַקן מצות האָט מען אָנגעפאַנגען גלייך נאָך פּורים. מיט גרויס אינטערעס זענען מיר געגאַנגען צוקוקן זיך ביי אַלתר דעם טאָקאַר, אָדער ביי אפרים מנדל מאַרינבערג אין בעקעריי ווי מען באַקט מצות. דער טאָג ווען מען האָט געבאַקן אונדזערע מצות, איז געווען אַ גאַנצער יום־טוב. אַנשטאָט צו גיין אין שול לערנען, איז מען דעם טאָג געגאַנגען העלפן באַקן די מצות. ד.ה. זיך דרייען אין דער בעקעריי, פּלאָנטערן אונטער די פיס.

געענדיקט מיט די מצות, הויבט מען אָן צו קאַלכן און קלעפן די ווענט, וואַשן, שייערן און כשרן, לופטערן די זאַכן און די ספרים אויף די בענק אויפן פאָדוואָר. אַ קיל ווינטעלע האָט געהאָלפן בלעטערן די חומשים און מחזורים און שוין אויף „שבת הגדול" האָבן זיך אַלע קינדער אויסגעפוצט אין די נייע שיכלעך און אַנצוגלעך און געקומען אין בית־המדרש זיך באַווייזן. דעם גאַנצן ערב פסח זענען די מאַמעס געווען שטאַרק פאַרהאָרעוועט מיטן אַריינברענגען דעם פסח. ערב פסח האָט מען דאָס לעצטע חמצדיקע פרישטיק געגעסן באַלד אין דער פרי ביי דער טיר און גלייך אַרויסגעוואָרפן דאָס איבערגעבליבענע. מיר, יינגלעך זענען געגאַנגען פאַרברענען דאָס חמץ. אויפן פערד־מאַרק, אין יאַנאָווער גאַס, האָבן מיר געמאַכט אַ גרויס פייער און געשריגן: „גייט פאַרברענט חמץ". דער קרבן צו דעם פייער איז שטענדיק געווען ליפקעס שטרויענע דעכל, וועלכעס זי האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרהיטן.

אין בית־המדרש קומען אַלע אויסגעפוצטע, אויסגעוואַשענע און אויסגעפאַרעטע פון הייסן באָד. דאָס בית־המדרש אַליין איז נאָכן לאַנגן ווינטער אויסגעשייערט און העל באַלויכטן.

היינט דער סדר אין דער היים! דער יינגסטער ברודער פרעגט די קשיות און בראש מיטן טאַטן ענטפערן מיר אַלע דעם תירוץ „עבדים היינו". די אומעטיקע אַטמאָספערע פון דעם לאַנג־דורותדיקן „תירוץ" צעטרייבן די אַרבע כוסות, און די גוטע שטימונג ווערט ווידער פאַרוואַנדלט ביי אונז קינדער אין אַ פחד ביי „שפוך חמתך..." עס זאָל אַ שגץ נישט אַריינוואַרפן אַ שטיין דורך דער אָפענער טיר. מיר פלעגן דעם סדר ענדיקן שפעט אין אָוונט מיד און צופרידן.

שלום מאָטיעס ז"ל פלעגט זאָגן: „יעדן ייד אין סוכאָוואָליע בלייבן צוויי זאַכן פון פסח: אַ פרישע „קויל" שטרוי אין בעט און בויך־ווייטיק פון די מצות".

אַזוי האָט עס זיך געפירט אין סוכאָוואָליע דור־איין דור־אויס, ביז עס איז געקומען דאָס גרויסע אומגליק. נישטאָ מער סוכאָוואָליע מיט אירע יום־טובים. פון דעם אַלעם זענען אונדז פאַרבליבן נאָר זכרונות.

אייזיק סאָקאָלסקי

ערב פסח

די הכנות הויבן זיך אָן אַ שטיק פאַר פורים. באַצייטנס גרייט מען צו דאָס פסח'דיקע שמאַלץ. דאָן הויבט זיך אָן די פרשה מיט דעם מעד. ביי די שניידערקעס און שניידערס ווי אויך ביים שוסטער איז אַ שפע פון אַרבייט; ווילן דאָך טאַטע־מאַמע, אַז די קינדער זאָלן זיך באַנייען מיט אַ מלבוש, מיט אַ פאָר שיכלעך יום־טוב. ביי דער מאַמע יהודית אין קראָם מערקט זיך אויך דער פדיון. אין משך פון יאָר, לייגט מען אָפ דאָס קויפן אַ נייע כלי אויף ערב־פסח, און שפעטער זיי מאַכן חמצדיק. נו, און כוסות זענען דאָך נישט מער ווי פון גלאָז, מוז מען דאָך יעדעס יאָר עפעס צוקויפן און דער עיקר די פרשה מיט די קנויטן. יהודית איז אַ מומחה'טע אין צופראַווען אַ קנויט אין אַ בליץ־לאָמפ.

די כלל־טוער פון ועד־הקהילה הויבן אָן צו זאַמלען „מעות־חטים", עס פעלן דאָך נישט קיין נצרכים אין שטעטל.

מען נעמט אַרויס די דובעלטן פון די פענצטער, מען קלעפט די שטוב, מען קאַלכט די קיך.

ווען דער בליץ־לאָמפ איז שוין אָפגעבראָנזירט, די אָנגעקראָכמאַליעטע פאָרהענגלעך הענגען שוין אויף די פענסטער; די קופערנע פענדלעך, די מעשענע לייכטער, דער סאַמאָוואַר מיט דער בונקע זענען שוין צושייערט, הייסט דאָס, אַז דער יום־טוב ווערט אַריינגעבראַכט אין שטוב.


פון קיך ווערט אַלץ אַרויסגענומען אויפן פאָדוואָר: די מילכיקע און פליישיקע שאַפקעס, די גראַטקע, די דייזע, דער מולטער, דאָס לאָקשן־ברעט, די חלה־בעקעלעך, מען גליט דעם אויוון, די פעטשורקע, מען נעמט אַראָפ די פסח'דיקע כלים, און מען נעמט זיך צוגרייטן דעם פסח'דיקן ראָסל.

מיר, קינדער, דערוואַרטן מיט אומגעדולד דעם סדר מיט די אַרבע כוסות...

חנה פריבולסקי

אונדזערע מילן

מיין זיידע, זעליג ליוועראַנט, האָט געלעבט פון 1862—1915 אין קאַרפּאָוויטש, אַ דערפל נעבן סוכאָוואָ־ליע. ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַ וואַסער־מיל.



בערל־לייזער ליוועראַנט

דאָרט אין דערפל זענען געבוירן געוואָרן זיינע קינדער, געשיקט לערנען האָט ער זיי אין סוכאָוואָליע און זיך אויך משדך געווען מיט אָט דעם שטעטל.

לאַנג, אַרום 54 יאָר איז מיין זיידע אָפּגעווען אין קאַרפּאָוויטש. ער איז געווען איינער פון אַ קנאַפּן צענדליק יידן אין אַ דאָרף מיט קריסטן, קיינמאָל האָט אים קיינער דאָרט קיין שלעכטס נישט געטאָן. יאָרן שפּעטער, פלעגן די קריסטן דערמאָנען מיין זיידן אַלס דעם אָרנטלעכן מילנער, וועלכער האָט זיי קיינמאָל נישט באַשווינדלט, און זיין וואָג וואָס האָט זיי קיינמאָל נישט גענאַרט. אַז עס איז אַרויס אַ „פּריקאַז", אַז יידן טאָרן נישט וווינען אין די דערפער, האָט מיין זיידע פאַרלאָזט באין ברירה דאָס דאָרף מיט דער מיל און איז אַריבער קיין סוכאָוואָליע. ווי דורך אַ חלום געדענק איך מיין אַלטן, איינגעבויגענעם זיידן, וועלכער האָט מיט כבוד פאַרענדיקט זיין לעבן ביי אונדז אין שטוב.

זעליגס זון — חיים לייזער דער מילנער — (אַזוי האָט מען גערופן מיין טאַטן) האָט אויך געהאַלטן אין אַרענדע אַ וואַסער מיל, אַראָפּ ביים וועלדל, נעבן טייך, און קוים געצויגן די חיונה פון דעם ביסל וואַסער. געהאָרעוועט, געיאָגט אַ גאַנצע וואָך און פּריטיק פאַר־נאַכט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך צוזאַמען מיט די פאַרמעליקטע בגדים, אויסגערוט די ביינער. שבת אין דער פרי געגאַנגען אין בית־המדרש, אָנגעטאָן אין דער שוואַרצער קאַפּאָטע, אין באַגלייטונג פון ווייב מיט ביידע יינגלעך. די סדורים חו"ה נישט געטראָגן מיט זיך, ווייל נאָכן בריק נעבן שאָשקע דער גאַרבולקע איז שוין קיין ערוב נישט געווען, האָט מען די סדורים באַצייטנס אַריינגעטראָגן צו עמיצן אין גאַס און פאַרבייגייענדיק שבת פרי זיי מיטגענומען.

נאָך הבדלה האָט דער טאַטע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שבת'דיקע בגדים, ווידער אַריין אין מיל און אין שווערן יאָך פון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן. אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז 1918, ווען מען האָט אים געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די מיל. דאַן איז מיין פאָטער אַריבער אויפן „באַרג" און אין צוויי יאָר שפּעטער אומשולדיק דער־שאָסן געוואָרן מיט נאָך אַ פּאָר יידן פון אונדזער שטעטל.

ווייב און קינדער זענען געבליבן ווי אויפן



גאָלדע ליוועראַנט

וואַסער, אַן פּרנסה, מיט אַ שרעקלעכן ווייטאָק אין האַרצן און האָס צו די פּוילישע רוצחים. אָבער לעבן מוז מען דאָך, האָבן מיינע צוויי ברידער גענומען בויען אַ „פּאַראָווע״ מיל אין קאַרפּאָוויצער גאַס. איינמאָל בלייבט מיין יינגערער ברודער חאַצקל אין מיל מיט נח שמולקעס, פאַרווילט זיך זיי גאָר באַקן בולבעס און צוליב אַ פונק איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. דאָס גאַנצע שטעטל, יידן און קריסטן און די פייערלעשער זענען געלאָפן לעשן דאָס פייער. די עמער וואַסער און דער ווילן פון די מענטשן צו ראַטעווען, האָט אָבער נישט געהאָלפן און די מיל איז אַוועק אין פלאַמען.

ווידער צרות, ווידער שוועריקייטן, גוטע פריינד באָרגן געלט און מען שטעלט ווידער אויף אַ מיל, „אַראָפּ״ נישט ווייט פון טייך. און אַז די קינדער האָבן אָנגעהויבן אַריינברענגען חיונה אין שטוב, זיך אויסצאָלן אַ ביסל פון די חובות, איז ווידער אויסגעבראָכן אַ פייער אין מיל. מיט סכנת נפשות האָבן זיך מענטשן געלאָזן ראַטעווען, אַרויסגעשלעפּט פון מיל די זעק קאָרן מיט די פעק געוואַנט. עס האָט זיך איינגעגעבן דאָס מאָל די שריפה צו לעשן.

אָבער וואָס פאַר אַ ממשות האָט דאָס שוין געהאַט, אָנגעלאָפן זענען גראַבסקיס צייטן. די פּאַדאַטקעס האָבן פאַרענדיקט, וואָס דאָס פייער האָט אָנגעפאַנגען. מיין צעבראָכענע מאַמע און מיינע ברידער האָבן שוין מער קיין מוט נישט געהאַט. און אַזוי האָט אונז געיאָגט אומגליק נאָך אומגליק, און שריפה נאָך שריפה. אין 1927 איז מיין ברידער חאַצקל אַוועק קיין מעקסיקע, כדי נישט צו דינען דעם פּאָלאַק און מיר אַלע האָבן נאָך באַוויזן זיך אַרויסצורייסן פון שטעטל אין 1935. אַנטלאָפן זענען מיר פון שווערן שיקזאַל, וועלכער האָט אונדז דאָרט פאַרפאָלגט, אַנטלאָפן זענען מיר פון אונדזערע מילן...

פעשקע ליוועראַנט-סאָקאָלסקי

חיים־לייזערס וואַסער־מיל

מיין פאָטער, ר׳ חיים אליעזר ליוועראַנט איז אומגעקומען אומשולדיק אויף קדוש־השם אין פּאָגראָם, וואָס איז פאָרגעקומען ביי אונדז אין שטעטל אין סעפּטעמבער 1920.

אין סוכאָוואָליע און אומגעגנט, איז נישט געווען קיין איינער, וואָס האָט נישט געקענט די „וואַסער־מיל״. ערשטנס, אַז מען האָט געדאַרפט מאָלן אַ ברייטל, אָדער מאַכן אַ ביסל פערל־קאַשע, איז מען געקומען אין מיל. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט מלחמה, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין אונדזער שטעטל, זענען אַלע מילן פון אַרום געוואָרן צוגעמאַכט, די וואַסער־מיל איז געווען די איינציקע, ווו מען האָט געמאָלן און דאָס מעל געטיילט אויף קאַרטן. אויך שבת פאַרנאַכט, אַז מען איז געגאַנגען שפּאַצירן אין וואַלד, אָדער אויפן שאָסיי, האָט מען געמוזט אַדורכגיין די וואַסער־מיל און זיך צוזעצן אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען פון דרויסן, און כאַפּן אַ „קילן טרונק״ פרישע קוואַל וואַסער. זומער, אַז מען איז געגאַנגען זיך באָדן האָט מען פונדערווייטנס געזען די מיל. ווינטער איז מען אויך געקומען גליטשן זיך, אָדער שליטלען אויפן פאַרפרוירענעם טייך. אַז מען האָט עמיצן געפירט אויפן בית־הקברות, איז דער לעצטער שפּאַציר געווען פאַרביי דער וואַסער־מיל.

נאָך מער באַקאַנט ביי יידן און קריסטן איז געווען ר׳ חיים־לייזער פון מיל, אַ ייד, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם נישט פאַרטשעפּעט. ער פלעגט קומען אין בית־המדרש, זיך אַוועקגעשטעלט אויף זיין פּלאַץ אַריינקוקן אין אַ ספר, און זיך קיינמאָל נישט געמישט, נישט אין קהלישע זאַכן און נישט מיט קיינעם פּערזענלעך.

די מיל האָבן מיר געדונגען ביי אַ רוסישן פּריץ, וועלכן מען האָט קיינמאָל נישט געזען, וויל ער האָט געוווינט אין טיף־רוסלאַנד און דאָס דירה־געלט האָט מען אַוועקגעפירט צום פאַרוואַלטער פון הויף, אַ גוטער רוס מיט גרויסע וואָנצעס, און מיט אַ סך הינט. מיר, די קינדער, האָבן כמעט נישט געוווּסט, אַז די מיל איז אַ געדונגענע, ביז פּוילן איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, און איבערנעמענדיק די מאַכט ביי די דייטשן, האָט מען

דעם „זשיד״ געגעבן אַפּאַר טעג צום פֿאַרלאָזן די מיל, דעמלט האָבן זיך אָנגעהויבן אונזערע צרות.

צוליב אונדזער אַריינציען זיך אין אייגענעם הויז, איז דערמאָרדעט געוואָרן אונזער פֿאָטער; דער דאָזיקער מאָרד האָט דערפֿירט צו מיין עמיגרירן קיין מעקסיקע.

יחזקאל ליוואַראַנט

אַ מחלוקת לשם שמים

די ערשטע אָפּקלאַנגען פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג זענען קיין סוכאָוואָליע דערגאַנגען אין יאָר 1904. שוין דעמלט האָבן אין שטעטל געפֿונען זיך יונגעלייט, וואָס זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם אידעאַל פֿון „שיבת־ציון״. אָבער דער ערשטער איז פֿון שטעטל אַרויסגעפֿאָרן קיין ישראל דער רב ר׳ אַברהמ׳טשע איינהאָרן.

עס איז קיין ספק נישט, אַז די סיבה, וואָס האָט אים באַוויגן צו דעם, איז געווען זיין גרויס ליבשאַפֿט צו ארץ־ישראל.

דאָס אָפּפֿאָרן פֿון רב, דעם זיבעציק־יאָריקן זקן, וואָס איז געווען זייער באַליבט אין שטעטל, האָט שטאַרק מיטגעווירקט צו פּאָפּולאַריזירן דעם ציוניזם אין סוכאָוואָליע.

גלייכצייטיק האָט זיך דעמלט נאָכן רב׳ס אַוועקפֿאָרן צעפֿלאַקערט אַ מחלוקה, וואָס האָט אַרומגענומען די פֿאַרשידענסטע שיכטן פֿון דער שטעטלדיקער באַפֿעל־קערונג.

בכלל איז סוכאָוואָליע געווען דורכאויס רעליגיעז אָבער די רעליגיעזע שיכטן זענען נישט געווען איינ־הייטלעך. געווען ביי אונדז, ווי אין די אַנדערע שטעט־לעך „שטאַנדן״: געווען אַ ביסל גבירים, געווען אַ ביסל תלמידי־חכמים, ווויל־קענער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן גרויס מיט זייער תורה, עס זענען אויך געווען בעלי־מלאכות, וועלכע זענען געווען באַהאַוונט אין די קליינע אותיות: אַזעלכער איז אויך געווען מיין פֿאָטער משה בן אהרן (אַלטער) (סידראַנסקי), נאָסקע דער סטאָליאַר, איטשע מאַטלעס, יאָסיל איטשעס, יוכקע דער טאָקער — זיי זענען אַלע געווען יידן בני־תורה, וואָס האָבן זיך דערנערט פֿון זייער האָרעוואַניע.

זינט ר׳ אַברהמטשע האָט פֿאַרלאָזן אונדזער שטעטל האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן די מחלוקת. דער נייער רב ר׳ ישראל האָט שוין געהאַט פֿיל מתנגדים און צווישן זיי דער תלמיד־חכם, קאָפּל מגיד.

בכלל האָט אונדזער שטעטל געשמ׳ט מיט אירע לומדים מופלגים. נישט איינמאָל האָבן אַזעלכע לומדים, ווי א.ש. הערשבערג פֿון ביאַליסטאָק, פֿאַרפֿירט וויכוחים אין דער לומדישער פּרעסע מיט קאָפּל מגיד און אַנדערע פֿון אונדזערע תלמידי־חכמים. זייער גרויסע לומדות האָט אָבער געבראַכט מחלוקת, פֿאַר זיי איז דער רב אונדזערער ר׳ ישראל נישט געווען גענוג גרויס אין לומדות, הגם ער איז געווען אַ חריף ובקי, פֿלעגט פּסקע־נען די שווערסטע דין־תורה׳ס און פֿירן קאָרעספּאָנדענץ פֿון שאלות־ותשובות מיט רבנים אין רוסלאַנד און פּוילן. פֿאַר די חריפֿים און תלמידי־חכמים אָבער פֿון סוכאָוואָ־ליע איז זיין חריפֿות און בקיאות נישט געווען גענוג. אַמאָל איז אַוועק עפּעס אַ מחלוקה וועגן אַ היתר־עגונה, וואָס דער רב האָט מקיל געווען, דערנאָך איז געווען אַ מעשה מיט געגנז מיט שוואַרצע שנאָפּן, וואָס דער רב האָט געפּסקנט, אַז זיי זענען כשר, האָט אָבער קאָפּל מגיד געפֿונען אין פּוסקים, אַז פֿאַרקערט, זיי זענען נישט כשר. „התורה נדרשת לכמה פנים״ און די פּוסקים זענען צווישן זיך נישט געווען אייניק.

דאָס איז געווען אַפֿילו אַ מחלוקה לשם שמים, אָבער דאָך אַ מחלוקה...

מרדכי סידראַנסקי

א רייזע קיין ביאַליסטאָק

אַ רייזע פון סוכאָוואָליע אין דער גרויסער שטאָט איז נישט געווען קיין קלייניקייט.

סתם איז מען נישט געפאָרן: קרעמערס זענען געפאָרן איינקויפן סחורה; אַמאָל איז מען געפאָרן צו אַ דאָקטאָר; פאַרמעגלעכע מיידלעך זענען געפאָרן זיך מאַכן אַ נייַ מלבוש, פון וועלכן אַלע שניידערקעס האָבן שפּעטער אַראָפּגענומען די „לעצטע מאָדע".

צו אַזאַ נסיעה גרייט מען זיך און קומענדיק צוריק איז אַ טעמע אויף וואָכן, וואָס מען האָט זיך אַלץ אָנגעזען אין דער גרויסער שטאָט.

איך האָב געהערט צו די, וואָס זענען אָפטער געפאָרן קיין ביאַליסטאָק, ווייל מיר האָבן געהאַט אַ שניטקראָם, געהאַט פאַרבינדונגען מיט ביאַליסטאָק. איין נסיעה איז מיר באַזונדערס געבליבן אין זכרון.

ס'איז געווען אין ווינטער, מען איז אַרויסגעפאָרן פון שטעטל נאָך באַגין. כאָטש מען איז געווען אָנגעטון אין וואַרעמע מלבושים, ווי מען וואָלט זיך געקליבן קיין סיביר, איז מען נאָך געפרוירן געוואָרן אין די אָפּענע שליטנס. קוים אַדורכגעפאָרן און זיך דערשלעפּט ביז ווייטאָכע. זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ קרעטשמע, זענען די פּאַסאַזשירן אַראָפּ פון די שליטנס און זיך געאיילט אין אַכסניה פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ ביים וואַרעמען אויוון. די בעלי־עגלות זענען געבליבן אין דרויסן אָנפּאַשן די פערד. זיי גייען אַריין און זעען, אַז פאַר זיי איז קיין פּלאַץ נישט געבליבן, זענען זיי געפאַלן אויף אַן המצאה: — וואָס? איר וואַרעמט זיך גאָר, גייט בעסער אַרויס אין דרויסן און זעט, וואָס דאָרט טוט זיך. אַ פּאַסטוכל פייפט, שעפּסן רינגלען אים אַרום און טאַנצן אין אַ „קיילעראַד"...

בליץ־שנעל האָט מען זיך אַ הויב געטאָן, איבערגעלאָזט דעם וואַרעמען אויוון און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן זען גאָטס־וווּנדער. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען „נישט געפלויגן און נישט געשטויגן".

נו, גייט מען אַריין צוריק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז; די בעלי־עגלות ליגן זיך אויסגעצויגן אויף דער גאַנצער באַנק און כאַפּן אַ זיסן דרימל...

שרה רחל בורי

אָט דעם קוריאָז האָט שרה־רחל אָנגעשריבן שוין זייענדיק שטערבלעך קראַנק. שוין אויפן טויטן בעט, פלעגט זי זיך נאָכפרעגן ווען עס וועט דערשיינען אונדזער „יזכור־בוך", וועלכן זי האָט נישט זוכה געווען צו לייענען.

אין יולי, 1956 איז געשטאָרבן די „אמא בורי", ווי מען פלעגט איר רופן — זי איז באמת געווען די מאַמע צו יעדן — מען האָט זי געבראַכט צו קבורה אין ירושלים, ווו יעדעס שטיינדל און בערגל זענען איר געווען אַזוי טייער...

צוואנגסארבעט

רואיק איז געפלאָסן דאָס לעבן אין סוכאָוואָליע ביז עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

קיינער האָט זיך גאָרנישט געריכט. נחום סאָקאָלאָוו דער רעדאַקטאָר פון „הצפירה", האָט באַוויזן מיט אותות ומופתים, אַז פאַר קיין אייראָפּעאישער מלחמה איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. און יאָושזאָן — איטשעלע — פון דעם וואַרשעווער „היינט" האָט אין אַ פעליעטאָן אָפּגעלאַכט פון די היץ־קעפּ, וואָס מיינען, אַז צוליב אַ נאַרישן שאָס פון עסטרייכישן קרוינפּרינץ, קען אויסברעכן אַ וועלט־מלחמה.

אָבער די מלחמה איז אויסגעבראָכן; עס איז געווען אין מיטן זומער, אין אַ שבת'דיקן פרימאָרגן, עס איז

געוואָרן אַ בהלה, מ'האָט אָנגעהויבן צו מאָבאָליזירן מיליטער. מאַמעס און פרויען האָבן באַוויינט זייערע זין און מענער, וועלכע זענען צוגענומען געוואָרן אַזוי פלוצלינג. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און עס האָבן זיך באַוויזן ביי אונז פליטים פון דערבייאיקע שטעטלעך: גרייעוואָ, רייגראַד און שטאַבין.

עס איז אָנגעקומען דער דיין פון רייגראַד מיט זיין משפחה טרויעריקע און עלנטע. דער טאַטע האָט אים מקרב געווען, אים פאַרגעלייגט אונדזער שטוב אַלס אכסניה. די מאַמע, חנה, און די באָבע, ליבע, האָבן פריינדלעך אויפגענומען דעם חשובן גאַסט. מיר זענען נישט געווען די איינציקע, וואָס האָבן זיך אַזוי גוט באַצויגן צו די אָנגעלאָפענע פליטים. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט מיט זלמן יפה בראש, מיטגעהאָלפן האָבן משה פוטיאל און אַנדערע חשובע בעלי־בתים. אינגיכן איז אָבער געקומען אַ גזירה, אַז די פליטים מוזן אַוועק, ווייל דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט. די דייטשן האָבן אָקופירט אונדזער שטעטל.

דער קאָמענדאַנט — פאָלקסמאַן — איז געווען אַ שונא־ישראל. מען האָט אָנגעהויבן נעמען דעם „עולם" אויף צוואַנגס־אַרבעט אין ביעלאָוויעזש. די באַדינגונגען דאָרט זענען געווען זייער שווערע. מיין ברודער לייבל האָט עס נישט געקענט אויסהאַלטן און איז אַנטלאָפן אַהיים. די ידיעה איז דערגאַנגען צו פאָלקסמאַנען און ער האָט אים ווידער אַרעסטירט. אַז לייבלען האָט זיך איינגעגעבן אַנטלויפן אין ביאַליסטאָקער בעצירק, וווּ די רשעות'דיקע האַנט פון אונדזער קאָמענדאַנט האָט אים נישט געקענט דערגרייכן, איז פאָלקסמאַן געוואָרן משוגע פאַר כעס. ער האָט מיט זיין שווערד צעקלאַפּט ביי אונדז אין שטוב די טירן און פענצטער און האָט אַלס נקמה צוגענומען אַנשטאַט לייבלען מיין 14־יאָריקן ברודערל — מאָניש. מען האָט אים אָפּגעהאַלטן 6 מאָנאַטן און דאַן אים אָפּגעשיקט, נישט טויט, נישט לעבעדיק, אַז „ער זאָל זיך ערהאָלן..."

שוין אין ערשטן וועלט־קריג האָט זיך אַרויסגעוויזן דער אַנטיסעמיטיזם און די אַכזריות פון די דייטשן...

מרדכי סידראַנסקי

אומפאַרגעסלעכע יאָרן

מיינע מלמדים


די ערשטע און וויכטיקע פאַסירונג אין מיין 20 יאָריקן לעבן אין סוכאָוואָליע איז געווען, ווען מען האָט מיך צו 4½ יאָר געבראַכט צו דער רעבעצן שפרינצע אין יאָסל לישעס הויז. די רעבעצן האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט און מיר געוויזן אַ גרויסן טאָוול מיט גרויסע אותיות, דאָס איז געווען דער „אַלף בית" און ווען איך האָב זיך צוגעקוקט צום ערשטן אות „אלף" איז מיר געפאַלן פון דער הויך אַ קופּערנע מטבע; די באַדייטונג פון דער מטבע איז מיר דערקלערט געוואָרן דאַן, אַז דאָס איז דער שכר פאַר גוט לערנען. אַ זמן געלערנט ביי דער רעבעצן שפרינצע, צום צווייטן זמן געלערנט ביים רבין חייקלען, דער מלמד, וועלכער האָט געוווינט אין דער טיפלע גאַס. יעדעס יאָר האָב איך געהאַט אַ העכערן מלמד. נאָך ר' חייקל איז געווען חאַצקל דער מלמד, נאָך אים מיין פעטער שמעון דער מלמד. ביז איך בין דערגאַנגען צו ר' מאָטען. יעדער מלמד, אָדער רבי, האָט געהאַט פאַרשידענע מיטלען ווי צו דיסציפּלינירן די תלמידים. ווער מיט אַ האַרטן פּאַשאַק, ווער מיט אַ קאַנטשיק מיט אַ סך ברייטע פאַסיקלעך ווי גרויסע לאָקשן, און ווער „ביד חזקה", מיט אַ דריי פאַרן אויער, אָדער אַ קניפּ אין באַק. ביים לערנען זענען אויך געווען פאַרשידענע מעטאָדן. פון אַלע מלמדים שטעל איך מיך אָפּ ספּעציעל ביי מיין פעטער שמעון. ער איז געווען אַ מענטש וואָס האָט אַרומגערייזט אַ וועלט, דעם אַטלאַנטישן ים און געווען אַ געווויסע צייט אין אַמעריקע. אַזוי ווי ער איז געווען אַ געלערנטער מענטש, איז אים אין יענע יאָרן זייער לייכט געווען צו קריגן אַ פּאָסטן אין אַ שול. גלייכצייטיק האָט ער געמוזט לערנען מיט די קינדער פון די עלטערן, וואָס זענען געווען מיטגלידער פון דער שול. ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע האָט ער שוין געהאַט אַ פּאַרטיק פאַך אין האַנט, ער איז גלייך אויפגענומען געוואָרן אַלס שמש פון דעם נייעם בית־המדרש און ער האָט אויך אָנגענומען אַ קליינע צאָל תלמידים

צום לערנען. אַלס איינער פון דער משפחה האָב איך זיך אויך געפונען צווישן זיינע שילער. פאַרשטייט זיך אַז צו פרנסה פון זיין שמשות און מלמדות איז נאָך געווען זייער ווייט און אויף שבת האָט נאָך דער זיידע געדאַרפט שטענדיק צוטראָגן. ר׳ שמעון׳ס סיסטעם איז געווען שוין אַ ביסל אַנדערש ווי ביי די פריערדיקע מלמדים, וואָס איך האָב אויסגערעכנט, עפּעס האָט עדאָך גענאָסן פון דער גרויסער וועלט. ער האָט שוין נישט גענוצט קיין כלי־זין, אָדער די ידים צו באַשטראָפן אַ תלמיד. ער פלעגט באַשטראָפן אים מיט אָפּשטעלן אויף 2 שעה נאָכן לערנען, אָדער מעלדן, אַז ער וועט איבערגעבן די עלטערן גאַנץ גענוי די אַלע פיינע מעשים פון זייער תכשיט. דעם אמת זאָגנדיק האָט דער מעטאָד געהאַט נישט קיין בעסערן מזל ווי ביי די אַנדערע מלמדים, אָבער פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ בייעט.

שבתים

אַ גאַנצע וואָך איז דאָס לעבן אין שטעטל געווען פאַרפינצטערט, פאַרהאָרעוועט און פאַריאָגט. עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט איבער די דערפער שניידערס און שוסטערס, סטאָליאַרעס און מוליאַרעס, קרעמער מיט זעקלעך גאַלאַנטעריע און סוחרים — פרייטיק פאַר־נאַכט האָבן זיך אַלע צוריק אַריינגעקייקלט אין שטעטל, גלייך געלאָפן אין מרחץ אַריין און געאיילט זיך נישט צו פאַרשפּעטיקן אין שבת אַריין. אויסגעבאָדענע, איבערגעטוענע אין די שבת׳דיקע מלבושים איז מען געגאַנגען אין די שולן, בתי־מדרשים, אין די פאַרשידענע חברות, שטיבלעך און מנינים.

איך אַליין בין יעדן פרייטיק געגאַנגען מיט מיין פאָטער צו דניאל יוחנ׳ס אין שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן „שוסטער דערפל״ נישט ווייט פון אונדזער הויז. יעדן פרייטיק האָט דאָרט געדאַוונט איטשע דער סטאָליאַר. ער האָט געהאַט זייער אַ קלינגענדיקע שטימע. זיין „קבלת שבת״ און זיין „לכה דודי״ האָט מען געקענט הערן אויף אייניקע גאַסן ווייטער. דער קדוש און די זמירות קלינגען מיר נאָך עד היום אין די אויערן. די וויטשערע האָט געהאַט אַ ספּעציעלן טעם לכבוד פרייטיק צו נאַכט. די עלטערע זייענדיק מיד האָבן גלייך איינגעדרימלט, אָבער די יוגנט האָט שוין דעם פרייטיק צו נאַכט און דעם שבתדיקן טאָג גוט אויסגענוצט; יעדע גרופּע לויט אירע פאַראינטערעסירונגען. דער גרעסטער טייל האָט זיך צוזאַמענגעקליבן און געגאַנגען שפּאַצירן מיט מיידלעך אין „לאַנגן דאָרף״, אויפן שאָסיי, אָדער אין די וועלדער, וועלכע



מולי דריאַנסקי אין דער ביבליאָטעק פאַרוואַלטונג אין 1924

האָבן אַרומגערינגלט דאָס שטעטל. אַ טייל האָט זיך פאַרנומען אין דעם טאָג מיט דער שטאָט־ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך גערעכנט אַלס איינע פון די גרעסטע ווי אויך די אַמערסטן באַזוכטע פון די אַרומיקע שטעטלעך. דאַן איז שוין אין אונדזער ביבליאָטעק געווען מער ווי טויזנט ביכער אין 3 שפּראַכן: יידיש, העברעאיש און רוסיש און פון די בעסערע שרייבער. די ביבליאָטעק איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס פאַר אונדזער שטעטל. יעדעס מאָל, ווען מען האָט געדאַרפט אויסוויילן אַ נייע פאַרוואַלטונג, האָט מען מיט עקשנות געקעמפט, סיי דער רייכערער עלעמענט ווי דער אָרעמער. עס איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה צווישן די יינגלעך פון „באַרג" מיטן „אַראָפּ". געפערלעך זענען געווען די מעטאָדן, וואָס די סטראַטעגיקער פון יעדן צד האָט גענוצט. דער קאַמף פלעגט זיך אָנהייבן שבת נאָכן טשאָלנט, אָדער פאַרנאַכט פאַר שלוש סעודות, נעבן די בתי מדרשים, אָדער הינטער דעם שטעטל, אויף די קאָרן־פעלדער. און צענדליקער פלעגן אַוועק מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און זייטן.

„התחיה" — לינקע שטימונגען — ווייטע מדינות

מיט דער דייטשער אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך געעפנט אַ ניי קאַפּיטל אינעם לעבן פון אונדזער שטעטל, באַזונדערס פון דער יוגנט.

יעדער טאָג האָט געבראַכט מיט זיך נייע גזירות. מען האָט געמוזט אַוועקגעבן אַ טייל פון די תבואות, פון דער מילך. קינדער זענען גענומען געוואָרן צו פּאַשן גענז, בחורים פון 18—25 יאָר האָט מען צוגענומען אויף צוואַנגס־אַרבעט אין ביעלאָוויעזשער וועלדער און גאינאָווקע.

עס זענען געגרינדעט געוואָרן צוואַנג־שולן, אַ נייער סיסטעם פון לערנען. איך האָב באַזוכט די שול און אין אָוונט געלערנט גמרא און תנ"ך ביי חיים דעם פּעדער־ניק, דער מתמיד פון דער וואָלאָזשינער ישיבה.

אין יענער צייט האָבן מיר געגרינדעט אונדזער יוגנט־קלוב „התחיה", ביי שלמה איסער'ס אין שטוב. צווישן די גרינדער זענען געווען: אַבאַ ביאַלאָסטאָצקי, וועלוול קרוצעל, חיים קרוצעל, משה גאָפּערשטיין, מאיר גראָדזיענסקי, ניסל בורי, הערשל ראָבין און איך. פון די מיידלעך: לאה'טשע און מאַריאַשקע מאַריינע, דינה'קע טרעשצאַנסקי, מאַשאַ פראַנצוז, רחל מאַרין און חנה ביעגון.

עס זענען פאָרגעקומען פאָרלעזונגען און אינטערע־סאַנטע דיסקוסיעס. מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַ יוגנט־גרופּע אין גאניאנדז און געמאַכט בשותפות'דיקע אויספלוגן אויפן באברע־טייך.

דער קריג האָט זיך געענדיקט, פּוילן האָט באַקומען זעלבשטענדיקייט. יידן האָבן באַקומען די באַלפור־דעקלעראַציע. אין שטעטל איז צונויפגערופן געוואָרן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין מויער בית־המדרש די שמחה איז געווען גרויס. דער עולם רייסט זיך צו עמיגרירן. אינצווישן הויבט זיך אָן די מלחמה צווישן די פּאָליאַקן מיט די באָלשעוויקעס. דער קריג האָט לאַנג נישט געדויערט, אָבער סוכאָוואָליע האָט דורכגעמאַכט פּאָגראָמען און פּייניקונגען. עס זענען געפאַלן קרבנות: חיים־לייזער ליווראַנט, משה'קע קרוצעל און יאַנקי ליווראַנט זענען דערשאָסן געוואָרן נעבן סוואַלק.

ווידער קומען נייע גזירות, עקאָנאָמישע און מאָראַ־לישע. די שטרעבונג צו עמיגרירן פאַרשטאַרקט זיך.

אין יענער צייט ווער איך אַריינגעצויגן אין אַ לינקן קרייז, דורך די אָנפירער דוד שעפלער און זיידל קאַלעצקי. די נייע שטימונגען מערקן זיך ביי די יערלעכע פאַרזאַמלונגען פון דער שטאָט־ביבליאָטעק. עס וואַקסט די צאָל סאָציאַליסטן פון פאַרשידענע שאַטי־רונגען. אין די יאָרן 1922—24 הויבט זיך אָן אַ גרויסע עמיגראַציע פון דער יוגנט. מען פאָרט קיין א"י, אויב מען האָט מזל צו קריגן אַ סערטיפיקאַט; קיין אַמעריקע, אויסטראַליע און אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער. איך נעם אָן מעקסיקע פאַר מיין ציל. איך פאַרלאָז דאָס שטעטל אין יולי, 1924. *) ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט פון דער שריפה פון 1926, האָבן מיר אַ גרופּע סוכאָ־וואָליער אין מעקסיקע געשאַפן עטלעכע הונדערט דאָלאַר. סוכאָוואָליער יידן האַלטן זיך נאָענט. איך בין דורכגעפאָרן גאַנץ אַמעריקע, פון פּאַסיפיק ביזן אַטלאַנ־טיק און וווּ איך האָב געטראָפן סוכאָוואָליער לאַנדסלייט, האָב איך געזען אומעטום די זעלבע פריינטשאַפט, האַרציקייט און איבערגעבנקייט.

מולי דריאַנסקי

---

*) אין ווייטן מעקסיקע האָב איך נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך סוכאָוואָליע, נאָך די נאָענטע מענטשן.

די משפחה זשאָלטאַק

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָב איך אין סוכאָוואָליע פאַרבראַכט 3 יאָר.

אָט זע איך די גאַנצע שטוב פון מיין קלוגן פעטער אַבטשיק; מיין גוטהאַרציקע, פריינדליכע מומע חייקע, די איידעלע טויבע, די שיינע צירל, די סימפּאַטישע, קלוגע חנה'טשע, דעם פריילעכן הערשלען און צירל'ס צוקונפטיקן מאַן, דער פּראָוויזאָר קאַגאַן.

דאָס איז געווען אַ פריילעכע, געזעלשאַפטלעכע שטוב. עס דערמאָנען זיך פרייטאָג צו נאַכטסן, ווען מיר קערן זיך אום פון אַ שפּאַציר אין קאַרפּאָוויטש, מיר נעמען אַרויס פון אויוון אַ טעפּל צימעס, מען עסט, מען לאַכט, עס איז פריילעך...

וואַרעמע דעראינערונגען זענען מיר פאַרבליבן פון פאָרשטעלונגען ביי טעווע חאַצעס. מיט באַגייסטערונג האָט מען זיי אויפגענומען אין שטעטל. איך האָב גע־שפּילט קאָמישע ראָלן. אַממערסטן געדענק איך די פאָרשטעלונג „קעניג ליר", ווו איך האָב געשפּילט די ראָל פון „שמאַי". עס דערמאָנט זיך מיר ווי איך האָב זיך באַמיט צו קריגן אין שטעטל אַן „אַרבע כנפות", קיינער האָט מיר נישט געוואָלט באָרגן צוליב „חלול השם". די ליבע אַלטיטשקע — ריבצע אוסטראָוו — האָט מיר געבאָרגט אַן „אַרבע כנפות" מיטן תנאי, אַז איר „אַלטער" ר' אַבאָ זאָל דערפון נישט וויסן.

עס שטייען פאַר די אויגן די אַרטיסטן פון יענער צייט, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן אַן אַ שיעור מי און צייט פאַר די פאָרשטעלונגען. די הכנסה איז געווען פאַר דער ביבליאָטעק.

דאָס זענען געווען אינטערעסאַנטע יאָרן אין דעם שטעטעלע סוכאָוואָליע, נישט ווייט פון מיין געבורטס־שטאָט ביאַליסטאָק.

משה יאַנאָווסקי



אַבטשיק זאָלטאַק'ס טעכטער טייבע און אסתר
און זייערע חברטעס צווישן די קינדער בעלאַ יאָזעווסקי

טעאַטער פאָרשטעלונגען

אַ טעאַטער פאָרשטעלונג אין סוכאָוואָליע איז נישט געווען פון די קליינע זאַכן.

קודם־כל האָט מען אויסגעקליבן די פּאַסיקע דראַמע. דאַן האָט מען געברענגט אַ רעזשיסער פון ביאַליסטאָק. אַן אַקטיאָר. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעפּעטיציעס, האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געוווסט, אַז עס גרייט זיך אַ טעאַטער פאָרשטעלונג.

דאַן הויבט זיך אָן די פּרשה מיט אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט. אויף די פּלאַקאַטן איז געווען געמאָלדן די צענזורירטע דראַמע: „כאַשע די יתומה", געשריבן אויף פּויליש און יידיש מיט גרויסע בוכשטאַבן, און אין קלענערע דער נאָמען פון דער ריכטיקער פּיעסע, וואָס האָט געדאַרפט ווערן געשפּילט.

ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון דער פאָרשטעלונג, האָט מען גענומען זאָרגן וועגן די מלבושים אויף דער בינע. מען האָט אויסגעזוכט אויף די בוידעמס אַלטע קליידער פון אַמעריקאַנער פּעקלעך. וואָרום ווו איז דאָס אין סוכאָוואָליע געווען אַ קלייד פאַר אַ „פּרימאַדאָנע", אויב נישט פון אַמעריקע. אַז אַלץ איז שוין געווען גרייט, האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרקויפן די בילעטן. אונדזער זאַל איז אייגנטלעך שטענדיק געווען צוגעגרייט. דאָס איז געווען אַן אַלטע ברויז, אויף די פעסער פון ביר זענען געלעגן די ברעטער פון די ערשטע שורות. אויף די גרעסערע פעסער זענען געווען די ווייטערדיקע פּלעצער. נאָך ווייטער די גאַלאַרקע.



די סופלאָרין און פאָרלייענערין פון דער 5־טער גרופּע באַשקע גאַלאַנטי־שעפּלער (2־טע פון רעכטס, 3־טע ריי)

דעם אויסדערוויילטן שבת צו נאַכט גלייך נאָך הבדלה, האָט מען געעפנט דעם „זאַל״, האָט עס געמעגט זיין זומער אָדער ווינטער. צוויי געזונטע בחורים האָבן זיך געשטעלט ביי דער טיר, כדי „חברה״ זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן אָן בילעטן. ווען דער זאַל איז פול געוואָרן איז שוין געווען באַלד צוועלף. דער עולם איז שוין געווען מיד פון וואַרטן אַ גאַנצן אָוונט און האָט אָנגעהויבן צו טומלען „מען זאָל אָנפאַנגען״... מען האָט שוין אַראָפּגעדרייט דאָס פייער פון די לאָמפּן און ענדלעך אַראָפּגעצויגן דעם פאָרהאַנג. דאַן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ געשריי: „זיצן״, ווייל דער, וואָס זעט נישט גוט פון דער ווייטנס שטעלט זיך אויף און פאַרשטעלט דעם אַנדערן. עס ווערט אַ גאַנצער אויפשטאַנד אין זאַל, די פעסלעך גיבן זיך אַ טרייסל און די גאַנצע באַנק ווערט צעבראָכן. מען שרייט ווידער „זיצן״, דערנאָך: „העכער״, דאָס מיינט מען שוין די אַרטיסטן, די אַקטיאָרן הויבן אָן העכער צו רעדן, די סופלאָרשע באַשקע גלנטי, הויבט אויך אויף איר קול און מען הערט איר שוין אין גאַנצן זאַל. דער עולם ציט זיך אַריין לאַנגזאַם אין דער פאָרשטעלונג, עס ווערט רואיק, מען זעצט זיך אַוועק. די אַקטן לויפן איינער נאָכן צווייטן מיט גרויסע הפסקות. ווען דער עולם גייט אַרויס פון טעאַטער איז שוין גרויסער טאָג, דער פאַסטוך האָט שוין לאַנג אַרויסגעטריבן די יידישע קי אויף פאָראַנקעס. וואָכנלאַנג האָט מען דערציילט ווי שיין דער הויפּט העלד האָט געשפּילט. אין מיינע צייטן האָט באַוויזן וואונדער ממש, שמואל צאבאן, עליו השלום.

אייזיק סאָקאָלסקי

„קידוש־לבנה״

מיר האָבן געוווינט הינטערן שטעטל נעבן אַ פרייען פעלד, האָט עס אויסגעזען ווי ביי אונדז וואָלט די לבנה געווען דייטלעכער. דערפאַר פלעגן זיך צונויפקומען ביי אונדז יעדן חודש דעם זיידענס — לייבעס — ברי־דער: דער פעטער חאַצקל און דער פעטער מרדכי יוסל „מחדש לבנה זיין״. איז מען שוין געבליבן אויף „מלוה מלכה״. מען איז נאָך געווען אָנגעטאָן אין די שבת׳דיקע קאַפּאָטעס, אָבער אויפן טיש האָט שוין געזאָטן דער וואָכעדיקער סאַמאָוואַר. די באָבע האָט צוגעגרייט הערינג מיט פלעצלעך, בולבעס, מען האָט פאַרטרינקען „באַוואַרקע״ מיט בוימל־חלה, אַ סעודה „כיד־המלך״.

ווי אַזוי איך האָב געלערנט עברי?

אַז איך בין אַלט געוואָרן 6 יאָר, האָט דער זיידע ר׳ לייב באַשלאָסן, אַז מען דאַרף אָנהויבן לערנען עברי. ערשטענס איז שוין צייט, צווייטנס דרייט זיך אַרום אַ ייד אַ תלמיד־חכם אָן פרנסה, וואָס הייסט „קאַרעלי־משוק״. אין אַ מזלדיקע שעה האָט ער אָפּגערעדט מיטן רבין, ווערלכער האָט זיך טאַקע גלייך גענומען צו דער „מלאכה״. אויסגעטאָן די „טאָרבע״, פאַררוקט די בלויע ברילן אויפן שטערן, און פאַרשניצט אַ טייטל. מיין באָבע, גאָלדע דבורה, האָט אַוועקגעלייגט אַ פאָר קישע־לעך אויף דער טאַבורעטקע, איך זאָל קענען דערגרייכן צו דעם הויכן טיש. איך האָב זיך גלייך אַרויפגעקייקלט אויף דער טאַבורעטקע, און ביי אַן אָפענעם סידור גענומען קנעלן דעם קמץ אַלף — „אָ״, מיין רבי איז שנעל מיד געוואָרן און געכאַפּט אַ גוטן דרימל. איך בין געוואָרן הונגעריק און געלאָפן איבערכאַפּן דאָס האַרץ. דער רבי האָט זיך דערוויל אויפגעכאַפּט: „נו, סימע רייזל, ווו האַלטסטו?״

אין אַ פאָר מאָנאַט האָב איך געכאַפּט עברי. אַלע זענען געווען שטאָלץ מיט מיר. מען האָט געזען באַשיינ־פערלעך, אַז איך וואַקס אַן עלוי. נאָר דאָס איז די צרה, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן אַ מיידל. ווען איך וואָלט געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל, ווער ווייסט, וואָס פון מיר וואָלט אַרויסגעוואַקסן.

סימע־רייזל שפּעכט

צוויי חתונות

אַ חתונה ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ גרויסע נייעס. חתונות זענען ביי אונדז פאָרגעקומען זעלטן, כאָטש סוכאָוואָליע האָט געציילט אַן ערך 1.600 יידישע נפשות. יאָרן זענען „פאָרלעך" אַרומגעגאַנגען און זיך אָפּט צעגאַנגען צוליב טאַטע־מאַמעס יחוס, אַמאָל צוליבן מאַנגל אין נדן. אָבער אַז אַ פּאָרל האָט ענדלעך באַשלאָסן חתונה צו האָבן, האָט עס ממש אויפגערודערט דאָס שטעטל. ניט נאָר משפחה, נאָר אויך שכנים, חברים און חברטעס האָבן זיך גענומען גרייטן: גענייט נייע קליידער און אַנציגער, באַשטעלט נייע שיך.

צוויי חתונות זענען מיר געבליבן טיף אין זכרון. די ערשטע ביי שיינקע מאָטיעס טאָכטער — חנה. געווען איז עס אַ זומערדיקער פרייטיק פאַרנאַכט. אַ פּאָר שעה פאַר דער חופה האָבן שוין אויפן מאַרק־פּלאַץ אַרומגעשפּאַצירט מיידלעך, אויסגעפּוצט אין „עסיג און אין האָניג". די קעפּ פריש געשוירענע, די פּנימער צוגעפּראַוועט מיט רויטן פּאַפּיר און מיט אַ פּודער־ראַשל. די צייט האָט זיך גערוקט פאָרויס, יידענעס מיט לאַנגע שלעפּעס זענען געלאָפן אין יאַנאָווער גאַס. קינדערלעך האָבן באַלאַגערט שיינקעס הילצערן בריקל. היינט די שטוב איז געווען געפּאַקט, אַ שפּילקע נישט אַריינצווואַרפן, דאָרט האָבן זיך פאַרזאַמלט די אונטער־פירער פון דער כלה׳ס צד. און אַנטקעגן אין שטיבל די אונטערפירער פון חתנ׳ס צד. דערווייל האָבן זיך נעבן בית־המדרש מויער פאַרזאַמלט יונג און אַלט. אַז דער שמש האָט אַרויסגעבראַכט די חופּה, האָבן זיך אַלע געשטופּט צו האַלטן אַ שטאַנג. עס האָבן זיך באַוויזן חתן־כלה מיט די פּאָר טוץ אונטערפירער, באַגלייט פון די קלעזמער. דער באַוווסטער דאָמבראָווער קלעזמער — הערשעלע, אַ דיקער ייד מיט אַ רונדיק בייכל און אַ פריילעך געזיכט, נאָר אויף שמחות צו נוצן. און מיט אים צוזאַמען שמעון דער קלעזמער און די 2 סוכאַוואָליער שפּילער: יצחק פּאָפּלאַווסקי, געשפּילט אויף אַ פלייט און זיידקע צירקעס — אויף אַ פידל. הרב קאַליר האָט מסדר קדושין געווען, דאַן האָט זיך צעזונגען מיט זיין קלינגענדיקער שטימע חאַצקל וועלור־קעס. עס האָט זיך דערהערט אַ טראַסק פון אַ גלאָז און אַלע האָבן אויסגעשריגן „מזלטוב!" די קלעזמערס האָבן זיך צעלאָזן אויף זייערע כלים, און אַלעס האָט זיך געלאָזן גיין. מען האָט געשאָטן אויף חתן־כלה „קאָפעטי" — רונדע, קאָלירטע פּאַפּירלעך. די מאַמע שיינקע האָט צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט איר שוואַרץ זיידן קלייד, געטאַנצט דעם „חתונה־טאַנץ". ביי איר שטוב האָט געוואַרט אַ גרויסער עולם מיט אָנגעצינדענע ליכט אין די הענט. די טישן, זענען געווען געדעקט מיט כל־טוב, די שמחה איז געווען גרויס, דער כלה׳ס שוועסטער חיה און רחל און זייער ברודער משה האָבן אַלעמען מכבד געווען. מען האָט פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט, געטאַנצט ביז טאָג אַ „שערעלע", אַ „קאָזאַצקי" אַ וואַלס; אויגן האָבן געפינקלט, געזיכטער פאַרויטלט, עס האָבן זיך געוועבט פרישע ליבעס...

די צווייטע חתונה איז פאָרגעקומען אין קאָרפּאָ־וויצער גאַס ביי אַלתר קאַמינסקי. זיין עלטערע טאָכטער פריידע האָט חתונה געהאַט מיט אַ רב פון גראָדנע. אַנוועזנדיק זענען געווען ס׳רוב פרומע יידן, מען האָט זיך משמח געווען, געגעסן און געטרונקען 3 טעג און 3 נעכט. נאָכן בענטשן האָבן זיך די עלטערע יידן צעטאַנצט; דער אַלטער הלל דער טויבער איז אַרויף אויפן גרויסן טיש מיט זיין סענקעאַטן שטעקן אין האַנט און געטאַנצט אַ „שטאָק־טאַנץ" און אַלע אַרום האָבן צוגעקלאַפּט מיט די הענט. עס איז געווען אַ הערלעך בילד. מען האָט זיך געוויצלט, געפּולפּלט אין גמרא, גערעדט וועגן דינים און מצוות, אונטערזיגנדיק „אָבינו מלכנו", „הנני מוכן ומזומן"...

שמחה לאַזאַר

שרה־דינה און איר „שטומער“

דעם שטומען שניידער געדענק איך שטענדיק אַ נייענדיקן, סיי באַגינען, נאָך גוט פינצטער, סיי ביי טאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט,ביים ליכט פון אַ קליין לעמפּל.

איך ווייס נישט, וואָס האָט געבראַכט דער שיינער 17־יאָריקער שרה־דינען חתונה צו האָבן מיט אַ שטומען בחור; איר פאָטער חייקל דער מלמד — אַ מטופל מיט קינדער, 3 פון דער ערשטן ווייב, 7 פון צווייטן, האָט זיך משדך געווען מיטן גרויסן למדן — הלל דער טויבער, אָבער די שיינע שרה־דינה האָט געדאַרפט דורכגיין אַ לעבן מיט אַ שטומען מאַן און זי איז אים בכבוד דורכגעגאַנגען.

דער שטומער איז געווען שיין און קלוג, נישט גערעדט און נישט געהערט, אָבער אַלץ פאַרשטאַנען. שבת אין בית־המדרש האָט ער דער ערשטער פאַרשטאַנען ווער עס איז געווען שולדיק אין אַ מחלוקה. מיט שרה־דינען האָט ער זיך אויפן „ווונק“ פאַרשטאַנען. אין אַ שיין משפּחה־לעבן געפירט. צו זיינע 6 שיינע, געראָטענע קינדער איז ער אַ וואַרעמער פאָטער געווען. דער שטומער איז געווען זייער געשיקט אין זיין באַרוף, האָט ווער געדאַרפט אַ גוט געניייטן מלבוש, האָט ער געוווסט, אַז קיין בעסערער שניידער ווי דער שטומער איז אין כוכאָוואָליע נישט געווען.

שרה־דינה האָט איר מאַן געשעצט און אים גוט אויפגעפּאַסט. וואָס זי פלעגט קאָכן און מאַכן איז געווען לכבוד דעם „שטומען“ ווי זי האָט איר מאַן גערופן.

אַ גרויסע באַלעבאָסטע איז שרה־דינה געווען, אַלץ האָט זי אין צייט געמאַכט. זי פלעגט נישט דאַרפן איבערקלייבן קיין ווערמדיקע אַרבעס, אָדער לינדזן פאַרן צושטעלן דאָס טעפּל, ביי איר איז עס שטענדיק געווען צוגעגרייט אין ווייסע לייוונטענע טאָרבקעס. אין די ווינטערדיקע לאַנגע אָוונטן פלעגט מען דאָרט פליקן פעדערן, שאַטקעווען קרויט, איבערקלייבן אַרבעס. פלייסיק איז געווען שרה־דינה און פלייסיק זענען געווען אירע שיינע טעכטער.

5 פון זייערע קינדער האָבן זיך אין דער גרויסער וועלט אַרומגעלאָזן און געפינען זיך אין מעקסיקע און קאַנאַדע און זייער יינגסטע טאָכטער — די חנעוודיקע לייקע האָט מיטגעמאַכט דעם גרויזאַמען גורל פון אירע עלטערן און פון גאַנץ סוכאָוואָליע.

חנה פּריבולסקי

מ י י ן   ה י י ם

אין יאָר 1929, אין עלטער פון 20 יאָר, האָב איך פאַרלאָזן מיין היימשטעטעלע סוכאָוואָליע און מיין משפּחה. כ׳האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז עס איז צום לעצטן מאָל...

אומגעקומען איז מיין משפּחה, חרוב סוכאָוואָליע. דאָך זע איך עד היום אין מיין דמיון מיין שטעטל.

איך זע די חדרים און מיינע אומגעקומענע מלמדים: משה פימפּער — מיין רבי פון עברי־טייטש, מאָטי דער מלמד — מיין רבי פון חומש. דאַן קומען אויפן געדאַנק מיינע לערער פון פאָלקסשולע: איסר סמאָלאַר — מיין לערער פון געשיכטע, משה וואַנחאָצקער — מיין לערער פון עברית און חשבון. אָט דעם דאָזיקן לערער בין איך דאַנקבאַר עד היום פאַר זיינע אָנווייזונגען און עצות אין שייכות מיט מיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. און דעם אומגעקומענעם לערער פון חומש — יאַנקל פּאָלאַמינער (צאַבאַן) קען מען דען פאַרגעסן?

איך זע די פאַרשידענע יוגנט אָרגאַניזאַציעס, די



ר׳ יאַנקל צאַבאַן (צווייטער פון רעכטס) מיט אים די לערער:
חיים שניידעראָווסקי, יאַנקל ראַבינאָוויטש און ה׳ לעווינזאָן.
(אַלע אומגעקומען) די לערערן לאה ביאַלאָסטאָצקי
געפינט זיך אין ישראל.

ביבליאָטעק, דעם אַמאַטאָרן־טעאַטער ביי טעווען אין „ברויז״.

איך זע מיין היים.

***

ווייט פון דערהיים בין איך דעמלט געווען, ווען די דייטשע רוצחים האָבן אויף אַ מערדערלעכן אופן אומגעבראַכט מיין משפחה און די נאָענטסטע מענטשן פון אונדזער שטעטל. שווער איז מיר שלום צו מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז קיין שפור איז פון קיינעם געבליבן.

מיין פאָטער פייוול זוסקע, מוטער רחל, שוועסטער חיה פריידל אוןביילקע — ווי אויך מיין אין ישראל פאַרשטאָרבענעם ברודער אַליעזר — זאָלן די ווערטער דינען ווי אַ מצבה.

יעקב לאָפשיין

שיינע מידות אין שטעטל

פאַרשידנאַרטיק זענען די געפילן, וואָס באַהערשן מיך, ווען איך טראַכט וועגן מיין אַלטער היים.

דאָס וואַרעמע געפיל צו אַלעם, וואָס האָט אַ צוזאַמענהאַנג מיטן שטעטל, איז אויסגעמישט מיט צער און טרויער, און אין ליכט פון חורבן איז אַלץ אַזוי טייער.

אָרעמקייט האָט נישט געפעלט אין סוכאָוואָליע. עס געדענקט זיך די גרייטקייט ביי יעדן סוכאָוואָליער אַרויסצוהעלפן איינער דעם צווייטן אויף זיין שטייגער און לויט זיינע מיטלען...

די שיינע מידה פון הכנסת־אורחים, וועלכע דריקט זיך אויס נישט נאָר ביים אויפנעמען געסט, פריינט און באַקאַנטע צו אַ שמחה, דאָס טיילן זיך מיטן ביסן מיט אַ פרעמדן און אַן אורח ביים טיש איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ צייט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מען האָט אין סוכאָוואָליע אויפגענומען די פליטים פון שטאָבין און רייגאָרד.

ביי אונדז אין שטוב זענען געווען 3 משפחות: אסתר מערעצקי (די שטאָבינער) מיט אירע קינדער (היינט אין אַמעריקע), בערל דער קצב מיט זיין פרוי

יהודית, די פאַמיליע לינדה (היינט אין ישראל). רייך און אָרעם — אַלע האָבן זיי מיט דער זעלבער קרבנות־גרייטקייט אויפגענומען די מענטשן. אין עס איז ביי קיינעם נישט געווען צו ענג.

צווישן די מערערע שיינע מדות אין שטעטל איז געווען כבוד אב ואם.

איצט נאָך אַזויפיל יאָרן זע איך נאָך דייטלעכער ווי שיין די דאָזיקע מידה איז געווען אַנטוויקלט ביי די קינדער פון סוכאָוואָליע. זיי האָבן געשעצט זייערע עלטערן און געהאָלפן ציען דעם שווערן יאָך.

מיין אַלטע היים איז מער נישטאָ און וועט קיינמאָל מער נישט זיין... ווען איך טראַכט וועגן שוידערלעכן גורל פון אונדזערע קדושים ווערט דאָס האַרץ צוריסן און קען נישט געפונען קיין טרייסט.

פ. י.

די ערשטע חלוצה

פון קינדווייז אָן בין איך געווען געוווינט צו פיזישער אַרבעט. ביי דעם טאַטן איטשע־שאַיע דער פאַכטער האָט יעדער געמוזט צולייגן אַ האַנט. אין 1919 האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן דעם הויף טערעצע און זיך אַריבערגעקליבן אין דעם שכנותדיקן שטעטל סוכאָ־וואָליע.

עס האָט זיך געענדערט דאָס לעבן. אין דאָרף האָבן מיר געלעבט באַלעבאַטיש, און אין שטעטל זענען מיר אָנגעקומען פאַראָרעמט. מען לעבט אין דחקות, אָבער מען איז נישט אַרומגערינגלט מיט גויים. איך בין געווען צופרידן מיטן איבערבייטן די אַטמאָספערע. אין פאַר־גלייך מיטן דאָרף טערעצע האָט סוכאָוואָליע געמיינט פאַר מיר אַ „שטאָט" מיט מעגלעכקייטן. איך האָב געזוכט זיך אויסצולעבן געזעלשאַפטלעך און בין אַריין אין "החלוץ". אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָט מען געשעצט נישט נאָר די געבילדעטע יוגנט, מען האָט דאָרט געהאַט אַ וואַרעמע באַציונג צו מענטשן פון פיזישע אַרבעט. איך האָב אויפגעכאַפּט מיט התלהבות די גרוסן פון חלוצישן לעבן אין ארץ־ישראל און געפילט אַז איך בין דערצו געבוירן. איך וועל אַרבעטן אויף אייגענער ערד און וועל העלפן בויען דאָס ארץ־ישראל־דיקע דאָרף. איך בין געווען שטאָלץ צו זיין די ערשטע חלוצה פון סוכאָוואָליע, און דאָ איז ישראל, אין „כפר ויתקין" זעץ איך פאָר עד היום די חלוצישע טראַדיציע.

רבקה שקאָפּ־גור־אריה

אין דער היים

מיין פאָטער, משה'קע קרוצעל — „תאָ־שמע", איז געווען אַ געלאַסענער מענטש, נישט ליב געהאַט זיך צו באַרימען און זיך גרויס האַלטן, געווען זיינע אַלע יאָרן אַ תבואה־סוחר און גאַנץ שווער געאַרבעט. ער פלעגט אויפשטיין 4 אַ זייגער פאַרטאָג מאַכן דעם סאַמאָוואַר, טרינקען אַ גלעזל טיי, איינשפּאַנען פערד און וואָגן, פאָרן אין די הויפן האַנדלען מיט די פריצים, סיי זומער, סיי ווינטער. פון זיין אַרבעט האָט ער אויס־געהאַלטן אַ משפחה פון 8 נפשות, פון וועלכע 4 זענען מיר דאָ אין א"י, אין זיין פרייער צייט האָט ער ליב געהאַט צו לייענען אַ צייטונג, אויך דיסקוטירן מיט די שכנים אויף פאַרשידענע פראַגן, ער האָט אויך ליב געהאַט זיך אונטערהאַלטן מיט דעם יונגוואַרג, וואָס איז אַריינגעקומען צו אונדז אין שטוב. ער האָט שטענדיק געהאָפט צו קומען צו זיינע קינדער קיין א"י.

שבת נאָך מיטאָג זענען זיך ביי אונדז אין שטוב צונויפגעקומען אַלע שכנים, יאַנקל פּיטליוק מיט באַש־קען, זעליג דער רימאַר מיט פייגלען, באַשקע גאַלאַנטי



משה׳קה און טויבקע קרוצעל מיט זייערע אייניקלעך (הינדעס קינדער) פון רעכטס צו לינקס: זייערע טעכטער חנה׳לע, הינדע און רחל (אין ישראל)

מיט איר פאָטער — ר׳ זלמן און יאַנקל צאַבאַן, מען האָט געטרינקען אַ גלעזל טיי.

מיין געטרייע מאַמע טויבקע — איטשע בערל׳ס טאָכטער פון שטאַבין — האָט שטענדיק געזאָרגט, די קינדער זאָל גאָרנישט פעלן. אויך וועגן נויטבאַדערפ־טיקע האָט זי געטראַכט. זי האָט אונדז שטענדיק געשיקט מיט פעקלעך צו פאַרטיילן אָרעמע משפחות; וועמען חלה מיט אַ ביסל פערל־קאַשע צום טשאָלנט, וועמען אַ טרוקן קעזל. די מאַמע האָט אויך געהאָלפן דעם טאַטן שלעפן דעם יאָך פון פרנסה.

מיין יינגסטע שוועסטער, חנהלע האָט שטענדיק אָנטייל גענומען אין קולטורעלן לעבן אין שטעטל: אין ביבליאָטעק, אין טעאַטער פון די „ליוביטעלעס״. חנהלע האָט זיך מקריב געווען פאַר די עלטערן, זי האָט זיי נישט געוואָלט איבערלאָזן אַליין אויף דער עלטער.

מיין געטרייע מאַמע טויבקע — איטשע בערל׳ס ביים פעטער הערשקען, איז געווען אַ ייד אַ למדן און האָט קיינמאָל דעם ספר נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט...

מיין זיידע איטשע בערל איז געווען אַ שיינער ייד. האָט געלעבט די לעצטע יאָרן אין סוכאָוואָליע צוזאַמען מיט זיין טאָכטער דבורהקען.

דערמאָנענדיק זיך וועגן דער היים, קען איך נישט פאַרבייגיין מיינע בעסטע און נאָענטע פרײַדל חאַרלאַפּ, און די טייערע נחמה טיקאָצקי, חשקה דער שטעפּערקעס. איר מאַן, שמואל צאַבאַן איז געווען פון די ערשטע קרבנות אין שטעטל.

רבקה קרוצעל־עקשטיין

מיין זיידנס שטוב

די רייזע פון גראָדנע קיין סוכאָוואָליע צו מיין זיידן, יאַנקל שפּיראָ איז געווען פאַר מיר אַן איבער־לעבונג. מען איז אַרויסגעפאָרן פאַרנאַכט מיט אַ פור, אַ גאַנצע נאַכט איז מען געפאָרן דורך פעלדער און וועלדער, די געגנט איז געווען שיין, די לופט ריין און פריש. צומאָרגנס פאַרטאָג איז מען אָנגעקומען קיין סוכאָוואָליע.

עס ציטערט מיר מיין האַרץ, ווען איך נעם שרייבן

וועגן מײַן זיידן. ער איז געווען אַ שיינער, אַ הויכער און גלייכער ייִד. מײַן באָבע פייגע העני איז געקומען קיין גראָדנע צו איר זון יודלס חתונה. די באָבע איז געווען אַ שיינע מחותנתטע, זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שיין זיידן קלייד, מיט אוירינגלעך און צירונג און אַזוי איז זי מיר פֿאַרבליבן אין זכרון. די באָבע איז געשטאָרבן אַסך יאָרן פֿריער ווי מײַן זיידע. מיט אים האָט געוווינט זײַן טאָכטער רבקה. צוזאַמען האָבן זיי געפֿירט אַ שפּייז געשעפֿט, און דער זיידע האָט געפֿירט די חשבונות.

איך האָב ליב געהאַט מײַן זיידנס גאָרטן מיט די אייגענע פֿאַרזייטע קאַרטאָפֿל און אוגערקעס. איך האָב שפּאַצירט מיט מײַנע קוזינעס — דעם פֿעטער חאַצקל שפּיראָס קינדער, נעכע און פֿריידל, איבער די גרינע סעדער און גערטנער. מיר האָבן געריסן פֿלוימען און עפּל פֿון דיביימער.

אַ גאַנצן טאָג זענען די מיידלעך געווען פֿאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט. זיי האָבן אַליין געמאָלקן די קי, און מיך מיטגענומען אין שטאַל, איך זאָל טרינקן פֿריש געמאָלקענע מילך. „דאָס איז געזונט״ פֿלעגן זיי מיר איינרעדן. איך האָב ליב געהאַט זיך צוקוקן ווי זיי שלאָגן די פּוטער.

מײַן זיידע האָט מיר אויסגעזען ווי דער קעניג פֿון דער משפּחה, זײַן געשטאַלט האָט אַרויסגערופֿן גרויס כּבֿוד צו אים. אַז עס האָט זיך געמאַכט עפּעס אַן עגמת־נפֿש אין שטוב, אָדער אַ קראַנקהייט פֿון אַ קינד, איז דער זיידע אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, די הענט פֿאַרלייגט אויף הינטען און גערעדט צו זיך אַליין; אָך, אַז עס איז באַשערט גריזאטע, קומט דאָס אין שטוב אַרײַן, ווער האָט נאָך דעם געשיקט...״

דאָנערשטיק בײַנאַכט האָט מען שוין געהייצט דעם באַק־אויוון, געבאַקן חלה. פֿרײַטיק בײַטאָג האָט מען אַרויסגענומען פֿון אויוון דאָס צימעס. דער זיידע האָט זיך געגרייט צום שבת ווי אַ מלך, אָנגעטאָן די זיידענע קאַפּאָטע און געגאַנגען אין שול.

דער שבת איז געווען הייליק און טייער. די שכינה האָט גערוט אין אַלע ווינקעלעך.

קומענדיק אַהיים קיין גראָדנע, האָט זיך מיר שטענדיק געבענקט צוריק אין סוכאָוואָליע. איך פֿלעג דערוואַרטן מיט אומגעדולד דעם קומענדיקן זומער, ווען איך בין ווידער געפֿאָרן צום זיידן.

יפה שפּיראָ־אהובֿי

פאסירונגען און עפיזאדן

דער ערשטער קרבן

(דער מאָרד פון חאַצקל פּיאַסקער)

דער פעטער חאַצקל איז געווען אַ תלמיד־חכם. אַ גוט יידיש האַרץ, אַ מזג־טוב, מען האָט קוים געהערט זיינע רייד, אַזוי שטיל פלעגט ער רעדן.

דער פעטער חאַצקל האָט פאַרמאָגט אַ שיינע שטימע, איז געווען אַ יודע־נגן, און זיין דאַוונען פאַרן עמוד איז געווען אַ שם־דבר. ער האָט געשמ׳ט אַלס איינער פון די בעסטע בעלי־תפילות אין גאַנצן געגנט. אַלע יאָרן האָט ער געוווינט אין פּיאַסקי, אַ קליין דערפל אויסערן שטאָט. ער איז געווען אַ מילנער, געמאָלן פאַר די גויים פון דער סביבה אַרום קאָרן און ווייץ.

אַגאַנצע וואָך איז דער פעטער חאַצקל געווען באַשעפטיקט אין מיל אָנגעטאָן אַ ווייסן חאַלאַט, ריין און זויבער אָן אַ פלעק, די לאַנגע ווייסע באָרד און פאות פאַרשנייט פון מעל־שטויב. ער האָט אַכטונג געגעבן איינער אַליין, מיט ליבשאַפט און זאָרג צו יעדן ראָד און יעדער הילצערנער אַקס פון די געדערים און געהירן פון דער ווינטמיל. ער האָט זיי ליב געהאַט און געצערטלט, אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, עס זאָל חלילה עטוואָס נישט קאַליע ווערן, אַלץ זאָל קלאַפּן. דער איינציקער חבר און גוטער פריינט, מיט וועמען דער פעטער חאַצקל האָט פאַרברענגט די פרייע צייט, איז געווען אַ ספר, אין וועלכן ער פלעגט אַריינקוקן און מעיין זיין.

איינער אַליין, מבוקר עד ערב, האָט דער פעטער חאַצקל זיך געפונען אין די ד׳ אַמות פון זיין מיל, פון זונטיק פרי ביז פרייטיק נאָכמיטאָג. פרייטיק האָט ער באַצייטנס אויסגעטון זיינע בגדי־לבן, אָפּגעשטעלט די מיל, צונויפגעוויקלט די לייוונטן פון די פליגל, דער ווינט זאָל אויך קענען רוען, און „מאַכן שבת״. אויפגעראָמט, צוגעקערט, פאַרשלאָסן די מיל און אַוועק אין מרחץ אַריין, זיך טובל זיין לכבוד שבת.

שבת גאַנץ פרי איז דער פעטער חאַצקל געקומען צום זיידן ר׳ שמואל. מיט אַ ווייס טיכל אַרומגעבונדן אויפן האַלדז (פון פּיאַסקי ביז סוכאָוואָליע איז געווען מער ווי אַ תחום־שבת, און מען האָט נישט געטראָגן), זיין פרוי מיטן קרבן־מנחה סידור,ביידע אויסגעפוצט אין שוואַרצע זיידענע בגדי־שבת, מיט שיינענדיקע שבתדיקע פנימער. זיך צוגעזעצט אויף אַ וויל, געטרונקען אַ גלעזל קאַווע, געכאַפּט אַ קורצן שמועס אין מילי־דשמיאָ, און אַוועק דאַוונען.

אין אַ ליכטיקן שבת פאַרטאָג זענען זיי אַכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן אָן אַן שום סיבה. יענעם שבת האָט דער זיידע שמואל אין שטוב געוואַרט און געוואַרט אויף די שטענדיקע געסט פון פּיאַסקי, און זיך נישט געקענט דערוואַרטן. קומענדיק אין שול האָט ער זיך דערוווסט די טרויעריקע בשורה.

יוסף האַלפּערן

אומשולדיק דערמאָרדעט

ווען די באָלשעוויקעס האָבן אין 1920 פאַרלאָזט סוכאָוואָליע, נאָכדעם ווי זיי האָבן געהערשט ביי אונדז בלויז אַ חודש, איז אַ קלײנער טייל פון דער באַפעלקערונג מיטגעגאַנגען מיט זיי.

אַז די פּאָליאַקן זענען אַריין אין שטעטל, האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס אמת׳ע גיהנום. די פּוילישע סאָלדאַטן האָבן געראַבעוועט יידיש גוטס, אויפגעריסן יידישע געשעפטן.

זונטיק פרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף דערשפּירנדיק אַפּאָר גוטע קלעפּ. איך האָב געזען ווי אַ סאָלדאַט רייסט אַראָפּ די שטיוול פון מיינע פיס. זיינע אויגן זענען געווען גזלנישע, בלוטיקע. איך בין אַנטלאָפן אין אָלשינעק. צום געוועזענעם סטאַראָסטע, וועלכער איז צו יענער צייט געווען „אַ פיינער קריסט". פאַרנאַכט האָב איך זיך דערוווסט, אַז די פּוילישע סאָלדאַטן האָבן צוגענומען מיין טאַטן, בערל לייזער, משהקע קרוצעל און יאַכקע ליווראַנט (חיים דאַליסאָווערס טאָכטער), און מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין דער ריכטונג פון שטאַבין. די סאָלדאַטן האָבן געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ משפט קעגן זיי (פאַרוואָס, ווייס איך נישט).

צומאָרגנס האָט מען מיך געראָטן צושרייבן אַ בקשה אין פּויליש, אַז מיין פאָטער איז אומשולדיק און האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן, פּוילישע בירגער האָבן מיר די ביטע אונטערגעשריבן, מיין פאָטער איז געווען אַ מילנער, און די גויים האָבן אים רעספּעקטירט פאַר זיין ערלעכקייט. איך האָב באַקומען 35 אונטערשריפטן אויף דער ביטע און דער סטאַראָסטע האָט געראָטן אָפּשיקן עס צו די אָפיצירן, זייענדיק זיכער, אַז מען וועט מיין פאָטער באַפרייען. עס איז אַנטשטאַנען די פראַגע ווי אויסצוגעפינען דאָס אָרט, וווּ מיין פאָטער און די איבריקע געפינען זיך. עס איז נישט געווען ראַטזאַם אַז אַ ייד זאָל גיין. קאַזימיר ביעציוק איז געווען גרייט צו דער שליחות, נאַטירלעך נישט לשם מצוה. שבת איז ער צוריק געקומען און דערציילט, אַז מען האָט די 3 יידן דורכגעפירט דורך שטאַבין, זיי האָבן געגעכטיקט ביי אריה דעם שמיד, זענען געווען רואיק און געהאָפט, אַז מען וועט זיי באַפרייען. אויך אין יאַגוסטאַוו און אין סוואַלק האָט מען זיי געזען דורכגיין. ווען קאַזימיר איז אָנגעקומען אין סוואַלק, האָט דאָס מיליטער אים נישט דערלויבט ווייטער גיין. ער האָט זיך געווענדעט צו די יידן און זיי האָבן אויסגעפונען, אַז מען האָט מיין פאָטער מיט משהקען און מיט יאַכקען געשאָסן נעבן סוואַלק.

ווי שוידערלעך איז פאַר אונדז געווען די ידיעה. קריסטלעכע שכנים זענען געקומען צוריק פון מיליטער און יעדער איינער האָט געבראַכט אַנדערע ידיעות. קיין מעגלעכקייט צו פאָרן קיין סוואַלק איז נישט געווען, ווייל דאָרט זענען געווען די קאַמף־פּאָזיציעס. ערשט סוף חודש אָב בין איך אַוועקגעפאָרן קיין סוואַלק. לייזער בירגער, אַ פיינער, איידעלער יונגערמאַן, האָט מיר געהאָלפן פעסטשטעלן דעם טרויעריקן פאַקט, אַז מיין פאָטער מיט די צוויי אַנדערע סוכאָוואָליער, האָט מען דערמאָרדעט אין אַ וועלדל אויף אַ באַרג, 5 ק"מ פון סוואַלק. דאָרט זענען נאָך געווען די פּאָזיציעס און דאָס מיליטער האָט נישט דערלויבט קיין יידן צו קומען אין יענער געגנט. נאָך גרויס מי פון די סוואַלקער יידן, (איבערהויפּט האָט זיך משתדל געווען ר' אברהם פּאָלניצקי), האָט דאָס מיליטער דערלויבט אַ מנין חברה־קדישאָ־לייט זאָלן אויסגראָבן די הרוגים און זיי ברענגען אין סוואַלק צו קבורה, אָבער מיט דעם באַדינג, אַז קיין קרוב פון די הרוגים זאָל נישט מיטפאָרן. איך האָב געבעטן מען זאָל מיך מיטנעמען. איך בין אָפּגעפאָרן מיט 9 חברה־קדישא לייט אויף צוויי פורן, אויף וועלכע עס זענען געווען 3 אַרונות.

די חברה־קדישאָ־לייט האָבן פאָרזיכטיק געגראָבן און אַנטדעקט דאָס שרעקלעכע בילד: מיין פאָטער איז געווען געשאָסן אין בויך, משהקע קרוצעל איז געווען געשאָסן אין האַלדז, יאַכקעס קליידער זענען געווען צעריסן. איך האָב נישט געוויינט און בין געווען ווי אַ שטיין, כדי נישט איינצושטעלן דאָס לעבן פון די 9 חברה־קדישאָ־לייט. אָנקומענדיק צוריק אין סוואַלק זענען מיר געפאָרן אין הינטערשטע געסלעך, ביז מיר זענען אָנגעקומען אויפן בית־עולם. דאָרט האָט אויף אונדז געוואַרט אַ גרופּע יידן. מען האָט מורא געהאַט צו מאַכן אַ גרויסע לויה, און שטילערהייט האָט מען מקבר געווען די הרוגים.

איך בין אָנגעקומען אַהיים און געבראַכט די טרויעריקע בשורה. מיין מוטער, וועלכע איז געווען זייער אַ שוואַכע פרוי, האָט זיך אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן.

אַזוי האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון דער דאָזיקער טראַגישער מאָרד פון מיין פאָטער.

אברהמל ליווראַנט

מיין צעריסענער מאַנטל

אַ פרייטיק פאַרנאַכט, ערב ליכט־בענטשן האָט שרה׳קע די שניידערקע אָפּגעשיקט פאַר מיר מיט מיין שוועסטער, חיה׳ן 2 מאַנטלען פון גראַנאַט שטאָף. די שמחה איז געווען גרויס, דאָס איז געווען מיין ערשטער מאַנטל. שבת בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי מיטן געדאַנק, אַז גלייך נאָכן עסן וועל איך זיך אויספוצן אין



נייעם מאַנטל. טאַטע־מאַמע, שמואל־דוד (אַלתר) און חיינקע זענען אַוועק מיט די ברידער אין שול און מיר, די שוועסטער, האָבן צוגערוימט די שטוב און געגרייט די טישן. עס זענען דעם שבת געווען געסט ביי אונדז, די קינדער פון מיינע שוועסטערס זענען געקומען פון גראָדנע און פון וואַרשע. מען איז געקומען פון בית־המדרש. דער טאַטע האָט געמאַכט קידוש, און איך מיט חיהן זענען אַוועק צו משהקע דעם בעקער ברענגען דאָס טשאָלנט — אַ גרויסן „טשעגון" מיט צוויי אויערן. ביז מיר האָבן זיך דערשלעפּט אַהיים, האָבן מיר זיך געמוזט אָפּרוען אין מיטן מאַרק. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אונדזערע פּלעצער, מיינע מחשבות זענען אַלץ ביים נייעם מאַנטל, וועלכן איך וועל גלייך אָנמעסטן און אַלעמען ווייזן. פּלוצים הער איך דער מאַמעס שטימע פון קוך: „קינדערלעך, איר האָט פאַרביטן דעם טשאָלנט". מיינע הענט און פיס האָבן זיך אָנגעהויבן טרייסלען, ווייס דען עמיצער וואָס ס׳מיינט, שלעפּן דעם טאָפּ צוריק פון קאַרפּאַוויטשער־גאַס צו יאַנאָווער? אָבער פאַרפאַלן, צוריק גענומען די שמאַטעס מיטן גרויסן „טשעגון". ביי משהקע דעם בעקער טרעפן מיר רחל די שוסטערקע, וועלכע וואַרט מ׳זאָל אָפּברענגען איר טשאָלנט. בשלום געקומען אַהיים, זיך קוים דערוואַרט, עס זאָלן זיך ענדיקן די זמירות און כ׳הער שוין, ווי מיין טאַטע רופט אויס: „רבותי, מיר וועלן בענטשן"... כ׳האָב אָנגעטאָן מיין נייעם מאַנטל און אַוועק אין יאַנאָווער גאַס. דאָרט האָב איך זיך געוועט מיט מיין קוזינע מערקע, ווער עס וועט גיכער קומען צו אַ געוויסן פּלאַץ. וועלנדיק פאַרקירצן דעם וועג, האָב איך איבערגעקלעטערט דעם פּאַרקאַן צווישן זיידקע דעם קאַריצינערס שטוב און אברהמל משהס שטאָל. האָט זיך פאַרטשעפּעט מיין נייער מאַנטל און ס׳האָט זיך אָפּגעריסן די גאַנצע אויבערשטע פּאָלע. קוואַלן טרערן האָבן זיך גענומען גיסן פון מיינע אויגן, איך באַשליס נישט אומקערן זיך אַ היים ביז בין השמשות, קיינער זאָל נישט זען מיין חרפה און מיין ווייטאָק.

בין איך דערווייל אַריין צו דער מומע רחלען, זע איך ווי סאָלדאַטן פירן גרשון דעם געלן, זיי בויגן אַראָפּ זיין קאָפּ אויף אַ קלעצל און האַקן אים אָפּ די באָרד. איך בין אַזוי דערציטערט געוואָרן פון דער טרויעריקער פּאַסירונג, אַז איך האָב פאַרגעסן אין מיין צעריסענעם מאַנטל. כ׳האָב זיך געלאָזט לויפן אַהיים. אויפן וועג איז פול געווען מיט סאָלדאַטן אויף פערד. ביי שיינקען האָט מען ראַבירט די קראָם און זי האָט ספּאַזמירט; סאָלדאַטן האָבן געפּאַטשט קיילע אפרים־מענדלס. איך האָב זיך דערפילט הילפלאָז און דערשלאָגן. איך בין געלאָפן אַהיים, ווי געטריבן דורך אַ שטורם. אויפן מאַרק־פּלאַץ זענען געווען פאַרזאַמלט פיל יידן און די סאָלדאַטן האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער זיי און איבערן רב ר׳ ישראל. דאָס איז געווען דער באַוווסטער שבת אין שטעטל אין יאָר 1920. כ׳האָב גיך פאַרגעסן די טראַגעדיע מיט מיין צעריסענעם מאַנטל, אָבער די טרויעריקע פּאָגראָם־פּאַסירונגען אין סוכאָוואָליע וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ברײַנע קאַמינסקי־טיקאָצקי

.װידערשטאַנד

דאָס האָט פּאַסירט אין דער צייט פון דעם אַמאָליקן דעמאָקראַטישן פּוילן. די צייטונגען האָבן געבראַכט ידיעות אַז יידיש בלוט איז געוואָרן הפקר: מ׳האָט אַרויסגעוואָרפן יידן פון באַן; צעיושטע סטודענטן האָבן אַריינגעשאָסן אין יידישע פענצטער. אין סוכאָוואָליע האָט מען נאָך נישט געפילט קיין באַזונדערן טעראָר, סתם באַליידיקונגען, אָדער אַ שיכורער גוי זאָל זיך כאַפּן שלאָגן, איז דאָך געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אָבער קוים האָבן זיך צונויפגעטראָפן יידישע ימים־טובים מיט קריסטלעכע, האָט די יידן אַרומגענומען אַ געפיל פון זאָרג און מוראָ.

דאָס מאָל איז אויסגעפאַלן ערב יום־כפור מיט עפּעס אַ קריסטלעכער חגאָ, מען האָט אומגעדולדיק געוואַרט, אַז די פּויערים זאָלן זיך צעפאָרן אין די דערפער. אָבער עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון „כל־נדרי״, און אין גאַס האָבן זיך נאָך אַלץ אַרומגעדרייט פאַרדעכטיקע שקצים.

אין באַרג־בית־המדרש האָבן זיך שוין געפונען עלטערע יידן אין קיטלען און טליתים און געזאָגט די „תפילה זכה״.

פּלוצלונג ווערט אַ טומל. מען דערציילט, אַז שכורע גויים וואַרפן שטיינער אין שול.

דער רב — ר׳ שלמה צבי קאַליר — לאָזט זיך גלייך גיין צו דער שול, נאָך אים קומען בעלי־בתים און יונגע־לייט.

די שקצים דערזעענדיק דעם רב און די יידן אין די ווייסע קיטלען, דערשרעקן זיך. דער פּאָליציאַנט אוליכנאָוויץ לאָזט אַפילו, אַז דער רב זאָל צונעמען ביי אים דעם רעוואָלווער און מוראָ האָבענדיק פאַר אַ שטראָף, פאַרזיכערט ער, אַז די שקצים וועלן זיך רואיק צוגיין אַהיים און די תפילות וועלן נישט געשטערט ווערן.

מ׳האָט זיך אומגעקערט אין באַרג בית־המדרש און זאָגנדיק מיט גרויס כוונה „אָבינו מלכנו, בטל מחשבות שונאינו, הפר עצת אויבינו״, האָט מען געדאַנקט גאָט, וואָס דער איבערפאַל פון די שכורים האָט זיך געענדיקט אָן בלוט־פאַרגיסונג.

אייזיק סאָקאָלסקי


די גרויסע שריפה אין 1926

אין 1926 האָט פּאַסירט ביי אונדז אין שטעטל אַ שרעקלעכע שריפה און זי איז פאַרבליבן אין זכרון אונטערן נאָמען „די גרויסע שריפה״.

אָנגעצונדן האָט זיך דאָס פייער ביי משהקע דער בעקער. אַ פונק פון קוילן האָט אָנגעצונדן דאָס שטרוי אויפן דאַך און דאָס פייער האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט.

דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן ברענען אין עטלעכע גאַסן, אין יאַנאָווער גאַס, אין מאַרק, אין קאַרפּאָוויטשער גאַס. עס איז געוואָרן אַ פּאַניק. אַלע זענען געלאָפן ראַטעווען און קיין וואַסער איז נישט געווען. האָט איינער על־פי טעות געברענגט בענזין און דאָס פייער האָט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט. די פייערלעשער אין שטעטל האָבן נישט געקאָנט באַקעמפן דאָס פייער, און אַרויסגערופן די גראָדנער פייערלעשער צו הילף. זיי זענען אַפילו שנעל געקומען, אָבער צום אומגליק איז די בריק צעשמעטערט געוואָרן, ווי די פאָזשאַרני קאָמאַנדע״ (די פייערלעשער) איז נאָר אַרויף אויף אים. דערווייל איז אַ האַלב שטעטל אָפּגעברענט געוואָרן און פיל יידן זענען געבליבן אָן אַ דאַך איבער קאָפּ.

רחל־פעריי אַבראַמסאָן



די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע" (די פייערלעשער)

***

אין אַ זומער נאַכט אין 1926, ווען אַלעס איז געווען פאַרזונקען אין שלאָף. האָט מיך מיין מאַמע פלוצלינג אויפגעוועקט: „שטיי אויף שנעל מיין קינד עס איז אַ פּאָזשאַר אין שטעטל". דער הימל איז געווען איין שטיק פייער. אַ רויך האָט באַדעקט דאָס גאַנצע שטעטל און מען האָט קוים געזען די הייזער; מענטשן זענען געלאָפן אויפגערעגט און געשריגן: „געוואַלד", „ראַטעוועט", „עס ברענט". מ'ווייסט קוים ווו עס ברענט. פייגל די רימאַרקע זאָגט — ביי משה פּוטיאַלס; באַשקע פּיטלוק זאָגט — ביי משהקע פינפערס. און יעדער הויבט אָן פּאַקן זיינע זאַכן און אַרויסוואַרפן אויפן מאַרק־פּלאַץ. די קינדער שרייען, וויינען, מענטשן לויפן פון קאַרפּאָוויצער גאַס מיט די זעלבע געשרייען: „ראַטעוועט!" עס ברענט שוין די שטוב פון איטשע דעם שמיד, פון הערשל דעם טאָקאַר. אַנדערע נעמען די עמער, לויפן צו די ברונעמער שלעפּן וואַסער, מען ברענגט פעסער, און מען פירט וואַסער צום לעשן. איינציקע פאַמיליעס האָבן זיך אַריבערגעקליבן מיט די בעבעכעס אין די דערפער. ס'זענען אָנגעקומען צו הילף די דאָמבראָווער און יאַנאָווער פייערלעשער, און מיט גרויס מי איז געלונגען אָפּצולעשן דאָס פייער. אין אַ קורצער צייט נאָכן פּאָזשאַר האָט סוכאָוואָליע אויסגעזען ווי ביי געבוירן. די נשרפים האָבן אָנגעהויבן אויפצובויען שיינע הייזער און מויערן.

רבקה קרוצעל־אקשטיין

דער געשלאָגענער פּאָליציאַנט

דער וואַכמיסטזש ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ ביטערער מענטש. ער האָט תמיד פאַרלאַנגט מען זאָל ציען פאַר אים דאָס היטל, זייענדיק אַ מייל פון דער ווייטנס.

איינמאָל בין איך פאַרבייגעגאַנגען מיט מיין ברודער חאַצקלען אין דער „הולקע" נעבן יאַנקל הערשלען. פלוצלונג הערן מיר זיין ווילדן אויסגעשריי „האַלט". „פאַרוואָס האָסטו נישט געצויגן דאָס היטל?" נישט דערוואַרטענדיק זיך אויף אונדזער תשובה פאַרמעסט ער זיך צו דערלאַנגען חאַצקלען אַ פּאַטש. מיין ברודער איז שוין צו יענער צייט געווען שוואַך און קראַנק. און ווען דער וואַכמיסטזש טרעפט אים ווי ער האָט זיך פאַרמאָסטן, וואָלט ער אים אַוועקגעלייגט אויפן אָרט. חאַצקל האָט זיך אָפּגערוקט פון אים, און אויסגעמיטן דעם קלאַפּ. דערביי האָט פּאַסירט, אַז דער וואַכמיסטזש האָט זיך צוויי מאָל איבערגעדרייט און מיר זענען אַנטלאָפן. יונגוואַרג האָט באַשטימט זיך נוקם צו זיין אין דעם וואַכמיסטזש. יודל העניע רחלס,



לייבל טיקאָצקי (דער צווייטער פון לינקס) אויף אַ באַנקעט אין יאַנאָווער גאַס

קאַגאַן דער פּראָוויזאָר ביי אַפּטשיקן, משה יאַנאָווסקי, ישראל משהקע דעם בעקערס און נאָך אייניקע, האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט צו באַגעגענען דעם שונא. דער וואַכמיסטזש פלעגט גיין אַליין שפּאַצירן יעדן אָוונט און זוכן צום אָנטאָן צרות. האָט מען אים אָפּגעוואַרט אויף דער יאַנאָווער גאַס, פאַרבייגעגאַנגען און נישט געצויגן די היטלען. ווען דער וואַכמיסטזש האָט אָנגעהויבן ליאַרעמען, פאַרוואָס זיי האָבן די היטלען נישט געצויגן, זענען זיי אים פּלוצלונג באַפאַלן צוגענומען זיין געווער און אים גוט אָנגעשלאָגן און אַנטלאָפן. צום גליק איז דער אָוונט געווען אַ פינצ־טערער און דער וואַכמיסטזש האָט נישט געקענט זען ווער עס איז אים באַפאַלן. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער דערקענט יאַנאָווסקין, וועלכער איז געווען דער נידריקסטער פון די בחורים און האָט אים אַוועקגעפירט צו זיך אין קאַנצעלאַריע. באַלד זענען אַפּטשיק וולטוק און דער רב אַוועקגעפאָרן קיין דאָמ־בראָווע, ווו דער לייטענאַנט איז איינגעשטאַנען, און זיי האָבן אים איבערגעגעבן די גאַנצע פּאַסירונג. ס'האָט לאַנג נישט גענומען און דער לויטענאַנט האָט טעלעגראַפירט, אַז דער וואַכמיסטזש זאָל פאַרלאָזן סוכאָוואָליע און קומען צו אים קיין דאָמבראָווע. ס'פאַרשטייט זיך, אַז יאַנאָווסקי איז באַפרייט געוואָרן און מיר זענען אַלע געווען גליקלעך, ווען מיר האָבן געזען דעם וואַכמיסטזש פאַרלאָזנדיק סוכאָוואָליע אויפן פערד דורך אונדזער גאַס. מיר האָבן געפילט אַ באַדערפעניש אים אָפּצוגיסן מיט אַ שעפל אַזוי ווי המנען.

לייבל טיקאָצקי (פילאַדעלפיע)

אויסגעמיטמן קלעפ

ווער געדענקט נישט די קאָנפליקטן פון דעם „החלוץ הכללי" מיטן „החלוץ המזרחי?" תמיד פלעגן פאָרקומען רייבונגען צווישן די צוויי אָרגאַניזאַציעס.

די אָנפירער פון „החלוץ המזרחי" זענען געווען מיין ברודער יאָסל קאַמינסקי און יונה קאַלעקאָ. דערמאָנט זיך מיר אַ פּאַסירונג ביי אונדז אין הויז פון יענער תקופה.

דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען צוויי חברים נח שמואלקעס און איטשע בערל פאַרבשטיין האָבן געדאַרפט אַוועקגיין דינען, דעם טאָג נאָך ראש־השנה. האָבן די חברות און חברים באַשטימט מאַכן אַ באַנקעט פאַר זייער אָפּפאָרן. דער באַנקעט האָט געדאַרפט פאָרקומען מוצאי ראש־השנה, ווען עס הויבן זיך אָן די עשרת ימי תשובה. מיין פאָטער, אַ שטרענגער מיט אַ שטאַרקער דיסציפּלין, קומט פון בית־המדרש, ווו ער האָט געהערט פון באַנקעט, וועלכער גייט פאָרקומען ביי רישקע דער טאָקערקע אין קאַרפּאָוויצער גאַס. די ערשטע פראַגע זיינע איז געווען צי יאָסל איז אין הויז? דער ענטפער איז: ניין. ער טוט זיך איבער די יום־טובדיקע מלבושים טוט אָן אַ פעלץ גייט אַוועק אין שטאַל, נעמט אַ גראָבן שטריק, און ער גייט באַצאָלן יאָסלען פאַר וועלן זיין פריילעך אין די עשרת ימי תשובה. מיינע הענד און פיס ציטערן, און צו מיין מאַמעס האַרץ זאָל קיינער נישט קומען. מיר קלערן, וואָס טוט מען. ווי קומט מען פריער פאַרן טאַטן אָנזאָגן יאָסלען, ער זאָל נישט זיין דאָרטן. ביי אונדז אין הויז האָט מען אַלע מאָל געדאַרפט שנעל האַנדלען, און דאָס מאָל איז עס אויך זייער צוניץ געקומען. כ'האָב אויף גיך זיך איבערגעטון אין מיין מאַמעס לאַנגע קליידער, כ'בין פאַרבייגעלאָפן דעם טאַטן, אָן אַן אָטעם בין איך קוים דערלאָפן צו רישקעס הויז, וואָס איז געווען העל באַלויכטן, און די געזאַנגען זענען געווען אַזוי זיס, כ'לויף צו צו דער טיר. סאַ'יז פאַרמאַכט. כ'האָב זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן פונדאַמענט פון הויז, אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, און אויסגעשריגן: „יאָסל, אַנטלויף, דער טאַטע גייט מיט אַ שטריק". כ'בין געקומען אַ היים, זיך גיך איבערגעטון אין מיינע קליידער ווי ס'איז גאָרנישט געשען. דער טאַטע קומט אַהיים און זאָגט, אַז יאָסל איז דאָרטן נישט געווען. און פּלוצלונג קומט אַ פראַגע. האָט עמיצער פאַרלאָזן דאָס הויז אין דער צייט ווען איך בין נישט געווען? ער האָט פאַרשטאַנען אַן „עסק" אָבער, אַז מ'כאַפּט נישט ביי דער האַנט קען מען נישט באַשטראָפן.


דער גנב פון די רעדער

איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן דאָנערשטיק, אַ מאַרק טאָג, האָט מיין טאַטע געקויפט רעדער פאַר אַ וואָגן. נאָכן מאַרק, מיין טאַטע גייט אַוועקלייגן די רעדער אויף אַן אָרט, נישטאָ די רעדער. פאַלט מיר איין אפשר האָט עמיצער פון די גויים געגנבעט די רעדער און אַוועקגעלייגט ביי אונדזער שכן יוסקע אין גאָרטן און ווען זיי וועלן פאָרן צוריק פון מאַרק, וועלן זיי עס צונעמען. און כך היה. כ'קום אַרויף אויף יוסקעס פאָדוואָר, ס'ליגן די רעדער. לאָז איך זיי ליגן, און איך וואַרט ביז מען וועט זיי קומען צונעמען, וועל איך וויסן ווער דער גנב איז. יוחן אסתר־טילעס געפינט מיך פאַרבאַהאַלטן אָן אַ זייט. איך דערצייל אים פאַרוואָס איך וואַרט, וואַרט ער שוין מיט מיר, און ווער קומט נעמען די רעדער? דער קריסט, וועלכער האָט אונדז זיי פאַרקויפט. מיר נעמען די גערעכטיקייט אין אונדזערע אייגענע הענט. מיר דערלאַנגען דעם גנב וויפל ס'איז אין אים אַריין, און ער איז זיך מודה, אַז ער האָט אַזוי געטאָן פיל מאָל מיט קאָרן, אונדז פאַרקויפט און צוגענומען צוריק; האָבן מיר אים שוין באַצאָלט פאַרן קאָרן אויך. יוחל דערלאַנגט אַ קלאַפּ און רייבט די הענט, דערלאַנגט נאָך אַ קלאַפּ און רייבט ווידער די הענט. שריי איך: „יוח'ל, די הענט וועסטו רייבן שפּעטער, דערלאַנג". דער גוי האָט געבראַכט דאָס קאָרן צוריק פאַר וויפל מאָל ער האָט געגנבעט, כדי כ'זאָל נישט דערציילן די קריסטן אין דאָרף, וואָס ער האָט געטאָן. פון דאַן אָן האָט ער מיך

גערופן „פאַנגאַ קאַמינסקאַ" און געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר מיר.

אַן אינצידענט מיט דער ביבליאָטעק

אין סוכאָוואָליע האָט זיך געגרינדעט די רעוויזיאָניסטישע פאַרטיי. ווי סאיז באַוווסט, ווען יונגוואַרג גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע איז עס מיטן גאַנצן ברען. אַזוי איז די פאַרטיי געגרינדעט געוואָרן מיט כוח, גרייט איינצונעמען „די וועלט". דער אָנפאַנג איז געווען מיטן אויסכאַפּן ביכער פון דער ביבליאָטעק, וועלכע איז געווען אונטערן נאָמען „תרבות". מיר זײַנען געבליבן בלויז ביים שטעמפּל. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען קעגן דעם, אַז די „תרבות"־ביבליאָטעק זאָל געהערן צו אַ פאַרטיי, אַ ביבליאָטעק דאַרף זיין נייטראַל. האָבן זיך גלייך געשאַפן צוויי צדדים, און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שאַרפע קאָנפליקטן. מיר האָבן גערופן אַ פאַרזאַמלונג און באַשטימט, אַז אַ דעלעגאַציע זאָל געשיקט ווערן צו די רעוויזיאָניסטן און בעטן מיט גוטן, זיי זאָלן אָפּגעבן די ביכער. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון די פאָלגענדיקע פערזאָנען: אליעזר שטוק, שמואל לעווין, שמואל צאַבאַן און איך. די רעוויזיאָניסטן האָבן אונדז אָפּגעזאָגט. האָבן מיר באַשלאָסן צו שיקן דעם פּראָטאָקאָל פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג און אַ באַריכט פון דער דעלעגאַציע צו דער „תרבות"־ביבליאָטעק אין



די לעצטע פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק



צום יובל פון 2000־טן בוך

וואַרשע. זיי האָבן געשיקט אַ דעלעגאַט, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט די לאַגע און געזען, אַז מיר זענען גערעכט. האָבן מיר מיט מער זיכערקייט געפאָדערט, זיי זאָלן אַרויסגעבן די ביכער, אָבער „לאָ מיט אַן אַלף״. נאָך שווערע קאַמפן האָבן מיר ענדלעך אַרויסגענומען די ביכער „ביד חזקה ובזרוע נטויה״. מיט דער גרעסטער צופרידנקייט האָבן מיר געפייערט קורץ נאָך דעם אינצידענט דעם יובל פון דעם צוויי טויזנטסטן בוך.

ס׳האָט זיך געענדיקט דאָס יאָר זינט מיר האָבן די ביבליאָטעק צוריק געקראָגן, מיר האָבן גערופן אַ יערלעכע פאַרזאַמלונג, די ביבליאָטעק האָט זיך דאַן געפונען ביי חאַצקל העני רחלס אין מויער. איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג. עס איז כדאי צו באַצייכענען די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, עס איז דאָך שוין געווען נאָנט צום חורבן: יהושע חוין, פרץ פראַנצויז, משהל גאָפּערשטיין, באַשקע שעפלער, דאַרעווסקי דער דענטיסט, פייגל באַרעלקאָווסקי, וועלוול סטרינקאָווסקי, שיינע סאָקאָלסקי. מיר האָבן געזוכט וועגן צו שאַפן געלד, כדי צו באַרייכערן אונזער ביבליאָטעק מיט גוטע ליטעראַטור. צו דעם צוועק האָבן מיר געשפּילט די פּיעסע „דער יידישער קעניג ליר״ מיט די פאָלגענדע אַרטיסטן: משהל טשערינסקי, שמואל זאַבאַן, ישראל גראָדזענסקי, פייגל ביעגון, חנה קרוצעל (טויבקעס), מאָטל דער ראַזירער און איך האָב געשפּילט די ראָלע פון דער טאָכטער „דבורהלע״. איך האָב געאַרבעט פאַר דער ביבליאָטעק ביז איך האָב פאַרלאָזט דאָס שטעטל אין 1939, אַפּאָר מאָנאַט פאַר דער טראַגעדיע.

ברײנע קאַמינסקי־טיקאָצקי

פערזאנען און טיפּן

הרה"ג ר' אברהם איינהאָרן

בלויז דורך אַ צופאַל האָט סוכאָוואָליע זוכה געווען צו האָבן אַזויפיל יאָרן אַלס שטאָטישן רב אַזאַ גרויסן גאון ווי ר' אברהם איינהאָרן. אין גראָדנע איז ער ער געווען באַרימט אַלס „גראָדנער עילוי". ער ווערט אַבער אַ איידעם ביי אַ סוכאָוואָליער רייכן בעל־הבית, פאַרשטייט זיך, אַז מיט אייביקע קעסט. אין יענער צייט איז פריי געוואָרן דער כסא הרבנות און ער איז געוואָרן אָנגענומען איינשטימיק, אָן שום מחלוקות, אַלס שטאָטישער רב. די שכירות איז נישט גענוג אויף חיונה, נאָר עס קומט אים צוהילף דער רייכער שווער. שפּעטער האָט זיך פאַרגרעסערט די פאַמיליע, דערנאָך איז דער שווער נפטר געוואָרן, דעמלט ווערט די רביצן די אשת־חיל, פירט אָן מיט דער שטוב און העלפט דערציען די קינדער: דריי זין און דריי טעכטער. דער רב, וואָס ווייסט פון עניני־חוץ בלויז דעם וועג פון שטוב צום בית־המדרש, לאָזט איבער אַלע ענינים דער רביצן. די קינדער האָבן דעם טאַטנס „גוטע קעפּ". זיי ווערט ענג אין די רבנישע פיר ווענט און זוכן וועגן ווי אַריינצוקומען אין דער גרויסער וועלט. איין קינד האָט געפונען אַ וועג, א־ז שוין גרינגער דעם צווייטן. עס דויערט נישט לאַנג און די צוויי עלטערע זין ווערן באַקאַנט אין דער מסחר־וועלט, איינער אין וואַרשע, דער צווייטער אין ביאַליסטאָק. דעם דריטן, וועלכער האָט באַזיצט גאונישע פעיקייטן, האָט דער פאָטער אַוועקגעשיקט קיין פויזן, ווו עס האָט זיך דעמלט געפונען אַ באַרימטע ישיבה. דער פאָטער האָט געהאָפט, ער זאָל ווערן אַ גרויסער רב. ער ווערט אָבער דאָרט באַאיינפלוסט פון דער חברה מפיצי השכלה, וואַרפט אַוועק די ישיבה און נעמט זיך צו וויסנשאַפט. נאָכן ענדיקן זיין שטודיום אין דייטשלאַנד פאָרט ער קיין אַמעריקע, ווו ער פאַרנעמט איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער אין דער מעדיצין־וועלט. דער נאָמען פון פּראָפעסאָר איינהאָרן ווערט אין ניו־יאָרק זייער פּאָפּולער און געשעצט. ער איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער אין יאָר 1954.

אין שטעטל האָט מען געוווּסט, אַז דער רב האָט די גאַנצע צייט אָפּגעזאָגט זיך פון זונס שטיצע. אַמאָל איז דער זון, דער באַרימטער דאָקטאָר, ווען עס איז געווען פאַרבאָטן צוריקצוקומען קיין רוסלאַנד, צוגע־קומען צו דער גרענעץ און אַרויסגערופן זיין טאַטע־מאַמע, כדי צו זען זיך מיט זיי. געפאָרן איז בלויז די רביצן. דער רב האָט אים מער קיינמאָל נישט מוחל געווען.

אויך די טעכטער פאַרלאָזן דאָס קליינע שטעטל. די ערשטע פאָרט אַוועק די עלטערע, איסקע, וועלכע באַקומט איר בילדונג אין ווין. די אַנדערע צוויי: רייזל, ווערט ד"ר מעדיצין. רחל — ד"ר פילאָזאָף. פון צייט צו צייט קומען זיי אויף אַ באַזוך צו טאַטע־מאַמע, ווײַלן אַביסל, און פאָרן צוריק.

רייזל האָט פאַרמאָגט אַ גאָלדענע נשמה. זי האָט פרייוויליק אויסגענוצט איר יעדן באַזוך אויף צו ברענגען דעם שטעטל מעדיצינישע הילף. פון שטוב צו שטוב איז זי געגאַנגען מיט איר גוט וואָרט און פּראַקטישן נוצן פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה עמיגרירן אַלע דריי קיין אַמעריקע און וווינען די גאַנצע צייט אין ניו־יאָרק. קיינער פון די אַלע פיר אין אַמעריקע האָט קיין דור נישט געלאָזט נאָך זיך. אַזוי איז פון דער גאַנצער משפחה איינהאָרן קיין זכר נישט געבליבן

...עס איז כדאי צו דערמאָנען אַ וויץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט סוכאָוואָליע (פון בוך „מעשיות און וויצן פון דער רבנישער וועלט" ב. פרנס, 1928).

דאָס ווייב פון דעם סוכאָוואָליער רב ר' שמעון איז געווען אַ גרויסע מלומדת, אָבער אַ קאַרגע, און פלעגט זיך ברוגזן ווען דער רב האָט געברענגט

אורחים צום טיש. איינמאָל זאָגט צו איר ר' שמעון: „זע, ליפּשע, צי מוזטו דען באַווייזן, אַז די חכמים זענען געווען גערעכט דערמיט, וואָס זיי האָבן געזאָגט: אשה עינה צרה באורחים?״

— בנוגע אַ רביצן האָבן די חכמים דאָס נישט געמיינט — האָט די רביצן געענטפערט — דעם רבס „עין״ אַליין מוז זיין אַ צרה, ווייל אַ רב מיט אַ גוטן „עין״ ווערט פון רב — רעב״.

אפשר ווייס ווער, ווען אין סוכאָוואָליע איז געווען אַ רב ר' שמעון?

יענקל טשעראָוו (דעטרויט)

ר' קאַפּל מגיד

אַ ייד אַ תלמיד־חכם, אַ שאַרפער מוח, וואָס פלעגט מאָמענטאַל געפינען דעם דף און עמוד פון יעדער סוגיא אין גאַנץ ש״ס. שוין אַ זעכציק־יאָריקער משכיל און טרעט נישט אָפּ אַפילו אויף אַ „קוצו של יוד״ פון יידישע מנהגים. ער נעמט אָן פאַר אַ גוטן סימן, ווען מען גייט אַנטקעגן מיט אַ „פולן״ (מיט אַ פולן עמער וואַסער). אין די ימים־נוראים פלעגט ער אָפּחוזקן פון די „וצדקתך־יידן״ און טענהן: „נאַרישע יידן, שוטים, איר מיינט טאַקע, אַז גאָט האָט מער נישט וואָס צו טון ווי שרייבן און מעקן אייערע חטאים?״ קיינער שטעלט זיך אים נישט אַנטקעגן, ווייל מען ווייסט, אַז ביי אים איז דאָס מער נישט ווי אַ אופן פון רעדן.

ער אַליין האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף בכלל קיין רב נישט האָבן, אַז אַלע שטריימלעך זענען געמאַכט געוואָרן נאָר אויף אַרויסצוציען געלט ביים עולם. פונדעסטוועגן האָט ער געוואָלט, אַז דער סוכאָוואָליער רב זאָל זיין אַ גרויסער למדן. אין דער מחלוקת וועגן דעם שיינעם, שוואַרצבערדיקן רב, איז ער דער הייסטער אַנטיילנעמער.

זיינע קינדער זענען געווען געבילדעטע (איינער אַ פּראָוויזאָר) און זיי האָבן שנעל זייערע פיס פון שטעטל אויסגעריסן און אַוועק אין די צענטערס. בעת דער מלחמה, כאָטש זיינע צוויי זין זענען געווען אויפ פראָנט איז ער דאָך נישט געווען מרה־שחורהדיק, און האָט ווייטער אַנטיילגענומען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין בית־המדרש האָט ער אַלע געוואָלט איבערציינגן, אַז זיין „שיטה״ איז די ריכטיקסטע. אויב עמעצער וויל אים איבערשפּאַרן, איז ער אים מבטל תכלית הבטול, אַז יענער פאַרשטייט גאָרנישט און צו וואָס מישט ער זיך אין אַזעלכע זאַכן? ווען עס טרעפט אַ זאַך ווערט מקוים, ווי ער האָט פאָראויסגעזאָגט, איז ער אויפן זיבעטן הימל, און די איבריקע בית־המדרש־לייט שוויגן, נעמען אים אויף מיט אַ שמייכל: „אַהאַ! ר' קאָפּל האָט טאַקע מנצח געווען״.

געווען איז ער אַ פעסט־געבויטער ייד, אַ וואַלד־סוחר און האָט אַלע זיינע יאָרן פאַרבראַכט אין וואַלד. צו דער וועלט האָט ער זיך באַצויגן סקעפּטיש, געזאָגט: „די גאַנצע אנושיות איז אַ חיה. איינער וויל דעם אַנדערן פאַרצוקן״. אין דער מלחמה האָט ער געזען אַ אונטערשטיצונג צו זיין מיינונג. ווען ער האָט געהערט רעדן וועגן אידעאַלן, וועגן מאָראַל, האָט ער די דיבורים גלייכגילטיק אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. אויף יידן־שפּעקולאַנטן האָט ער געטראָגן אַ בייז האַרץ, נישט געקענט צוזען דעם ווילדן יקרות־טאַנץ פון די קרעמער און אויפגעוויזן באַשיינפּערלעך, אַז „סאָוועסטנע״ מענטשן זענען זייער ווייניק.

ירוחם לעווין

איתמר ניסעלקאָווסקי

באמת נישט פון ביאַליסטאָק גופא, נאָר פון דער ליבער פּראָווינץ, פון סוכאָוואָליע.

אַ שניט־קרעמער פון גרויסן פאָרמאַט און פון די פיינסטע בעלי־בתים אין שטעטל, אַ משכיל נאָך פון אַמאָליקע יאָרן, האָט ער נאָך אויף היינטיקן טאָג ליב דעם מליצישן העברעאיש, אין וועלכן ער האָט אַליין אויך געשריבן אין דער יוגנד אַפּאָר קאָרעספּאָדענציעס צום „המליץ״. (זיין פּסעוודאָנים האָט זיך צונויפגע־שטעלט פון ראשי תיבות: זיין נאָמען, דעם פאָטערס נאָמען און דער נאָמען פון געבורטס־שטעטל — „אביחיל״). אין די קעסט יאָרן פלעגן יידענעס קומען צו אים מיט בקשות וועגן שרייבן אַמעריקאַנער אַדרע־סן. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ כלל־טוער, הגם — לויטן כאַראַקטער איז ער ווייט געווען פון מחלוקת און קיינמאָל האָט מען זיין קול נישט געהערט בעת די אָפּטע עכוב־הקריאות אין בית־המדרש.

אין די דייטשע צוואַנגס יאָרן, ווען פאַרשמאַכטע שטאָט־מענטשן האָבן געצויגן אין די שטעטלעך נאָך אַ פּוד קאָרן, נאָך אַ ביסעלע קאַרטאָפל, האָט זיך די שטוב באַזונדערס אויסגעצייכנט ווי אַ „כלבא־שבוע״־שטוב: איז ווער אַריינגעקומען אַ הונגעריקער, האָט ער געמוזט אַרויסגיין אַ זאַטער.

די געשעפטן זענען געגאַנגען נישט שלעכט. מען האָט שוין נישט געדאַרפט אויסקוקן אַ קונה, און ווי אַמאָל אין אַ מאַרק־טאָג רייסן דעם דאָרפישן פּויער פאַר די פּאָלעס. סחורה איז געווען בדוחק און פּרייזן זענען געווען פעסטע, איז ווער אַוועקגעגאַנגען און האָט נישט געקויפט — האָט מען אויך נישט אויסגע־וויינט נאָך אים „די דריטע אויג״.

די באַציונגען מיט די קריסטן פון דער פּאַראַפיע — אויסגעצייכנטע. מען האָט נישט געטאָרט אַריבער־פירן ווייצענע מעל אָן אַ „אויסווייז״, פלעגן באַקאַנטע פּויערים עס באַהאַלטן אין זייערע וועגלעך און ברענגען עס אין שטוב אַריין.

זונטיג און בכלל אַ חגא־טאָג פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן די שטוב אין אַ אַכסניה פאַר קריסטליכע יונגען און שיקסעס, וואָס פלעגן קומען זיך פאַרפּוצן איידער זיי גייען אין קאָשציאָל אַריין.

שפּעטער באַקומען זיי אויך אין ארץ־ישראל ליבע בריוועלעך פון שטעטלשע און דאָרפישע „מיעשצאַנעס״, (איינוווינער), אַפילו אויך פון דעם אָרגאַניסט — די

*) געדרוקט אין „דאָס נייע לעבן״, ביאַליסטאָק.



שפּרינצע און איתמר ניסעלקאָווסקי

רעכטע האַנט פון כומר — און אַלע מיט איין וואָרט שרייבן, אַז נאָך אַזאַ „פּשיאַטעל" (פריינט), האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט.

די באָלשעוויסטישע אינוואַזיע האָט אַריינגעבראַכט אַ באַזונדערן חורבן אין דעם שטעטל. דער סך־הכל איז געווען: טראַגישער טויט פון עטלעכע חשובע בעלי־בתים און פולשטענדיגע צעראַבירונג פון שטעטלשע האָב און גוטס. אין דער פאַמיליע איז אויך אַן אייניקל — אַ מתמיד ייִנגעלע מיט אַ בלאָנד קעפּעלע און בלויע אייגעלעך — אין דער צווישן צייט אַוועק פון דער וועלט.

אמת, אַמעריקאַנער קרובים האָבן זיך גלייך אָפּ־גערופן און מען האָט צוריק אַוועקגעשטעלט אויף די פוס די רואינירטע אין שטעטל בכלל און די משפחה בפרט. מען האָט אָבער נישט געקענט פאַרגעסן דעם שווערן קאָשמאַר פון יענע טעג און די לעבעדיגע אבידה האָט געיאָגט און געטריבן וואָס ווייטער — אין די מרחקים.

אָפּגעשטעלט האָט מען זיך אויף ארץ־ישראל. דער פאָטער — חובב־ציוניש געשטימט נאָך פון ר' שמואל מאָהליווער'ס צייטן. די טאָכטער פלעגט מיט אַ באַזונדער האַרציקייט פאַרוויגן אירע קליינוואַרג מיט אַ „שכב־הרדם"־לידל און אויך דער פאַרשטאָרבענער ייִנגל האָט געחלומ'ט וועגן יפו'ער גימנאַזיע.

זענען געווען דאָ נאָענטע קרובים, אין אַ גאַנץ גוטן מעמד. האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרייבעניש מיט די קרובים וועגן „פּאַפּירן". די קרובים האָבן זיך נישט געאיילט: וואָס וועלן זיי דאָ טאָן?

אָנגעקומען איז די „פאַמיליע" חול־המועד סוכות, פאַרפאָרן גלייך אין מוצא. דער ערשטער קבלת־פּנים אין די מוצא'ער בערג איז געווען אַ שיינער און אַ וואַרעמער. די התלהבות איז געווען גרויס. תיכף האָט זיך די פאַמיליע איינגעבירגערט: דער אַלטער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן לויט זיין אַמאָליגן פּסעוודאָנים אין „המליץ" — אביחיל, אָנגעהויבן טראַכטן וועגן עפּעס תכלית... עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער תהום צווישן חלום און ווירקלעכקייט, צווישן „דאָ" און „דאָרטן", צווישן „וועלן" און „קענען".

מען איז אַריין אין אַ בלאָטיקער ירושלימער שכונה צווישן היינטיגע אָדער נעכטיגע חלוקה־לייט. מען האָט דאָרט געעפּנט אַ קרעמל. מען איז געווען עלנט, מיט די נייע שכנים איז נאָך קיין התקרבות נישט געווען.

מען דערמאָנט זיך די פאַרלאָזענע היים, די פריי־לעכע, ווינטערדיגע אָוונטן; אין שטוב איז וואַרעם, דער סאַמאָוואַר אויפן טיש, די טיר עפענט זיך און פאַרמאַכט זיך נאָכאַנאַנד, עס קומען אַריין די שענסטע בעלי־בתים און דאָ?

באַזונדערס בענקט די אַלטע: פאַרלאָזן אַ שטעטל מיט קרובים. מיט אַ נאָענטן בית־עלמין, פאַרקויפט אַזאַ „גאָספּאָדאַרקע", וואָס העכער 40 יאָר לעבן איז אין איר אַריינגעלייגט געוואָרן. דאָרט איז געווען די אייגענע קו מיט דער אייגענער קאַרטאָפל, און אויך אַ „מזרח־שטאָט" אין בית־המדרש. און דאָ נישט קיין קרוב, נישט קיין גואל, די קינדער רעדן צווישן זיך אַן אַנדער לשון, דער באָבען דאַרפן זיי שוין גאָרנישט...

דער אַלטער איז געווען אַ טוער אין „מזרחי", אין „קרן־היסוד", געפאָרן אויף קאָנפערענצן, דאָ — קיינער קען אים נישט.

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט. דאָס געשעפט האָט געקריגן אַ נאָמען. מיט אַ טייל שכנים האָט מען זיך באַפריינדעט, די אָוונטן זענען שוין נישט אַזוינע אומעטיגע ווי געווען. עס האָט זיך געביטן די שווערע שטימונג פון די ערשטע טעג. מען איז געבליבן די ארץ־ישראלדיגע.

ירוחם לעווין

דניאל שקלאַר



דניאל שקלאַר

אין מיין זכרון איז ער פאַרבליבן אַלס דער נגיד פון שטעטל. אַ שיינער הויכער ייד, מיט אַ ברייט צעקעמטער באָרד, דער אויסזען אַ שטאָלצער, דער טריט אַ זיכערער, ווי ביי אַ מענטש, וואָס דער גורל איז געווען גוט צו אים.

זיין רייכטום האָט ער נישט באַקומען בירושה פון זיין טאַטן, ר׳ יוחן, ער האָט עס אַליין דערוואָרבן אַדאַנק זיין ענערגיע, זיין אַמביציע און זיינע גרויסע אונטער־נעמונגס־פעאיקייטן.

ווי מען פלעגט דערציילן, איז דניאל געווען אַ שותף צו חיים־יאַנקל שוואַרצס ביער־ברויערײ. אָבער ער האָט ווייזט אויס געוואָלט פירן געשעפטן לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו. ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיינע שותפים און אויסגעבויט אין סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט זיין אייגענע ברויעריי אין קאַרפּאָוויטשער גאַס. מיט דער צייט האָט זיך די גאַנצע ביער־פּראָדוקציע פון שטעטל קאָנצענטרירט אין דניאלס הענט. דניאלס ביער האָט געשמ׳ט פאַר דעם בעסטן פון אַלע שטעטלעך אַרום. מיטגעאַרבעט האָבן אין דער גרויסער ברויעריי, וועלכע האָט באַשעפטיקט פיל יידישע און קריסטלעכע אַרבעטער, 2 פון דניאלס זין, מענדל און זיידקע.

מענדל איז יונג געשטאָרבן, געלאָזט אַ פרוי מיט קינדער, צו וועלכע דניאל איז געווען אַ ריכטיקער „אַבי־יתומים״.

דניאלס שטוב איז געווען אַ בכבודיקע. ער האָט נישט געהאַט קיין פאַרמאַכטע האַנט. נצרכים אין שטעטל זענען תמיד געווען אַ סך.ביים גביר האָט מען געפּאָדערט און ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט. אין דער ערשטער וועלט־קריג, בעת די רוסן האָבן גענומען „זאַלאָזשניקעס״ פון שטעטל, איז דניאל אויך צוגענומען געוואָרן און ער איז געווען שטאָלץ צו ליידן לטובת הכלל.

דניאל איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסן פאַר־נעם, האָט פאַרשטאַנען צו געבן זיינע שיינע טעכטער אַ וועלטלעכע בילדונג. זיי זענען אויך געווען פון די ערשטע אין שטעטל, וועלכע האָבן געלערנט אַ מאָדער־נעם העברעאיש.

דניאלס פרוי שיינע־רבקה איז געווען שיין, ווי איר נאָמען האָט געקלונגען, זי איז געווען אַ ריכטיקער „עזר־כנגדו״ פאַר דניאלן. ליב געהאַט צו געבן צדקה. איז ווער געקומען נאָך הילף, איז איר געווען ווייניק דאָס, וואָס איר מאַן האָט געגעבן און אַליין דערלייגט מן־הצד, מעג דאָס זיין אַ נדבה פאַרן קהל, אָדער אַ



שיינע־רבקה שקלאַר

באַשטייערונג פאַר אַ יוגנטלעכער אָרגאַניזאַציע.

ביי איר טיש איז תמיד געווען אַן אורח, זייט יאָרן האָט דאָרט דער געלער מגיד געהאַט איינעם פון זיינע „טעג". שיינע רבקה איז געווען זייער אַ צערטלעכע מוטער צו אירע גערעטענע קינדער. באַזונדערס שטאָלץ איז זי געווען מיט איר טאָכטער סימען, וועלכע האָט פאַר איר שיינקייט באַקומען אַ פריז אין רוסלאַנד. סימע איז אומגעקומען צוזאַמען מיט איר מאַן מאַקס אין גראָדנער געטאָ.

שיינע־רבקה און דניאל, דער נגיד פון שטעטל, האָבן זוכה געווען צו גרויסע לוויות. סוכאָוואָליע האָט זיי באַגלייט מיט גרויס כבוד.

הנה פריבולסקי



מאַקס סקיבעלסקי און זיין פרוי סימע (שקלאַר)


שמואלקע דער שמיד

שמואלקע דער שמיד איז געבוירן און דערצויגן אין אַ דאָרף נישט ווייט פון שטאַבין. ער איז געווען אַ בן־יחיד ביי אַ שמיד, וואָס האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו געבן אים די טראַדיציאָנעלע חדר־דערציונג, ווייל אין גאַנצן זענען נאָר עטלעכע יידישע משפחות און זיי זענען נישט געווען אומשטאַנד צו ברענגען אַ מלמד פאַר זייערע קינדער. איז דער פאָטער אַליין געוואָרן אַ מלמד פאַר זיין בן־יחיד, וואָס האָט פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן. אין עלטער פון צען יאָר האָט ער שוין זעלבשטענדיק געלערנט אַ בלאַט גמרא. דער טאַטע, אַליין אַ בן־תורה, גייט דורך מיט אים אין דער פרייער צייט גאַנץ משנה און אַגדות. דאָס יינגל איז געבענטשט מיט אַ גוטן זכרון און אַלץ בלייבט ביי אים „כמונח בקופסא". עס איז נישט געווען קיין מאַמר חז"ל, וואָס ער זאָל נישט וויסן און געדענקען.

אַלט זייענדיק צוועלף יאָר ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער שמידעריי־אַרבעט. אויך אויפן דאָזיקן געביט ווייזט ער אַרויס גרויסע פעאיקייטן. אָבער באַלד דערפילט ער די באַגרענעצטקייט פון דאָרפישן לעבן, עס ווערט אים ענג. ער זוכט עפּעס גייסטיקס און ווירקט אויפן פאָטער, זיי זאָלן פאַרלאָזן דאָס דאָרף און אַריבערפאָרן אין שטאָט.

אין שטאָט וואַרפט דער פאָטער אַוועק די שמי־

דעריי און נעמט זיך צו מלמדות, אין סוכאָוואָליע, אויף קאַרפּאָוויצער גאַס. דער זון אָבער נעמט זיך צוריק צו דער אַרבעט, ביי זלמן דעם שמיד אין לאַנגן



ר׳ שמואל כאַראָווסקי

דאָרף. שפּעטער ווערט ער אַליין אַ שמיד, קויפט אַ פּלאַץ אויף דער גרעבליע, בויט אַ גרויסע שיינע היים, און זוכט אויך אין שטאָט מעגלעכקייטן צו שטילן זיין דורשט נאָך וויסנשאַפט. אין די שבתים שלינגט ער אין בית־המדרש אַ בלאַט גמרא, משנה, אגדה. ער באַגייסטערט זיך מיטן „מלבים״ אויף תנ״ך. דאָס איז פאַר אים ווייניק. ער וויל זיך באַקענען מיט וויסנשאַפט. גייט ער פון שטוב צו שטוב. דאָ געפינט ער דעם „יוסיפון״, דער איינציקער מקור פון יידישער געשיכטע. דאָרט קריגט ער דוד פרישמאַנס „ידיעות הטבע״. ער שלינגט אַלץ מיט דורשט. דאָס, וואָס ער קען נישט אַוועקנעמען פון דער אַרבעט־צייט, נעמט ער אַוועק פון שלאָף, און נישט איין נאַכט קומט ער אָפּ מיט כאַפּן אַ דרימל זיצנדיק אויף דער שטול. פאַרבייפאָרנדיק די גרעבליע אין אַ זומערדיקן פאַרטאָג פלעגט מען טרעפן שמואלקען זיצן מיט אַ בוך אין האַנט. זיין גאַנץ לעבן איז אַוועק „מיטן האַמער אין איין האַנט אין דער צווייטער — דאָס בוך״.

גלייכצייטיק אַנטוויקלט ער זיינע פעאיקייטן אין דער אַרבעט, שאַפט נייע דערפינדונגען צו פאַרגרינגערן און פאַרשנעלערן די אַרבעט. ער האָט דער ערשטער דערפונדן דעם „פלאָג״, וואָס האָט דעמלט געמאַכט אַ איבערקערעניש אין דער ערד־אַרבעט. ער ווערט באַרימט אַלס פאַכמאַן פונעם „אייזערנעם וואָגן״, און איז דער איינציקער בעל־מלאכה אויפן דאָזיקן געביט אין דער גאַנצע געגנט.

דעם לעצטן שבח איז כדאי נאָכצוזאָגן נאָך אים, אַז ער איז קיינמאָל אין כעס נישט געווען, אַפילו נישט אויף קיין אייגן קינד. ער האָט דערלעבט אריכת־ימים, ווי דער תנא, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער האָט זוכה געווען צו אַ טיפן עלטער, ווייל: „מימי לא הקפדתי אפילו בתוך ביתי״ (אין מיין לעבן האָב איך זיך נישט געבייזערט אפילו אויף מיינע אייגענע).

יאַנקל כאַראָווסקי (דעטרויט)

א חסיד

סוכאָוואָליע איז געווען אַ מוסטער פון אַ מ ת נ ג ד י ש שטעטל: אין די בתי־מדרשים און אין שול האָט מען געדאַוונט „נוסח אשכנז״ (חסידים דאַוונען „נוסח ספרד״). אין דער צייט פון דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע האָט אַהערצו פאַרבלאָנדזשעט אַן איין־און־איינציקע חסידישע משפחה.

אמת, אין שטעטל האָט אַמאָל געלעבט אַ סאָקאָלאָווער חסיד וועלוול אָרלאַנסקי און זיין פרוי מלכה פּוצערס, זיי זענען אָבער שפּעטער אַריבער קיין ביאַליסטאָק.

אברהם בן לייזער־יואל לעווין איז געווען אַ געבוירענער סוכאָוואָליער. זיין מוטער איז געווען אסתר־לאה די טאָכטער פון פייגע משה־דנ׳ס. זיין יוגנט האָט אברהם פאַרבראַכט אין ישיבות און אויף זיין וועג איז ער באַצויבערט געוואָרן פון חסידישן שיין און איז געוואָרן אַ סלאָנימער חסיד. זיין מוטער אַ מתנגדיסטע מיט לייב און לעבן, פלעגט תמיד האָבן

צו אים טענות: הלמאי ער פאַרלאָזט די הייליקע ספרים (תנ״ך און תלמוד) און ער גיט זיך איבער די ספרים׳לעך (חסידישע). ער איז אָבער געבליבן אייזנטריי דער חסידישער אידעע.

אין די הונגער־יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין ביאַליסטאָק האָבן גוטע פריינד (שפּרינצע און איתמר ניסעלקאָווסקי) אַראָפּגעבראַכט אים און זיין פאַמיליע קיין סוכאָוואָליע. ער איז געווען איינער פון די ל״ו צדיקים. אַלע צרות זיינע (מאַטעריעלע און מאָראַלישע) פלעגט ער אויפנעמען מיטן שפּריכוואָרט: „גם זו לטובה!“. קיינמאָל נישט פאַרלאָזן זיין גלויבן: „דער אויבערשטער וועט העלפן“. אין באַראַנאָוויטש, וואו זיין פאַמיליע האָט געוואוינט די לעצטע יאָרן, האָט מען געהאַלטן אברהמל סוכאָוואָליער פאַר „אַ ייד אַ צדיק“.

ירוחם

סאָל ראָזענבלום



סאָל ראָזענבלום

שלמה־אביגדור חאַטשע רייזעס איז געבוירן געוואָרן אין סוכאָוואָליע, געלערנט אין די ישיבות פון סלאָנים און זשאלודאק, געווען אַ גרויסער מתמיד און באַקומען סמיכות אויף רבנות. זיינע עלטער זיידעס זענען געווען גרויסע רבנים, אין סוכאָוואָליע.

אין אַמעריקע איז שלמה־אַביגדור ראָזענבלום אָנגעקומען אין עלטער פון 19 יאָר. די ערשטע יאָרן זענען, ווי געוויינלעך, געווען שווערע. געהאַט אַ קליין געשעפטל. איז אָבער דער גורל געווען גוט צו אים און ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט פון אַ קליינעם קרעמער ביז אַ וויכטיקן כוח אין דער פינאַנסיעלער וועלט.

אַלע יאָרן, סיי ווען ער האָט געקעמפט פאַר עקזיסטענץ, סיי ווען ער האָט געהאַט אַ גרויסן פינאַנסיעלן דערפאָלג, האָט ער געפונען צייט צו ווידמען פאַר הייליקע ספרים, עס האָט אים שטענדיק געצויגן צו דער העברעאישער קולטור. ער האָט זיך גערעכנט אַלס גרויסער קענער אין די שריפטן פון ר׳ יהודה הלוי, אבן־עזרא, און רמב״ם.

סאָל רוזנבלום האָט געהאַט אַ וואַרעם יידיש האַרץ און אַ ברייטע האַנט און אַ גרויסן טייל פון זיין פאַרמעגן האָט ער צוטיילט נאָך ביי זיין לעבן, פאַר נויטבאַדערפטיקע און פאַר אינסטיטוציעס, וועלכע זענען געווען נאָענט צו אים.

ער האָט אויך בייגעטראָגן הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן פאַר יידישער דערציונג און פאַר דער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל.

אין זיינע לעצטע יאָרן האָט זיך סאָל רוזנבלום דערנענטערט צו די ציוניסטישע קרייזן, און אין יאָר 1925, פאַר זיין טויט, איז ער געשטאַנען זייער נאָענט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

נאָך זיין טויט האָט זיין פרוי געגעבן אַ ½ מיליאָן דאָלאַר פאַרן העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. דער ראָזענבלום־אינסטיטוט אויפן „הר־הצופים“ איז אַ פּאַסנדיקער דענקמאָל פאַר איינעם פון די שענסטע זין וואָס סוכאָוואָליע האָט פאַרמאָגט.

ח. ש.

שלמה (סאַלאָמאָן) וויינשטיין



שלמה (סאַלאָמאָן) וויינשטיין

אַ זון פון יאָסל וויינשטיין פון גראַיעווע און אַ אייניקל פון חיה־רחל וויינשטיין פון סוכאָוואָליע. זיין פעטער — לייבל וויינשטיין — אַ העברעאישער לערער און אַ אויסגעצייכנטער בעל־מדקדק.

שלמה האָט חתונה געהאַט אין גראַיעווע מיט פייגע גראַן, אַ טאָכטער פון דעם משכיל און לערער, חנינאַ גראַן.

אין דער יוגנט האָט ער געלערנט אין חדרים און ישיבות און תמיד באַנוצט זיך מיט חז״ל פירושים.

יונג אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, האָט ער זיך מיט די אייגענע כחות אַרויפגעאַרבעט, זיך פאַרנומען מיט באַנק געשעפטן, באַקאַנט און געשעצט געוואָרן אין די פינאַנסיעלע קרייזן אין ניו־יאָרק. זייענדיק אַ הייסער חובב־ציון, האָט ער אין משך פון 50 יאָר אָפּגעגעבן צייט און ענערגיע פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל און אויסלייזונג פון די וויסטע באָדנס.


פיל ציוניסטישע און ווירטשאַפטלעכע אונטערנע־מונגען זענען פאַרבונדן מיט זיין נאָמען. יעדע אַקציע האָט ער אונטערשטיצט פינאַנסיעל, און מיט ראַט און אויך זיך באַטייליקט אין דער אָנפירונג.

אין די יאָרן 1926—27 איז ה׳ וויינשטיין געווען דירעקטאָר פון דער קאָלאָניזירונג־געזעלשאַפט „קהילת־ציון״. אין דער תקופה האָט די געזעלשאַפט אויסגעלייזט 120,000 דונאַם באָדן אין א״י און צוגעגרייט די פלעצער אויף וועלכע עס זענען שפּעטער אויפגעבויט געוואָרן: הרצליה, עפולה, שכונת שיינקין, כפר־אתא, מגדל, טבעון און מפרץ־חיפה. אַדאַנק דעם גרויסן פאַרנעם, וויזיע און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן פון שלמה וויינשטיין, מיט דער הילף פון ה׳ צ. פאַסמאַן און ריכטער ב. ראָזענבלאַט (שטאַמט אויך פון סוכאָוואָליע), האָט די „קהילת־ציון״ געזעלשאַפט אויפגעטאָן זייער פיל אין א״י, נישט קוקענדיק אויף אַלע שטערונגען פון דער מאַנדאַטאָרישער מאַכט. 2 מאָל האָט וויינשטיין באַזוכט מדינת ישראל, באַטייליקט זיך אין אַלע „קאָמפּיינס״.

ה׳ וויינשטיין און זיין שוועסטער, פרידע מילער די פאָרזיצענדערין פון סוכאָוואָליער קאָמיטעט אין ניו־יאָרק — זענען זייער טעטיק צווישן אונדזערע לאַנדס־לייט אין אַמעריקע. אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג איז ה׳ וויינשטיין געווען סעקרעטאַר פון סוכאָוואָ־ליער רעליף־קאָמיטעט און עד היום איז אים נאָענט דער נאָמען סוכאָוואָליע.

שלמה וויינשטיין איז איינער פון סוכאָוואָליער גרויסע זין.

ו־ן



ר׳ יוסף וויינשטיין

פראָפ׳ אסקאר יאנאווסקי

אין סוכאָזשאָליע האָט מען נאָך געדענקט משה דעם שמש פון מויער־בית־המדרש. תמיד האָט מען אים געזען מיט אַ גרויסן שטעקן; פאַר די ימים־נוראים האָט ער געוועקט מיט זיין טרויעריקן נגון: „שטייט אויף צו סליחות...״



פראָפ. אָסקאַר יאַנאָווסקי און זיין פרוי פערל

אין 1910 האָט משהס זון אהרן מיט זיין פרוי דינה־אסתר פאַרלאָזט דאָס שטעטל און עמיגרירט קיין אַמע־ריקע. זייער זון חאַצקל איז דאַן אַלט געווען 10 יאָר.

דאָס יינגל איז געווען זייער באַגאַבט און אַ גרויסער מתמיד. געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג די ניו־יאָר־קער שטאָטישע מיטל־שול און דעם אוניווערזיטעט. אין 1921 באַקומט ער זיין „ב.א.״־דיפלאָם, אין 1922 זיין „מ.א.״־דיפלאָם און אין 1933 — דאָקטאָר פילאָזאָפיע אין קאָלאָמביע־אוניווערזיטעט.

עס נעמט נישט לאַנג אין פראָפ. אָסקאַר יאַנאָווסקי ווערט באַקאַנט צווישן די אַמעריקאַנער יידן ווי אַ גרויסע פערזענלעכקייט אויפן געביט פון קולטור און דערציונג.

פון 1924 איז אָסקאַר יאַנאָווסקי געווען לערער פון געשיכטע און אינטערנאַציאָנאַלע באַציונגען אין ניו־יאָרקער שטאָטישן אוניווערזיטעט. ער איז אויך פראָ־פעסאָר פאַר געשיכטע און דירעקטאָר פון אַ פאָרשונג־אינסטיטוט, וועלכע ווערט אונטערשטיצט דורכן „ראָק־פעלער פאָנד״. פון 1950—57 איז פראָפ. יאַנאָווסקי געווען דירעקטאָר פון העכערע דערציונג־אינסטיטוציעס אָבער ער האָט זי דאָפּגעזאָגט דערפון, כדי זיך אָפּצוגעבן מיט לערע, פאָרשונג און שרייבן.

פון 1933 ביז איצט האָט פראָפ. יאַנאָווסקי אָנגע־שריבן 6 ביכער צוו. אַנד.: „די יידן און די מינדערהייט־רעכט״; „נאַציאָנאַליטעטן און נאַציאָנאַלע מינדערהיי־טן״; „דער אַמעריקאַנער ייד״.

אויסערדעם באַטייליקט ער זיך אין פאַרשידענע אַמעריקאַנער זשורנאַלן. ער פאָרט איבער גאַנץ אַמע־ריקע מיט פאָרטראַגן וועגן דער געשיכטע פון אייראָפּע, וועגן אינטערנאַציאָנאַלע באַציונגען און מינדערהייט־פּראָבלעמען.

פראָפ. יאַנאָווסקי איז אויך אַקטיוו אין אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין 1935 איז ער געווען דער ראַט־געבער פון דזיימס ג. מאַקדאָנאַלד, דער הויך־קאָמיסאַר אין „אונאָ״ פאַר פליטים. ער איז אַ מיטגליד אין „פּראָפעסאָרן בונד״; אין „דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער געזעל־שאַפט״ און אַנדערע.

פראָפ. יאַנאָווסקי איז אויך זייער אַקטיוו אין יידישן לעבן:

ער איז אַ מיטגליד אין דער אָנפירערשאַפט פון העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים און דירעקטאָר פון דער אַמעריקאַנער אַקאַדעמישער פאַרוואַלטונג פון סימפּאַטיקער פון דעם אוניווערזיטעט.

אין פאַרלויף פון 1946—47 האָט פראָפ. יאַנאָווסקי דורכגעפירט אַן אינספּעקציע איבער די יידישע געזונד־הייט־פאַרוואַלטונגען אין אַ 300 מוניציפּאַלע צענטערן אין אַמעריקע.

פראָפ. יאַנאָווסקי איז נאָענט צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו יידישער דערציונג און בילדונג אין אַמע־ריקע: ער איז פאַרזיצער פון קאָמיטעט צו דערלערנען יידישע בילדונג אין אַמעריקע; מיטגליד אין פּרעזידיום

פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פאַר יידישער דער־ציונג. אַסך יאָרן איז ער געווען פאָרזיצער פון בילדונג אין דעם באַראַטונג־קאָמיטעט פון הדסה; אַסך יאָרן אַ מיטגליד אין דער רעדאַקציע פון צוויי וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן: „די פליכטן פון מיטעלן מזרח" און „יידישע סאָציאַלע לערערס", אַ מיטגליד פון באַראַטונגס־קאָמיטעט פון נאַציאָנאַל־ראַט פון דער אָרגאַניזאַציע „עברית"; פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט; אין קאָמיטעט פאַר יידישער בילדונג אין ניו־יאָרק און אין „דזשוינט"־קאָמיטעטן.


פראָפ. יאַנאָווסקי האָט זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשידענע קאָמיטעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע. פאַר זיינע ביישטייערן האָט פראָפ. יאַנאָווסקי באַקומען פאַרשידענע אויסצייכענונגען.

***

פערל רובין, זיין פרוי, האָט געהאַט אַן אומעטיקע קינדהייט אין סוכאָוואָליע. די מוטער אַלטע איז געשטאָרבן אין 1915, דער פאָטער וועלוול (זאב) אין ערשטן וועלט־קריג. פערל איז געוואַקסן עלנט און פאַריתומ'ט.

אין 1917 איז זי אָנגעקומען קיין אַמעריקע. האָט אָנגעהויבן לערנען ענגליש ביי אָסקאַר יאַנאָווסקי. פערלען איז באַשערט געווען צו ווערן די לעבנס־באַגלייטערין פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן מענטש. זי איז די פרוי פון פראָפ. אָסקאַר יאַנאָווסקי. זיי האָבן 3 קינדער: שלויה, נעמן און תמר.

חאַצקל אָסטראָוו



חאַצקל אָסטראָוו
(געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין עלטער פון 75 יאָר)

חאַצקל האָט פאַרלאָזן זיין טאַטע־מאַמע, אַבאַ און ריווצע, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור. די גרעסטע טייל פון זיין לעבן, האָט חאַצקל פאַרבראַכט אין אַמעריקע, אָבער סוכאָוואָליע האָט ער תמיד געדענקט.

חאַצקל איז געווען אַ פּאָפּולערע פיגור צווישן די סוכאָוואָליער לאַנדסלייט אין אַמעריקע. צו אים האָט מען זיך געווענדעט פון שטעטל מיט בקשות נאָך הילף סיי פאַרן כלל, סיי פאַרן פרט. און קוים האַנדלט זיך וועגן אַ טובה, פלעגט חאַצקל נישט זשאַלעווען קיין צייט און קיין מי. פּאַסירט דאָך, אַז אַ „סוכאָוואָליער" אין אַמעריקע זאָל אַמאָל פאַרגעסן אין זיינע קרובים אין שטעטל, ווענדעט מען זיך צו חאַצקלען. ער געפינט שוין דעם וועג צו אַזעלכע קרובים. חצקלען קען קיינער נישט אָפּזאָגן.

חאַצקל אָסטראָוו איז געווען דער פאָרזיצער פון ניו־יאָרקער רעליף קאָמיטעט פאַר סוכאָוואָליע.

באַזונדערס פיל האָט חאַצקל געטאָן פאַר דער שולע אין שטעטל.

געבענטשט זאָל זיין, זיין אָנדענק!

ח. ש.

געשטאלטן

שמחה לאזאר

די באזונדערע טיפן פון שטעטל סוכאוואליע זענען אן אפשפיגלונג פון אונדזער פארגאנגנהייט. אין דער גרויסער פארניכטונג איז אויך אומגעקומען די גאנצע באפעלקערונג פון אונדזער שטעטל. זאל דינען די שילדערונג פאר אונדזערע קינדער און ווייטערדיקע דורות.

זאלן דערמאנט ווערן די ציוניסטישע טוער, וועלכע האבן אריינגעבראכט דעם ציון־געדאנק אין שטעטל און איינגעפלאנצט די קערנדלעך פון א״י־אידעאלן. א טייל פון זיי האבן זיך אפגעריסן פון דעם געבורטס־שטעטל, פון פריינד, משפחה און אוועק מיט יארן צוריק קיין ארץ־ישראל.

לאמיר די דאזיקע טוער אפגעבן כבוד פאר זייער גרויסן אידעאליזם, פאטריאטיזם און פאר זייער ווייטן בליק איבער דער צוקונפט פון אונדזער פאלק.

1. איתמר ניסעלקאווסקי

געוווינט אין קארפאוויטשער גאס, געהאט א מאנופאקטור־געשעפט צוזאמען מיט זיין איידעם מענדל, אין אן אייגן הויז. אין פראנט איז געווען א גרויס הילצערן ארומגעצוימט בריקל מיט צוויי בענק ביי די זייטן, דארט פלעגט מען אפט זען זיצן ר׳ איתמרן מיט א צייטונג אין האנט, פארטיפט אין די ארטיקלען, פארטראכט אין ווייטע וועלטן.

געדאווינט האט ער אין נייעם בית־המדרש אויפן מזרח, און איז ביי יעדער געלעגנהייט ארויסגעטרעטן אין בית־המדרש מיט דרשות, יידן זאלן געבן געלט, זיך ארגאניזירן אין פארטייען, שאפן פאנדן און פארן קיין ישראל, אויפבויען דאס חרובע, פארוויסטע, פאר אונדז באשטימטע לאנד. ר׳ איתמר איז געווע א ייד א למדן, מיט בטחון, מיט אמביציע. ער האט פארנומען אן אנגעזען ארט אין דער פירערשאפט פון „מזרחי״, געווען אויך פון די ערשטע צום פארלאזן סוכאוואליע און פארן קיין ישראל מיט זיין גאנצער משפחה. זיין איידעם, מענדל בורע איז אויך געווען א גרויסער אידעאליסט.

2. משה פוטיאל

ער האט פארמאגט א פאטריארכאל אויסזען, מיט א ברייטן שטערן און שטארקע שטימע, א למדן און גוטער רעדנער. געוווינט אין מארק־פלאץ, זיין פרוי — שיינע־שרה, די טעכטער — באשע און חייטשע מיטן איידעם ברוך ראזענבערג און קינדער. ר׳ משה האט שטענדיק איינגעלייגט וועלטן אויף דער בימה אין אלטן בית־המדרש (אליין געדאוונט אין נייעם בית־המדרש). ער איז געשטאנען בראש פון דער „מזרחי״־באוועגונג און געפרעדיקט ביי יעדער געלעגנהייט פאר דעם געדאנק פון שיבת־ציון. אן אקטיווער טוער אין דער ציוניסטישער באוועגונג און אין אלגעמיין שטאטישע פראגן. ער איז געווען יידישער פארשטייער אין שטאט־ראט, געקעמפט פאר יידישע רעכט, און איינער פון די ארגאניזאטארן און בויער פון „בית־ספר מזרחי״ (דער נייער בנין איז אויפגעבויט געווארן אויפן הויף פון אלטן בית־מדרש אין מארק פלאץ). פוטיאל האט געהאט א פארגעשריטענעם קוק אויפן לעבן. קיינמאל נישט געווען פאנאטיש, האט ליב געהאט צו דערציילן און אויסהערן וויצן, און געפונען צייט צו שפילן א שאך. ווען ס׳האט זיך ווער גענויטיקט אין הילף האט ער געשאפן געלט און אנדערע הילפסמיטלען. א ייד מיט א ברייטן פארנעם, געשטרעבט צו פארן קיין ארץ־ישראל ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן.

זיין אייניקל ראובן ראזענבערג איז געפאלן אין קאמף ביי די טויערן פון ביאליסטאקער געטא מיט געווער אין האנט, געווען איינער פון די איבערגעגעבנסטע מיטארבייטער פון דער יידישער אונטערערדישער באוועגונג און ארויסגעבער פון דער אומלעגאלער צייטשריפט, מיטגליד פון „השומר הצעיר״.

3. זלמן יפה

גערופן האָט מען אים דער שטאָט־חכם. געוווינט אין מאַרק־פּלאַץ, געהאַט אַן אייגן הויז, געהאַנדלט מיט לעדער. יאָרן־לאַנג געווען אַ יידישער ראַטמאַן אין שטאָט (מאַגיסטראַט), אַ ציוניסטישער טוער, געהאַלטן רעדעס אין בית־המדרש וועגן ארץ־ישראל, אָנווייזענדיק די נויטווענדיקייט פון אומקערן זיך קיין ארץ־ישראל, אויפבויען דאָס פּאַרוויסטע לאַנד, נישט בויען קיין פרעמדע וועלטן מער, נאָר אייגענע. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, ליקווידירט אַלע זיינע געשעפטן אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, און דאָ געשטאָרבן.

4. לייזער טיקאָצקי (מאָטקעס)

אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַ הויכער יונגער־מאַן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויפן געזיכט. געוווינט אין יאַנאָווער גאַס, געהאַט אַ וויין־געשעפט. איז געווען באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור. לייזער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ביבליאָטעק. אַ הייסער ציוניסט, גענומען אַנטייל אין פאַרזאַמלונגען און רעפעראַטן פאַרן נאַציאָנאַלן פאָנד.

ער האָט געהאַט אַ װוּנדערבאַרער־שיינע שטימע, אָפּטמאָל געדאַוונט פאַרן עמוד און געזונגען אין בית־המדרש אויף דער בימה ביי ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען און פייערונגען „דאָס יידישע ליד":

„דער ייד מעג זיין אָרעם,
דאַך איז ער זייער רייך,
ווייל גייסטיקע אוצרות האָט דער ייד זייער אַ סך,
דער ייד איז געדולדיק, זיין בטחון איז גרויס,
פון אַ ברענענדיקן אויוון גייט ער לעבעדיק אַרויס".

ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין די רייען פון אַלגעמיינע ציוניסטן, האָט באַוויזן אָפּשיקן אַ טייל פון זיינע קינדער קיין ארץ־ישראל: מרדכי מילעק און זיין טאָכטער חנה.

ל ע ר ע ר

1. מאיר בורי (נאָסקעס)

אַ שלאַנקער דאַרער יונגערמאַן, געגעבן לעקציעס אין פּריוואַטע היימען און שפּעטער אין דער העברעאישער שול, געווען אַ הייסער ציוניסט, פאַרשפּרייט די העברעאישע שפּראַך צווישן דער יוגנט און אַנטייל גענומען אין שאַפן די ערשטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האַלטנדיק פאַר זיי רעפעראַטן אויף אַקטועלע טעמעס. געשאַפן די „השחר" — און דערנאָך די „התחיה"־גרופּן. אַוועק קיין ארץ־ישראל מיט פיל יאָרן צוריק.

2. איסר סמאָליאַר

געוווינט אין יאַנאָווער גאַס ביי יעקב־לייב טאָלעס אין הויז, געלערנט מיט קינדער פּריוואַט און שפּעטער געווען לערער פון העברעאיש אין דער סוכאָוואָליער שול. סמאָלאַר האָט פיל מיטגעהאָלפן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבייט אין ועד־הקהל, פאַר דער ביבליאָטעק און פאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. געפינט זיך איצט אין ניו־יאָרק.

3. יעקב צאַבאַן (פּאָלאָמינער)

געוווינט אין יאַנאָווער גאַס אין הויז פון מאַשע דער בלינדער. געווען אַ ייד אַ למדן און אַ באַשיידענער מענטש. געלערנט יאָרן מיט קינדער ביי זיך אין הויז ווי אין אַ חדר. געווען אַ וועלטעלעכער מענטש, אַ סך געלייענט און גוט געקענט די העברעאישע ליטעראַטור, שפּעטער געוואָרן לערער פון תלמוד אין דער העברעאישער שול. גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער „מזרחי" טעטיקייט.

4. משה וואָנכאָצקער

געקומען קיין סוכאָוואָליע אַלס העברעאישער לערער. געוווינט אין הויז פון חנה סטוצינסקי אין יאַנאָווער גאַס, מיטן גאַנצן האַרצן און נשמה געווען אַ חלוץ. מיט זיין קומען צו אונדז האָט ער אָנגעצונדן ממש אַ פלאַם אין דער יוגנט פאַרן חלוציזם. זיינע פייערדיקע רעדעס אויף „קעסטל־אָוונטן", וועלכע זענען געוואָרן איינגעאָרדנט אין לאָקאַל פון „החלוץ", אין הויז פון יואל פּאָלאַק אין מאַרק פּלאַץ, פלעגן מאַכן אַ גרויסן רושם

אין שטעטל; נאָך יעדן רעפעראַט זענען וואָכנלאַנג געווען דיסקוסיעס איבער ארץ־ישראל־טעמעס. עס האָט געטראָפן, אַז די דיסקוסיעס האָבן זיך געענדיקט מיט גרויסע אַוואַנטורעס, צוליב די מיינונגס־פאַרשידנהייטן פון די באַזוכער. מיט זיין רעדנער־קראַפט האָט ער באַוויזן צו געווינען אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט, וועלכע איז נאָך דער הכשרה אַוועק קיין ארץ־ישראל. שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן אַנדערע ציוניסטישע פאַרטייען, ווי: בית״ר און „השומר הצעיר״. משה וואָנכאָצקער האָט פאַרלאָזן סוכאָוואָליע און אַוועק קיין ארץ־ישראל.

5. חיים שניידעראָווסקי

געוווינט אין תיפלה־גאַס, געשטאַמט פון אָרעמע עלטערן, שניידער; געקעמפט זיין גאַנץ לעבן צו זיין אַ לערער און דערגרייכט דעם ציל. ער האָט אָנגעפאַנגען לערנען העברעאיש מיט קינדער אין זיין היים. שפּעטער געוואָרן לערער אין דער העברעאישער שול. קליין־געוויקסיק, שטיל און באַשיידן.

למדנים

1. קאָפּל מגיד

אַ הויכער ייד מיט אַ ברייט קנאָכיק געזיכט, גרויסע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט אַ ביסל אין קעגנזייטיקע ריכטונגען, אַ תלמיד־חכם, געקענט גמרא אויף אויסנווייניק. ליב געהאַט זיך מפּלפּל צו זיין און פירן דיסקוסיעס וועגן תלמוד.. ווען עמיצער האָט אים עטוואָס געזאָגט און עס האָט נישט געשטימט מיט זיין אויפפאַסונג, איז ער גלייך געלאָפן צו דער ספרים־שאַנק, אַ כאַפּ געטאָן אַ ספר, און באַוויזן אַז ס׳איז ווי ער זאָגט. עס איז נישט געווען צו באַגרייפן דעם פענאָמענאַלן זכרון פון אָט דעם גרויסן למדן. קאָפּל האָט אויך ליב געהאַט צו דעבאַטירן וועגן פּאָליטיק. געווען אַ סאָציאַליסט לויט זיינע אַנשויאונגען, געפירט אַ רואיק באַשיידן לעבן, קיינמאָל עפנטלעך נישט אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס. אויך זיינע קינדער זענען געווען וועלטלעך געבילדעט און סאָציאַליסטיש געשטימט. זיין זון דניאל האָט קומענדיק פון רוסישן מיליטער זיך געלערנט שוסטעריי, דער צווייטער זון, שמחה, וועלכער געפינט זיך אין רוסלאַנד איז אַ גרויסער געלערנטער.

2. זלמן גאַלאַנטי

אַ קליינער דאַרער ייד, געוווינט אין הויז פון שלומקע ראַבינאָוויטש, געצויגן זיין פּרנסה פון אַ קליין גאַלאַנטעריע־קרעמל, שרייב־מאַטעריאַלן, געווען אַ גרויסער למדן און אַ מערקווירדיקער ייד, מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן דעם ארץ־ישראל־אידעאַל. אין זיין קרעמל האָט פאַרנומען אַ גאָר וויכטיק אָרט דאָס פאַרקויפן פאַרשידענע „ווידען״ (פּאָטשטאָווקעס), פאָטאָגראַפיעס פון תל־אביב, וועלכע איז נאָך געווען אין אָנפאַנג פון איר אַנטוויקלונג. פאַרביקע בילדער, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט רחוב־הרצל, רחוב־אַלנבי, קבר־רחל, כתל־מערבי, ירושלים, יפו, הר־הכרמל, בילדער פון העברעאישע שרייבער און כלל־טוער, ווי סאָקאָלאָוו, אוסישקין, ביאַליק, לילנבלום און אַנדערע יידישע פערזענלעכקייטן.

די בילדער האָבן פיל מיטגעהאָלפן פאַר ארץ־ישראל, די שיינע גאַסן און מענטשן, די שרייבער פון העברעאישן וואָרט, אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו ארץ־ישראל האָט דערנענטערט דעם יונגען דור צו דער ווירקלעכקייט פון שיבת־ציון. ר׳ זלמן הכהן גאַלאַנטי האָט עס געטאָן מיט גרויסע געניטקייט און ליבע. ער האָט די בילדער פאַרקויפט ביי יעדער געלעגנהייט, ווי שמחות, משלוח־מנות, ראש־השנה ווונטשן. זיין קליין קרעמל האָט ר׳ זלמן געפירט צוזאַמען מיט זיין טאָכטער באַשקען, באַקאַנט אין סוכאָוואָליער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

3. אברהם משה חאַרלאַפּ

אַ געלער, אַ למדן, געוווינט אין מאַרק־פּלאַץ געהאַט אַ מאַנופאַקטור געשעפט, געלייענט אויך ביכער, אַ שטילער און אַ שיינער בעל־תפילה, געדאַוונט אין נייעם בית־המדרש. ער האָט געהאַט ליב צו לאַכן ביי יעדער געלעגנהייט, עס איז געווען גענוג, אַז עמיצער זאָל צו כל־נדרי ספּעציעל אַ לאַך טון, אַז ער זאָל זיך צעלאַכן אין מיטן דאַוונען.

4. הלל דער טויבער (ליבלינג)

אַ הויכער און ברייט־בייניקער, געווינט אין מאַרק־פּלאַץ געהאַט אַן אייזן־געשעפט, וועלכן דער זון האָט געפירט. אַליין געזעסן יומם־ולילה אין באַרג־בית־המדרש. ווען נאָר אַ ייד האָט געעפנט די שווערע בית־



אַלתר איצעס קינדער פון רעכטס צו לינקס: סענדער, שמחה׳ל און אסתר לאַזאַר

המדרש־טיר האָט ער געהערט דעם גמראָ־ניגון פון ר׳ הללן. ער האָט זיך נישט פאַרנומען מיט קיין שום כלל־ענינים אין שטאָט. יעדן פרייטיק פאַרנאַכט איז ער אַריינגעקומען צו זיין שכן מיט אַ גרויסער געפלאָכטע־נער חלה, וועלכע די שנור האָט אויסגעבאַקן, און געבן עס אויפצוהויבן מיטביידע הענט לשם „עירוב" און דאַן גיין אין שול אַריין.

5. אַלטער איטשעס (לאזער)

טאָג איין טאָג אויס געזעסן אין מויער בית־המדרש מיט זיין חבר חאַצקל קרוצל און געלערנט שטיל און רואיק, נישט אַנטייל גענומען אין קיין שטאָטישע ענינים, געהערט צו „מזרחי", מיטן גאַנצן האַרץ איבער־געגעבן דער ארץ־ישראל אידעע, האָט זייער אָפּט ליב געהאַט צו רעדן וועגן פּאָליטיק. אין די יונגע יאָרן געווען אַ לערער און שפּעטער אַ פאַרבער.

6. בלאכער, דער פעדערניק

געווינט אין יאַנאָווער גאַס, געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט שטיל, נישט אָנגערירט קיין פליג אויף דער וואַנט. נישט אַנטייל גענומען אין קיין שום אָרגאַ־ניזאַציעס. געדולדיק האָט דער פעדערניק געוואַרט, אַז משיח זאָל ברענגען די גאולה. געצויגן זיין פרנסה פון פאַרקויפן געפליקטע פעדערן. דעם פעדערניק׳ס זון ר׳ חיים, האָט געשמ׳ט אַלס גרויסער למדן און איז געווען באַקאַנט אין די ישיבות אַלס דער סוכאָוואָליער „עלוי".

חזנים

1. חאַצקל קרוצעל (העני רחלס)

שטענדיק מיט אַ פריילעך געמיט, מיט אַ ווייס בערדעלע, פאַרקעמט, געווינט אין מאַרק־פּלאַץ אין גרויסן ווייסן הויז (העני־רחלס מויער). ער איז געווען פרום און ערלעך, האָט געהאַט אַ סאָדע־וואַסער פאַבריקל, און אַ גלאָז געשעפט, וואָס זיין פרוי האָט געפירט צוזאַמען מיט זייער טאָכטער יהודית. גלייכצייטיק איז ער געווען אַ שיינער בעל־תפילה, געדאַוונט אין מויער בית־המדרש, און ביז צום סוף פון זיין לעבן האָט ער פאַרמאָגט אַ ווונדערבאַרע שטימע, וועלכע האָט געקלונגען שטאַרק און יונג. זיין גאַנצע פאַמיליע האָט פיל געטאָן לטובת הכלל, און געהאָלפן יעדן, וואָס האָט זיך נאָר געוויטיקט.

2. מרדכי יוסף קרוצעל

געווינט אין אַ טייל פון העני־רחל׳ס מויער. געהאַט אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט, אַ למדן מיט אַ פון גאָט געבענטשטע שטימע, אַ גוטער בעל־תפילה. געדאַוונט און געלערנט אין מויער בית־המדרש. ער איז געווען אַן אמתער שליח־צבור און דערביי אַ שטילער באַשיידענער מענטש.

3. ר׳ נתן בורי

ער האָט געווינט אין „אַראָפּ", נישט ווייט פונעם טייכל. ער איז געווען אַ שוחט און אַ גרויסער למדן. אויף זיין פנים מיט דעם קליינעם שפּיציקן בערדל איז געווען אויסגעגאָסן אַן איידעלע חשיבות פון אַ תלמיד־חכם.

ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך גוטער בעל־תפילה און געדאַווענט אין נייעם בית־המדרש. מיט זיין האַרציקן דאַווענען האָט ער גערירט מענטשן ביז טרערן. שמחת־תורה האָט ער מיט זיין זינגען די הקפות אַריינגעברענגט אַ סך לעבן, מוט און פרייד.

4. ניסל באַרעלקאָווסקי (יאַשעס)

ער איז געווען אַ פרומער און גלייכצייטיק געהאַלטן זיך מאָדערן און פאַרמאָגט אַ פאַטריאַרכאַלן אויסזען. זייענדיק אַ בעל־תפילה פון אַ גרויסן פאַרנעם האָט ער געדאַווענט אין מויער בית־המדרש און איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן אין גרויסע שטעט צו דאַווענען אין די ימים־נוראים. ער איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן קיין בערלין. וועגן זיין „ונתנה תוקף" האָט מען געזאָגט, אַז די ווענט אין שול ציטערן...

5. ראובן דער מלמד

אַ גרייז־גרויער, מיט אַ ברייט־צעקעמטער באָרד. געדאַווענט אין נייעם בית־המדרש, אין די ימים נוראים איז ער געפאָרן דאַווענען אין גרויסע שטעט, ווי אַוגוס־טאָוו, סוואַלק און ביאַליסטאָק. נישט אַנטייל גענומען אין קיין שום געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, באַמיט זיך צו בלייבן אין די ד' אַמות פון בית־המדרש.

6. חייקל טרעשטשאַנסקי (דער פאַרבער)

אַ סוחר, געהאַט אַ מאַנופאַקטור געשעפט, אויך אַ פאַרבעריי. געוווינט אין „אַראָפּ" נישט ווייט פון דער גרויסער שול, אַ סך אָפּגעגעבן זיך מיט געזאַנג און געווען אַ שיינער בעל־תפילה. שבת און יום־טוב האָט ער געדאַווענט אין נייעם בית־המדרש מוסף. אַ באַשיידענער, ערלעכער מענטש.

7. איטשע עבערשטיין (איטשע מאַטלעס דער סטאָלער)

אַ טיפּ פון אַן אַמאָליקן איינפאַכן יידישן אַרבעטער. געלעבט פון דער „פּראַצע" פון זיינע הענט, ערלעך אָפּגעאַרבעט זיין שווערע וואָך אַרבייט, געקומען אויף שבת אַהיים גוטמוטיק און פריילעך, געהאַט אַ שיינע שטימע, געדאַווענט פאַרן עמוד אין נייעם בית־המדרש.

בכבודיקע באַלעבאַטים

1. דניאל שקליאַר (יוחנס)

אַ פעטס־געבויטער, מיט אַ גרויסער זילבער־ווייסער באָרד, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַ פאַטריאַרכאַלן אויסזען. ער האָט געהאַט אַ ביר־ברויעריי און געוווינט אויף קאַרפּאָוויטשער גאַס. זיין הויז איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּלויט, ווי אַ פעסטונג. איין זייט הויז איז אַרויסגעגאַנגען אויף קאַרפּאָוויטשער גאַס, די צווייטע — אויפן שוסטער־דערפל. דאָס איז געווען אַ שיין גרין־געפאַרבט הויז, אַרומגעשטעלט מיט בלומען און בוימער, אין דעם גרויסן הויף האָבן זיך געפונען פאַרשידענע געביידעס, גערטנער, און פרוכט־סעדער מיט אייגענע ברונעמס.

דאָס גאַנצע פיל־צימערדיקע הויז איז געווען באַוווינט בלויז פון זיין משפחה, ביי וועלכער דניאל האָט גענאָסן פון גרויסן רעספּעקט, פּונקט ווי פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין שטעטל. **ווען ער איז זומער** געשעפטלעך אַרויסגעפאָרן אין אייגענעם געשפאַן מיטן ווייסן מאַנטל און גראָבן דייטשישן ציגאַר אין מויל, האָבן אַלע זיך אָפּגערוקט און געמאַכט פּאַר אים אַ וועג. אַפילו פויערים זענען אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט מיט די אויסרופן:

— דאַניעל יעדזיע! (דניאל פאָרט!).

ר' דניאל האָט געגעבן פיל צדקה, און דערצויגן זיינע קינדער אין וועלטלעכן מאָדערנעם גייסט.

2. יאַנקל שיינעס (יעקב סוכאָוואָלסקי)

געוווינט אויפן „אַראָפּ" נעבן נייעם בית־המדרש, אין אַ הילצערן הויז מיט אַ גרויסן שטיינערן בריקל, מיט אַרויפגאַנג, צו וועלכע מען האָט געדאַרפט גיין אויף ברייטע שטיינערנע טרעפּ. אַן אַלטמאָדישער פרומער ייד. אַלע יאָרן געווען גבאי אין נייעם בית־המדרש און **גבאי פון חברה־קדישא**. ער האָט געקענט יעדעס קבר אויפן גוטן אָרט, און געפירט דעם שטאָט־פּנקס, אין וועלכן קיין פריוואַטע פּערזאָן האָט נישט געטאָרט אַריינקוקן, אַ חוץ מיטגלידער פון חברה־קדישא.

3. שלמה ראַבינאָוויטש (איסערס)

ער איז געווען אַמאָל אַ וואַלד־סוחר, געוווינט אויפן מאַרק־פּלאַץ. נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער פאַרשלעפּט געוואָרן אַלס זאַקלאַדניק. זיך צוריקגעקערט גלייך נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. געווען אַ מיטגליד אין שטאָט־ראַט, געהערט צו „מזרחי" און געהאָלפן בויען די „מזרחי"־שול. זיין זון יאַנקל איז געווען אַ באַגאַבטער לערער.

4. גדליהו שוואַרץ (גדליה חיים יאַנקלס)

אַ מאָדערנער ייד, געבילדעט, אַ גרויסער סוחר פון מעל און פלאַקס. געוווינט אין יאַנאָווער גאַס, געהערט צו די אַלגעמיינע ציוניסטן. זיין זון חיים (איימע) שוואַרץ איז געווען לערער אין סוכאָוואָליע און שפּעטער געענדיקט צוויי פאַקולטעטן: דר.־פילאָזאָף און אַגראָנאָם, געווען פירער פון „בית"ר". איימע איז געווען אַן אייביקער סטודענט, ער פאַרט ווידער אַוועק שטודירן און באַקומט דעם טיטל: דר.־מעדעצין.

חוץ די אַלע, וואָס זענען דאָ דערמאָנט, זענען געווען פיל אַנדערע מיט גרויסע פאַרדינסטן פאַר כּלל־זאַכן, ווי: אַלטער מאַלי, וועלוול סטוצינסקי, טוביה סטוצינסקי, מאיר סמאָלאַר, שמעון קאַלעקאָ, שלום טיקאָצקי.

ו. מלמדים אין סוכאָוואָליע

יעקב צאַבאַן, ראובן מלמד, חאַצקל קאַלעקאָ, משה בינשטין, אַלע שטילע באַשיידענע יידן, לאַנגע יאָרן געלערנט מיט קינדער ביי זיך אין די הייזער, אין חדרים, זיך מקריב געווען צודערציען די קינדער אין יידישן גייסט, אַליין זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ, און אָפטמאָל געליטן הונגער, געווען אָרעם אָבער ערלעך. אַדאַנק זיי האָבן אונדזערע קינדער געקראָגן אַ נאַציאָנאַלע דערציונג. עס זענען געווען באַקאַנט אויך שמחה לייזער דער מלמד און „קאַקאַרעלטשיק" וועלכער פלעגט גיין איבער די הייזער און געווען אַ דרדקי־מלמד.

געזעלשאַפטלעכע טוער

1. משהל גאָפּערשטיין

געוווינט אין יאַנאָווער גאַס, געהאַט אַ גאַלאַנטערי־ און בשמים־געשעפט. ער האָט מיט לייב און לעבן זיך אָפּגעגעבן דער געזעלשאַפטלעכער אַרבייט, ספּעציעל מיט דער ביבליאָטעק. געווען לאַנגע יאָרן אַ סופלאָר ביי פאָרשטעלונגען פון סוכאָוואָליער אַמאַטאָרן־קרייז. ער האָט אויך אַליין געשפּילט אין פיל פאָרשטעלונגען. משהל איז אויך געווען אַ מיטגליד פון ‚לינת־הצדק'.

אַ גוטמוטיקער יונגערמאַן מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויפן געזיכט, האָט ליב געהאַט דערציילן און אויסהערן וויצן, באַגלייטענדיק זיי מיט אַ ברייטהאַרציקן געלעכטער.

2. יוסף און שמואל צאַבאַן

זין פון יעקב צאַבאַן, ביידע געזעלשאַפטלעכע טוער און גוטע אַרטיסטן־אַמאַטאָרן. יוסף איז געווען פון די ערשטע חלוצים, פאַרלאָזן פוילן און אַוועק קיין ישראל.

3. סענדער לאַזאַר

געווען דער גרינדער פון דער ערשטער אַרבעטער־באַנק אין סוכאָוואָליע, פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער געזעלשאַפטלעכער ביבליאָטעק, מיטגליד פון „בית"ר" און פון אַמאַטאָרן־קרייז אין סוכאָוואָליע.

עס זענען דאָ דערמאָנט נאָר עטלעכע געזעלשאַפטלעכע טוער. אָבער אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט איז געווען אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטעטל, און עס איז אוממעגלעך אַלעמען צו דערמאָנען. כאָטש זיי שטייען פאַר די אויגן די אַלע, וועלכע האָבן זיך ממש מקריב געווען פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אויף אַלע געביטן אין סוכאָוואָליע.

ג ד ל י ה   ב א ג נ ע ר

אַ באַקאַנטע פיגור אין שטעטל איז געווען ר׳ גדליהו — דער קברן — (באַגנער).

אַ לוסטיקער, גוטמוטיקער, קרעפטיקער ייד. לויט זיינע „אייגענשאַפטן״ צוגעפּאַסט צו זיינע באַרופן.

כאָטש גדליהו איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען: „דער קברן״ — אַ אויפגאַבע פאַרבונדן מיט טרויער, האָט מען דאָך אויף אים געקענט זאָגן: „אויף שמחות זאָל מען אים נוצן״. גדליהו איז דאָך געווען אויך דער „שול־רופער״. אַז מען פלעגט דערהערן אין שטעטל פרייטיג פאַרנאַכט גדליהו׳ס קלינגענדע, געשמאַקע שטימע „אין שול אַריין״ האָט אַרומגענומען אַ שבת־יומטובדיק געפיל. עס האָט געהייסן אַ סוף צו אַ וואָך מיט זאָרגן, דער שבת־קודש איז געקומען.

פלעגט פאָרקומען אַ סעודה אין שטעטל, פון חברה ש״ס, פון חברה־קדישאָ, איז גדליהו געווען די רעכטע האַנט, ער ברענגט צונויף דעם „כיבוד״, ער טיילט די קינדער צוקערקעס מיט קיכעלעך, ער טראָגט די פעקלעך צו די חברה־קדישאָ׳טעס, אָן גדליהון טוט מען זיך נישט קיין ריר.

גדליהו איז אויך געווען דער שמש פון שול, און דער אויפזעער פון באָד, דער „בעדער״.

און אַלע פליכטן, סיי פאַר די טויטע, סיי פאַר די לעבעדיקע, פלעגט גדליהו דערפילן מיט אַחריות.

יענקל דער „דזיעשאטניק״

יאַנקל דער „דזיעשאַטניק״ איז נאָך געווען אַ „דזיעשאַטניק״ פאַר די רוסן, פאָרגעזעצט זיין אַמט ביי די דייטשן און שפּעטער ביי די פּאָלאַקן.

רעזשימען בייטן זיך, גזרות זענען אָבער תמיד דאָ. יעדער שררה דאַרף האָבן אַ מענטשן, וואָס זאָל מודיע זיין דער באַפעלקערונג, אַז אַ געזעץ איז נישט קיין שפּאַס, מען מוז אים היטן, און יאַנקל איז דער „מושל״ (הערשער) פון שטעטל אין אַלע צייטן.

יאַנקל פילט אויס בכבוד זיין אַמט, אָבער אַ האַרץ האָט ער אַ יידיש. „אַחינו בני ישראל״ זענען אים דאָך נעענטער, און נישט איינמאָל זאָגט ער אָן ווו עס דאַרף פאָרקומען אַ „אַביסקע״ (אַ אויפזוך), אָדער וועגן אַ נייער גזירה.

זיין גורל איז געווען ווי אונזערע אַלע שטעטלדיקע יידן, וואָס זענען אומגעקומען. ער האָט זוכה געווען, אַז איינע פון זיינע אייניקלעך, דאָפקע מאיר׳ס (דבורה קאַרטובסקי) זאָל זיין פון די איינציקע געראַטעוועטע פון סוכאָוואָליע.

חנה פריבולסקי

די מאמע העני־רחל

זי שטייט פאַר מיינע אויגן אַ ערנסטע, אַ הויכע, מיט אַ שטאָלץ־אויפגעהויבענעם קאָפּ, אַ שיין־פאַר־קעמט שייטל, אָדער אַ טיכל, וואָס פאַרדעקט אירע גרויע האָר, קלוגע, שטענדיק טרויעריקע אויגן. די עלטערע קינדער אין שטוב האָבן דערציילט, אַז דאָס טרויערט זי אַזוי זינט אונדזער שוואָגער יצחק איז פריצייטיק פון דער וועלט אַוועק און איבערגעלאָזט איר טאָכטער אַ אַלמנה מיט פיר קליינע יתומימלעך. זי האָט



הענע־רחל קרוצעל

מער קיינמאָל נישט געוואָלט אָנטון קיין נײַ מלבוש, קיינמאָל נישט געווען פריילעך, נישט געלאַכט.

שטענדיק פלעגט זי גיין אין אַן איינפאַך ציצטיק שטוב־קליידל, מיט דריי פאַרטוכער, איינס אויפן אַנדערן. דאָס ערשטע — צו דער קיך, ביים שיילן קאַרטאָפל און וואַשן כלים. נאָכן ענדיקן די דאָזיקע אַרבעט, האָט זי דאָס פאַרטוך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך און געבליבן אין צווייטן — צו דער איבריקער שטוב־אַרבעט. צום אַרויסגיין אין גאַס איז זי געבליבן אין דעם ערשטן פאַרטוך. זי איז געווען אַ שטרענגע, מיט גרייטע שטראָפן פאַר יעדער קינדערשער זינד, איז פול געווען מיט ליבשאַפט און רחמנות, ווען דעם קינד האָט עפּעס וויי געטון.

עס פלעגט פאַסירן, אַז מיין שוועסטער האָט מיך באַגעגנט פאַרן הויז מיט די ווערטער: „גיי שוין בעסער נישט אַריין אין שטוב, וועסט שוין קריגן פון דער מאַמען”. פול מיט מורא בין איך געבליבן אינדרויסן ביז עס איז געוואָרן פינצטער און כ׳האָב שטילערהייט אַריינגעכאַפּט זיך גלייך אין בעט אַריין, אומגעגעסן, מיט אַ פאַרבונדן פּנים „צוליב ציין־ווייטיק”. אַנשטאַט די צוגעזאָגטע קלעפּ האָב איך באַקומען פון דער מאַמען אַ גלאָז הייסע מילך, דורכגעקאָכט מיט פּוטער און האָניק — אַ סגולה קעגן צאָן־ווייטיק.

מיין שוועסטער יהודיתס קינדער, וועלכע זענען יונגערהייט געבליבן יתומים, האָבן זיך געהאָדעוועט אין אונדזער הויז צוזאַמען מיט מיר, צוגעבונדענע, ווי

ברידער און שוועסטער צוזאַמען געשפּילט זיך, געקושט און געקריגט זיך. למען השלום פלעגט מיין מאַמע מיך באַשטראָפן. „סענדער איז דאָך אויך שולדיק — האָב איך פּראָטעסטירט — פאַרוואָס באַשטראָפסטו נישט סענדערן?” דער ענטפער איז געווען: „ער איז שוין גענוג געשטראָפט פון גאָט. ער איז אַ יתום”.

דאָס פּראָבלעם פון „באַרג” און „אַראָפּ” האָט נישט איינמאָל אַרויסגערופן בייז בלוט סיי צווישן אַלטע, סיי צווישן יינגע אין אונדזער שטעטעלע. אָבער אונדזער מאַמע האָט די קינדער נישט דערצויגן אין דאָזיקן יחוס־געפיל. איר האַרץ האָט דוקאָ געצויגן אַהין, ווי מען האָט געהערט קרעכצן און וויינען, אָדער געפילט פאַרבאָרגענעם טרויער.

ווען דאָס נייע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין סוכאָוואָליע האָט פאַרווישט די גרענעצן צווישן „באַרג” און „אַראָפּ”, געמיינזאַמע אידעאַלן האָבן פאַרבונדן די יוגנט, איז אַמאָל צו מיין מאַמען געקומען אַ פרוי און געפרעגט:

— זעט נאָר הענע־רחל. עס אַרט אייך גאָרנישט — מען זאָגט אין שטעטל, אַז אייער טאָכטער גייט משדך זיין זיך מיטן אַראָפּ?

— אַ דאַגה — האָט איר מיין מאַמע געענטפערט

— אַבי נאָר מיט אַן אָרנטלעכן מענטש.

יעדן ערב שבת האָט זי געטיילט חלקים פלייש און שבת־בולקעס פאַר אָרעמע לייט. זי איז געשטאַנען ביים גרויסן אויוון און מיט די אייגענע הענט פאַרוקט דאָס טשאָלענט פאַר זיך און פאַר די שכנים. אירע ליפּן האָבן דערביי שטיל געמורמלט: „לכבוד שבת!”

דעם גאַנצן טאָג ערב־שבועות האָט די מאַמע מיך אַרומגעשיקט מיט לאָדושקעס זויערמילך, פּאָדסמעטאַנקע און אויסגעטריקנטן קעז פאַר די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע קי, כדי זיי זאָלן נישט בלייבן אויף שבועות אָן מילכיקס.

אין דער שאַפע צווישן די פסחדיקע כלים איז געשטאַנען אַ גרויסער גלעזערנער קרוג, אָנגעפילט מיט געלט, וועלכעס איז געווען הייליק, באַשטימט פאַר גמילות־חסדים. ביי עמעצן איז אַ קו געפאַלן און אַ שטוב פול מיט קינדער איז געבליבן אָן אַ טראָפּן מילך; ביי אַן אָרעמען בעל־עגלה איז אַ פערד געפאַלן; אַ שריפה אין שטעטל האָט געלאָזט אַ משפחה אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ; אָרעמע טאַטע־מאַמע דאַרפן אויסגעבן אַ

טאָכטער — אין די אַלע פֿאַלן איז געקומען צוהילף העני־רחלס קרוג. „ס'איז נאָר אַ גמילות־חסד. איר וועט אָפּגעבן, ווען איר וועט נאָר האָבן" — האָט זי דערבײַ געזאָגט מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז יענעם זאָל דאָס פּנים נישט פֿאַרשוואַרצט ווערן זײַענדיק געצוווּנגען צו נעמען אַ נדבה.

מיט איר באַזונדערער לעבנס־חכמה פֿלעגט זי לערנען די קינדער:

— שטרעקט עמעצער אויס די האַנט, גיב אַ נדבה און שטעל נישט קיין פֿראַגן.

אויב עמעץ בעט בײַ דיר אַ טובֿה, זאָלסטו טון וויפֿל דו קענסט, נאָר גיב נישט קיין עצות, אַז מען דאַרף עס נישט, אַז עס איז אַ נאַרישקייט. דאָס, וואָס איז בײַ דיר אַ נאַרישקייט — קען בײַם צווייטן זײַן אַ לעבנספֿראַגע.

— מנחם־אָבל זײַן איז אַ גרויסע מצווה. זאָלסט אָבער אויך נישט אויסמײַדן קיין שמחה, ווען מען רופֿט דיך. אָנטײלנעמען אין אַ שמחה און זיך מיט־פֿרייען איז נישט ווייניקער חשובֿ ווי מיטוויינען און נעמען אָנטייל אין דעם צער פֿון אַ קרובֿ.

— אויף קיין שׂרה זאָלסטו קיין מפּלה נישט בעטן. ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ שלאַק עס וועט זײַן דער נײַ־אָנגעקומענער.

אַז מען האָט פֿאַרקויפֿט „שקלים" פֿאַרן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט די מאַמע געקויפֿט צוויי מיטאַמאָל. איינעם בײַ „מזרחי", ווײַל זיי זענען פֿרום. אַ צווייטן בײַ פּועלי־ציון, ווו די טאָכטער געהערט — מסתּמא איז עס גוט. אויסערדעם זענען זיי דאָך אויך פֿאַר ארץ־ישׂראל.

די, וועלכע האָבן געציילט די שטימען, האָבן זיכער נישט געטראַכט, אַז אין איין סוכאָוואָליער פֿרוי זענען פֿאַראַן צוויי נשמות, וואָס בענקען נאָך ארץ־ישׂראל.

איר בענקשאַפֿט צו ארץ־ישׂראל איז געווען אַ שטאַרקע און טיף־פֿאַרבאָרגענע. „איין טאָג איבער־לעבן אין ארץ־ישׂראל און שטאַרבן" — האָט די מאַמע געזאָגט צו מײַן שוועסטער חייקע בעת אַ באַזוך. די שוועסטער האָט עס שפּעטער אין טרויער דערציילט.

איר לעבנס־חכמה און הויכע מאָראַל האָט מײַן מאַמע געשעפּט פֿון דער „צאינה וראינה".

אַזעלכע זענען געווען אונדזערע מאַמעס.

זײַענדיק איצט אין ירושלימער „הדסה", ווו איך גיב אָפּ אַ גרויסן טייל פֿון מײַן לעבן, קומט מיר אָפּט אויס צו דערמאָנען זיך אין מײַן מאַמעס לעבנס־חכמה, וועלכע דינט מיר ווי אַ וועג־ווײַזערין ביזן הײַנטיקן טאָג.

הנה קרוצעל-דרויאַן

אײדע קרוצעל־גאלדין

אַ באַקאַנטע פֿיגור צווישן די סוכאָוואָליער אין אַמעריקע. איר היים אין ניו־מילפֿורד איז געווען אַ המשך פֿון איר מאַמע העני רחלס שטוב אין סוכאָוואָליע, מיט דער טראַדיציע פֿון גאַסטפֿרײַנדלעכקייט און מעשׂים טובֿים. יונג האָט חייקע פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל, האָט אָבער באַוויזן נאָך אײַנזאַפּן אין זיך טאַטע־מאַמעס דרכים. פֿון דער מאַמען געירשנ'ט די ברייטהאַרציקייט און גרייטקייט צו העלפֿן יעדן נויטבאַדערפֿטיקן, פֿון טאַטן — דעם יידישן ניגון, דעם הומאָר און די גוטמוטיקייט. די גאַנצע צייט אין אַמעריקע האָט אײדע גאָלדין דעם קאָנטאַקט מיט דער אַלטער היים נישט איבערגעריסן. זי האָט שווער געאַרבעט, כּדי צו קענען נאָכקומען אַלע בקשות נאָך הילף פֿון משפּחה און פֿון אינסטיטוציעס, אָבער אָפּגעזאָגט האָט זי קיינעם נישט.

נאָך קורץ פֿאַרן טויט, איז אײדע געווען די איניציאַטאָרין צו שאַפֿן געלט, כּדי אַריבערצובריינגען קיין אַמעריקע די עטלעכע איבערגעבליבענע פּליטים פֿון סוכאָוואָליע. די סומע געלט, וואָס אײדען איז געלונגען אויפֿצוזאַמלען פֿאַר דעם צוועק, האָט שפּעטער געדינט אַלס דער פֿונדאַמענט פֿאַרן סוכאָוואָליער „יזכור"־בוך.

אין ניו־מילפֿאָרד איז אײדע געווען זייער באַליבט און געשעצט סיי בײַ די עטלעכע יידישע פֿאַמיליעס דאָרט, סיי בײַ די הונדערטער קריסטן. פֿאַר יעדן האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט, אַ וויץ, אַ שמייכל.

זי האָט נישט זוכה געווען צו לייענען דאָס „יזכור"־בוך, פֿאַר וועלכן זי האָט פֿיל בײַגעטראָגן.

חנה שטיינבערג



פון לינקס צו רעכטס: חייקע און חוה'קע העני־רחל'ס ביים „שבת־טיש'

סערע מילער (קאַרא)



מזכרת נצח!
ר' יהושע העשל מילער ז"ל

ר' יהושע העשל מיללער

אין מיינע צייטן האָט מען נאָך געדענקט אין סוכאָ־וואָליע צו דערציילן וועגן ר' חיים קאַראָ, וועלכער האָט געוווינט אין „אַראָפּ" נעבן נוסקה דעם שוחט. ר' חיים איז געווען פון די חשובע בעלי־בתים אין שטעטל, ער איז געווען פון הרב קאַראָ'ס אָפּשטאַם.

ר' חיים קאַראָ האָט געהאַט 3 טעכטער: עלקע רובינשטיין, וועלכע האָט געוווינט אין לאָדזש און יונג געשטאָרבן; שאָשקע וועלכע איז געווען באַקאַנט מיטן נאָמען „שאָשקע די גאַרבולקע" און צוליב איר דעפעקט אָפּגעלעבט אַן איינזאַם לעבן אין איר פאָטערס נחלה, וועלכע האָט זיך געגרענעצט מיטן טייכל נעבן וואַסער־מיל.

ר' חיימס טאָכטער שיינע גיטל — סערע מילער — האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן־לאַנג אין אַמעריקע, ווו זי איז געווען פּאָפּולער צווישן די סוכאָוואָליער לאַנדסלייט. פאַר פיל פון זיי איז זי געווען ממש אַ מאַמע. יאָרן לאַנג איז סערע מילער געווען אַ דירעקטאָרין פון אַ ניו־יאָר־קער מושב־זקנים. זי האָט אויך פיל געאַרבעט פאַר דער שול און אירע מיטאַרבעטערינס געדענקען וועגן איר צודערציילן:

„סערע מילער איז געווען אַ זעלטענע חכמה און אַן אמתע אשת־חיל מיט אַ ווייך, צערטלעך פרויען־האַרץ. אַ באַוווסטע בעלת־צדקה פאַר דער שול און פאַר

פאַרשידענע אינסטיטוציעס. באַזונדערס פיל האָט זי בייגעטראָגן פאַרן מושב זקנים.

אַזוי פונקט אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, איז זי אויך געווען אונטערנעמעריש אין איר פּריוואַטן לעבן. זי איז געווען אַן אמתע „עקרת־בית", אַ געטרייע פרוי און אַ גוטע מאַמע. זי האָט דערצויגן קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך, וועלכע האָבן איר פאַערט ביז איר לעצטן אָטעמצוג".

סערע מילער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1953 אין עלטער פון 89 יאָר.

סערעס מאַן — יהושוע־העשל איז געווען אַ גרויסער נדבן, האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף אַלע שטעטלדיקע הצטרכותן, גאַר אַ סך האָט ער בייגעטראָגן פאַר דער סוכאָוואָליער שול.

ה. ש.

אומגליקלעכע טיפן

געוווינט האָט לייבע אין מאַרק־פּלאַץ. זיין שטיבל איז געווען נידריק, די פענצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. דורך אַ שפּעלטל פון טיר פלעגט ער אַרויסקוקן אינדרויסן, צו גייען נישט פאַרביי קיין יונגוואַרג, צו וועלכע ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע שנאה.

לייבע איז געווען אַ גרויסער למדן און מען האָט געזאָגט, אַז פון גרויס למדנות איז ער געוואָרן „צעדרייט". שטענדיק אַ בייזער, האָט לייבע מיט זיין צעשויבערטער באָרד און מיט זיינע ווילד־צעוואַקסענע פּיאות געוואָרפן אַ פחד. אָנגעטאָן איז ער געווען אין צעריסענע בגדים, די פיס אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס סיי זומער, סיי ווינטער. געלט האָט ער געהאַלטן אין ליימענע טעפּ און תמיד חושד געווען, אַז מען וויל אים אַוועקנעמען „זיין פאַרמעגן". לייבע פלעגט „צושטעלן" וואַסער די בעקערס, אָנגעפּילט אַ „טון", האָט ער גלייך פאַרלאַנגט דאָס געלט אויף דער האַנט און אַ שטיקל געבייטעלט ברויט אַלס צולאָג.


דאָנערשטיק אין אַ מאַרק־טאָג האָט לייבע געעפנט זיין טיר און אויסגעקוקט גויאישע קונים. זיי האָבן געקויפט ביי אים סמאַלע און טראָן אויף „באָרג". גויים האָט ער אויך געבאָרגט געלט אויף פּראָצענט, זיינע חובות האָט ער פאַרשריבן אין זיין פּנקס אויף לשון־קודש.

לייבע האָט געדאַוונט אין באָרג בית־המדרש. קיינמאָל נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן אויף אַ מנין, זיך תמיד געאיילט צו זיינע עמערס.

איינמאָל אַ ווינטער, אין די גרויסע פרעסט, אין לייבע שטאַרק קראַנק געוואָרן. די בעקערס, באַמערקנדיק, אַז ער קומט נישט צו דער אַרבעט, האָבן זיין טיר אויפגעריסן און אים געפונען טויט — תמיד האָט לייבע געלעבט עלנט, אָן אַ משפחה, אָן אַ קרוב, אָבער נאָך זיין טויט האָבן זיך אָפּגעפונען קרובים, וועלכע האָבן אים געירשנ'ט. צווישן די „טונען" און שמאַטעס האָט מען געפונען לייבעס פּנקס. אַביסל שפּעטער האָט מען צעוואָרפן די חורבה און עס איז אויסגעוואַקסן אַ שיינער בנין. יאָרן לאַנג פלעגט מען זיך דערמאָנען: דאָ האָט אַמאָל געוווינט „לייבע דער משוגענער..."

לייבל קאַקיאַמי

קיינער האָט נישט געוווסט, פאַרוואָס מען האָט גערופן דעם אומגליקלעכן לייבל — „קאַקיאַמי — ער איז געווען תמיד שמוציק און אָפּגעריסן. יונגוואַרג האָט אים קיינמאָל נישט געלאָזט גיין זיין וועג, אים פאַרשעפּעט און גערייצט זיך מיט אים. לכתחילה האָט לייבל הנאה געהאַט, וואָס מען שמועסט מיט אים, מיינענדיק, אַז די קינדער ווילן זיך מיט אים חבר'ן. אָבער ווי שנעל די קינדער האָבן אים גערופן ביים נאָמען קאַ־קי־יאַמי, איז ער געוואָרן צעדרייט און זיך געיאָגט נאָך די קינדער, שרייענדיק דערביי „מאַמע". די קינדער זענען זיך צעלאָפן און געלאָזט לייבלען אַליין, פאַרביטערט, פאַרטריוועט און פאַרטראַכט. זיין שוויגן איז געווען אַ וויי־געשריי קעגן דעם יונגוואַרג פון שטעטל, פאַרוואָס זיי פייניקן אים, קעגן די דערוואַקסענע, פאַרוואָס זיי באַשטראָפן נישט די קינדער און קעגן גאָט, וואָס האָט צוגענומען זיין מאַמען, ווען ער



לייבל קאַקיאַמי

איז נאָך קליין געווען; קעגן זיין שטאַמלען, צוליב וואָס קינדער רופן אים קאַקיאַמי...

לייבלען האָט מען שטענדיק געזען מיט אַ קאַראַמאָסל אויף די פּלייצעס, אָנגעהאָנגען צוויי הילצערנע עמער, פלעגט ער שלעפּן וואַסער אין די הייזער. ער פלעגט ער אויך האַקן האָלץ און קערן דעם ברוק; זיין געהאַלט איז געווען אַ מאָלצייט אָפּעסן און אַן אַלט בגד. אויף געלט האָט זיך לייבל נישט פאַרשטאַנען.

לייבל האָט געהאַט צוויי ברידער, דער ייִנגערער ישראל איז געווען טויבלעך, ביז זיין בר־מצוה האָט ער געלערנט אין חדר און דאַן זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פרעמד און זיך קיינמאָל מער נישט צוריקגעקערט אין שטעטל. דער צווייטער ברודער ירחמיאל איז דערצויגן געוואָרן ביי אַ פרעמדער משפחה, ווייל זיין מוטער רחל איז געשטאָרבן ביי זיין געבורט. ירחמיאל איז אויסגעוואַקסן אַן אַנטוויקלטער בחור, באַלאַנגט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. לייבלס טאַטע, ר׳ מרדכי, האָט זיך וועגן זיינע קינדער נישט געקימערט. זינט זיין פרוי איז געשטאָרבן, איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, געלעבט איינזאַם און אין דחקות אין אַ קליינער כאַטקע אין יאַנאָווער גאַס. די טיר איז געווען צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער און שטענדיק פאַרשלאָסן. אין דער כאַטקע איז נישט געווען קיין שטראַל זון און נישט קיין ביסל לופט, נישט געקאַלכט או נישט גערוימט, ווינטער נישט געהייצט און זומער נישט געעפנט קיין טיר.

תמיד האָט ער זיך געפונען אין זיין קוזשניע, ווי ער האָט אַליין זיין מאָלצייט געקאָכט, זיין העמד געוואַשן און זיין בגד פאַרלאַטעט, תמיד פאַרטיפט אין זיינע מחשבות און געמורמלט מיט די ליפּן. ער האָט נישט באַמערקט ווי אַ גוי איז געקומען אָנשאַרפן זיין קאָסע, ער האָט אויך נישט באַמערקט, ווען עס איז געקומען אַ באַלעבאָסטע אָנשאַרפן דאָס האַק־מעסער. אַז מען האָט פאַרבייגייענדיק די קוזשניע אים געזאָגט „אַ גוט מאָרגן, ר׳ מרדכי״, פלעגט ער אַ ציטער טאָן, אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ און ווידער פאַרזינקען אין זיינע מחשבות...

רבקה וויאַדאַטש־מאַן

דער חורבן פון שטעטל

נישט פאַרגעסן

1938... עס איז אַ פראָסטיקע ווינטער נאַכט, אַלץ איז איינגעוויגט אין שלאָף. ערגעץ־ווו בילט יאָמערלעך אַ הונט. פלוצים באַווייזט זיך אַן ערב־רב אין די גאַסן מיט פאַקעלן אין די הענט, מיט מעסערס, אייזנס און שטעקנס; די אויגן פאַרגאָסענע מיט רציחה זוכן אַ קרבן. ראַבירן זיי, ברענען און שלאָגן. — אָט ברענט אַ בית־המדרש, ספרי־תורות וואַלגערן זיך אין די גאַסן, הפקר איז יידיש בלוט, האָב און גוטס... פאָליציאַנטן קוקן זיך צו צופרידן. זיי דערוואַרטן צוזאַמען מיט די באַנדיטן דעם סוף פון אַלע יידן...

די נאַכט איז שוין באַלד פאַרביי, עס הויבט שוין אָן צו טאָגן אין די „בויאַנעס" שלאָגן נאָך אַלץ און שלאָגן...

***

אין אַזעלכע שווערע שעה'ן, זוך איך אַ טרייסט פאַר מיין פאָלק, דאָס האַרץ פילט זיך אָן מיט גלויבן, אַז נישט ווייט איז דער טאָג, ווען עס וועט נעמען אַ סוף צו דעם רשעות, צום שגעון. מען וועט נישט האַקן מער אונדזערע טירן, נישט ברעכן די שויבן, די זון וועט נאָך שיינען אויך אין די יידישע גאַסן...

זיי שטאַרק מיין פאָלק, זיי נישט ביי זיך געפאַלן...

***

דאָס ערגסטע איז געשען, מיין שטעטל איז חרוב. מיין פאָלק איז אויסגעקוילעט און מען באַפרייט שוין די מערדער פון די מיליאָנען קרבנות... די וועלט האָט אַזוי שנעל פאַרגעסן, און פאַרגיבן די חטאים...

אָבער איך קען נישט פאַרגעסן, איך קען נישט זיין רואיק, מיר איז הייליק די צוואה פון אונדזערע קדושים, זיי האָבן אָנגעזאָגט אין זייער ווײ און אין זייער פיין: נישט פאַרגיב און נישט פאַרגעס!!!

שלמה'קה פריבולסקי (שיקאַגאָ)

סוכאָוואָליע אין 1938

איך בין נאָך געווען יונג, ווען איך האָב פאַרלאָזן סוכאָוואָליע,און יאָרן לאַנג האָב איך נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך דעם שטעטל, נאָך טאַטע־מאַמע.

אין 1938 האָב איך געמאַכט אַ רייזע אין פוילן און איך האָב געהאַט אַ זכות נאָך כאַפּן אַ קוק אויף מיינע אַלטע טאַטע־מאַמע, חאַצקל און ענע־רחל, אויף מיין טרייער שוועסטער יהודית, זיך ווידער צו טרעפן מיט פריינט, שכנים און סתם נאָענטע מענטשן.

ווי האָט אויסגעזען סוכאָוואָליע אין מיינע אויגן אין 1938?

אַ סך אַנדערש דעמלט, ווי איך האָב זי פאַרלאָזן אין 1910, קיין זכר פון טיפע בלאָטעס און פינסטערע נעכט, עס איז שוין דאָ עלעקטריע, און די גאַסן זענען ריין צוגעקערט. עס זענען שוין דאָ טראָטואַרן. אָבער עס פילט זיך אַן אומעט, עס הערט זיך נישט קיין געלעכטער, עס פילט זיך אַ שרעק פאַרן מאָרגן. דער אַנטיסעמיטיזם איז פאַרשטאַרקט, ספּעציעל צווישן די „פאַניטשען" — די פוילישע אינטעליגענץ. מען רעדט וועגן ארץ־ישראל, אין שטעטל הערשט אַן אָרעמקייט, שווער אויסצוהאַלטן דעם יאָך פון פּאָדאַטקעס, פון גזירות. די פרנסה גייט אונטער, ווייל יעדע צווייטע קראָם איז שוין אין קריסטלעכע הענט, עס זענען דאָ

פיל קריסטלעכע בעלי־מלאכות. עס זענען נאָך אַפילו דאַ מענטשן, וואָס פֿאַרדינען צום לעבן, אָבער זייער אַ סך האָבן נישט ממש מיט וואָס די הענט צו פֿאַרבינדן. די, וועלכע פֿלעגן גיין אויפֿן דאָרף און ציען פֿון דעם די חיונה, האָבן אינגאַנצן פֿאַרלוירן די פּרנסה. מען לעבט מיט דער האָפֿנונג, אַז אַמעריקאַנער פֿריינט וועלן אַביסל אַרויסהעלפֿן: מען דערוואַרט אַ פּעקל זאַכן, אָדער עטלעכע דאָלאַר צו דעקן חובות פֿאַר שטייערן. די גוטהאַרציקייט פֿון אַמעריקאַנער קרובים דערהאַלטן ממש ביים לעבן דאָס שטעטל. אַלע האָבן מיך געבעטן ברענגען זייערע גוטווינטשן קיין אַמעריקע.

אין די פֿינצטערע טעג זע איך אַ ביסל ליכט אין שטעטל: די שול! דאָס איז דער שטאָלץ פֿון סוכאָוואָליע. די קינדער קריגן אין דער שול נישט נאָר יידישן וויסן, נאָר אויך אייראָפּעאישע בילדונג און אַ סיסטעמאַטישע דערציונג.

די קינדער פֿלאַנצן יעדעס יאָר אַ גאָרטן מיט גרינס. זיי פֿאַרקויפֿן דאָס און דער פּדיון גייט פֿאַר „קרן קיימת".

דער וועד באַמיט זיך מיט אַלע קרעפֿטן די שול זאָל זיין זעלבשטענדיק, אָבער ביי דער גרויסער אָרעמ־קייט, וואָס הערשט אין שטעטל, איז עס פּשוט אוממעג־לעך, ווייל פֿאַרמעגלעכע קינדער זענען אַ מינימאַלער פּראָצענט און אָרימע קינדער זענען בכלל באַפֿרייט פֿון שכר־למוד.

אַזוי האָט אויסגעזען אין 1938, ווער האָט זיך געקענט פֿאָרשטעלן, אַז דער סוף איז אַזוי נאָנט, אַז די קינדערלעך וועלן נישט באַוויזן אויסצוּוואַקסן, צוזאַמען מיט די טאַטע־מאַמעס, וועלן זיי אַזוי אַכזריותדיק אומקומען דורך די נאַצישע חיות.

הוה׳קע קרוצעל-טשעכאַנ

בריוו פון סוכאָוואָליע

(פֿאַר דער מלחמה)

סוכאָוואָליע, 16.2.1938

בעסטער פֿריינט ירוחם לוין!

די צייט און דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל זיך ווענדן צו אייך נאָך הילף, נישט חס וחלילה מאַטעריעלע, נאָר איידער איך דערקלער אייך אין וואָס די הילף באַשטייט, וועל איך שרייבן ווער איך בין, וואָס קומט צו אייך מיט אַזאַ פֿאָדערונג. אַלזאָ, אַליין שטאַם איך פֿון סוכאָוואָליע. מיר דוכט, אַז דער נאָמען פֿון שטעטל וועט אייך פֿיל דערמאָנען, דען איר האָט אַ טייל פֿון אייער יוגנט־יאָרן דאָרט פֿאַרבראַכט און איך בין צום באַדויערן ביזן היינטיקן טאָג דאָ אַ בירגער... מיין נאָמען איז משה גאָפּערשטיין. אין יאָר 1916, ווען אין יעדער שטאָט און שטעטל האָט דערוואַכט דער ציוניזם און עס זענען געשאַפֿן געוואָרן ציוניסטישע



משה׳ל און מאַריאַשקע גאָפּערשטיין

גרופן און פאַרטייען, בין איך דאַן געווען אַ 13 יעריקער יינגל — איינער פון די, וועלכע האָבן געשאַפן לויט דער איניציאַטיוו פון מאיר בורע די אַגודה „התחיה". שוין 22 יאָר ווי איך אַרבייט פאַרן ציוניסטישן געדאַנק בכלל און פאַר „קרן־קימת" בפרט. שוין 22 יאָר ווי איך חלום וועגן העלפן בויען אונדזער פאָטער־לאַנד אין ארץ־ישראל, נישט דאַרפן אָפּגעבן בלוט און שווייס אַנדערע געטער... געווען צייטן אין יאָר 1919, ווען איך מיט אַ גרופּע פון 5 חברים מיינע האָבן געוואָלט דעם געדאַנק פאַרווירקלעכן און איר זייט דאַן געשיקט געוואָרן צו אונדז צום באַשטעטיקן. מיר זענען דאַן דעם עקזאַמען אַדורכגעגאַנגען און דורך אייך אַלס פיאָנערן באַשטעטיקט געוואָרן, נאָר דער חלום איז צערונען געוואָרן, צוליב פאַרשידענע סבות, וועלכע איך קען אייך אין קיין בריוו נישט אַרויסשרייבן, נישט חס־וחלילה ווייל מיר זענען אַנטוישט געוואָרן אין דער אידעע, דען איך בין נאָך היינט אויך פון די, וועלכע קוקן מיט אַ קלאָרן בליק אויף אַלעם. איך בין נישט באַצויבערט געוואָרן פון יענער צייט, ווען מען האָט געקליבן פונטן אין די גאַסן און בין אויך היינט נישט פעסימיסטיש, ווען עס פאַלן קרבנות, און בין היינט אויך גרייט צוקומען קיין א״י און ליידן, אַזוי זענען אַריבער 19 יאָר, און די צייט האָט דערפירט דערצו, אַז יידן, וועלכע זענען געווען ווייט פון ציוניזם, קלערן וועגן עמיגרירן דאָרטן, און בפרט איך, וועלכער חלומ'ט אַלע יאָרן וועגן דעם, ווייל צום ווילן איז נאָך היינט צוגעקומען אַ מוז: פוילן... וועגן וואָס איך וויל אייך אין בריוו פיל נישט שרייבן, נאָר אַ קליין ביסעלע וועל איך אָנמערקן פון אָנפאַנג האָט זי זיך גענומען צום מיטלאַלטערלעכן וועג, ווי האַקן שויבן, שלאָגן קעפּ, נאָר זעענדיק, אַז דאָס ברענגט נישט די געהעריקע רעזולטאַטן, ווייל עס רופט אַרויס אַ פּראָטעסט אין דער וועלט, האָט זי זיך גענומען אויף אַנדערע וועגן: צעברעכן דעם ייד עקאָנאָמיש, און דאָס צום באַדויערן געלונגט איר, איך אַליין באַזיץ די גאַנצע צייט אַ געשעפט, און דער באָיקאָט, וואָס ס'האָבן איצט אונטערגענומען די פוילישע מאַסן, האָט מיר דעם ערשטן געטראָפן. עס האָבן שוין געטראָפן פאַלן, ווען איך האָב צוליב דער לאַגע, אין וועלכער איך געפין זיך, געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד, נאָר דער איינציקער האָפענונגס־שטראַל, וועלכער טליעט ביי מיר אין האַרצן צו זיין אין מיין פאָטער־לאַנד, גיט מיר מוט די שלעכטע צייט איבערצוטראָגן. בעסטער פריינט! איך בין איצט אַלט 35 יאָר, פיזיש־געזונט (כאָטש אַ קרעמער), און בין נאָך פעאיק צו טון אין ארץ־ישראל די שווער־סטע אַרבעט. מיין פאַמיליע באַשטייט בלויז פון דער פרוי און 2 קינדער, און ביי אייך אין די הענט ליגט דער גורל פון דער פאַמיליע. העלפט מיר קומען קיין ארץ־ישראל. איך האָב זיך פיל מאָל געווענדעט צו פאַרשידענע אינסטיטוציעס, פאַר וועלכע איך גיב אַוועק טעג און יאָרן, וועגן אַ סערטיפיקאַט. נאָר זייער ענטפער איז געווען, אַז מען זאָל מיך נאָר פאָדערן פון א״י, דאַן וועלן זיי מיך גלייך באַשטעטיקן. קיין פריינט האָב איך נישט דאָרטן, וועלכע זאָלן עפּעס טאָן פאַר מיר, איר זייט דער איינציקער, וועלכן מען האָט מיר אָנגעוויזן, אַז מיט דער הילף פון מאיר בורען, וועלכער געדענקט מיך נאָך געוויס גוט, קענט מיר העלפן. זייט פאַרשטענדיקט זיך וועגן דעם און ראַטעוועט אַ פאַמיליע פון אונטערגאַנג. פיליכט וועט עס גיין אין געלט, דאַן בין איך גרייט צו דעקן יעדן פיאַסטער, ווייל ביים היינטיקן טאָג באַזיץ איך נאָך אַ הויז און צום הויז, און ווייטער ווער ווייס... איך ענדיק מיין שרייבן מיט דער האָפענונג, אַז דער פונק, וואָס טליעט נאָך אין מיר, וועט אַ דאַנק אייך מער אויפלעבן. שרייבט אַ גרוס צו מאיר בורען פון מיר. איך וואָלט אים אַליין געשריבן נאָר איך ווייס נישט זיין אַדרעס.

מיט ציונס גרוס

אייער גוט באַקאַנטער

משה גאָפּערשטיין

בע״ה ג. וישב סוכובולי 1938

צו אונדזער ליבער שוועגערין און שוואָגער זאָלן לעבן!

מיר קענען אייך מיטטיילן פון אונדזער געזונד. דאָס זעלבע ווינטשן מיר פון אייך צו הערן. ביי אונדז איז קיין איבריקע בייעס נישטאָ. די קינדער זענען ב״ה געזונד, אויך שרקע. וועגן דער יידישער לאַגע בכלל ווייסט איר דאָך זיכער פון די „עתונים" (צייטונגען). עס איז אומעטום גלייך. עס גייט יעצט אַ „קורס" אין דער גאַנצער וועלט להשמיד ח״ו את עם ישראל. מען האָט זיך אויף אונדז פאַרנומען אין גרויסן מאַסשטאַב. אָבער מיר דאַרפן נישט זיין געפאַלן ביי זיך. מיר וועלן זיי אַלע איבערלעבן. דעריבער „נתחזק ונתאמץ" און

מיר מוזן האָפן, אַז די שלעכטע צייט וועט אַריבער און עס וועלן קומען פאַר אונדז בעסערע צייטן.

ממני יעקב אַדלפאַנג

(אַלתר דעם שוחט׳ס איידעם)

נאָטיץ אין דער ביאַליסטאָקער צייטונג „אונדזער לעבן״ פון דינסטיק דעם 12.10.1937

אַ דעלעגאַציע פון הילף-קאָמיטעט קיין סוכאָוואָליע

נעכטיקער „גראָדנער מאָמענט״ גיט איבער: אין שטעטל סוכאָוואָליע איז דורך פוילישע כוליגאַנעס נעכטן שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן פון אַ שטיין דער 60 יעריקער ייד טוקטין, וועלכן מען האָט געבראַכט קיין גראָדנע. נאָכן געבן אים די ערשטע הילף, האָט אים ד״ר פינקל אָפּגעשיקט אין יידישן שפּיטאָל.

אין סוכאָוואָליע פילט זיך היינט אַ דוחק אין שויבן־גלאָז.

נעכטן האָט באַזוכט סוכאָוואָליע אַ דעלעגאַציע פון ביאַליסטאָקער הילף־קאָמיטעט מיטן „דזשוינט״־דירעקטאָר ה׳ גוטערמאַן. נאָכן באַקענען זיך מיט דער לאַגע האָט דיר. גוטערמאַן באַשטימט 300 זל .אויף באַלדיקע הילף און 1,000 זל. פאַר דער גמ״ח־קאַסע.

יאָרן פון פּיין און אומקום*)



שׂמחה׳ל לאַזאַר (אַמעריקע) און זיין פרוי מאַשקע סטוצינסקי (אומגעקומען)

אין די ערשטע טעג, ווען דאָס דייטשע מיליטער האָט אַריינגעמאַרשירט אין סוכאָוואָליע, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן רואיק. זיי האָבן געקויפט אויף „קוויטלעך״ אין די יידישע קראָמען, געווענדעט זיך דערביי: — אַזויפיל יידן? אומעטום בלויז יידן!

די רואיקע שטימונג האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. אין שטעטל איז אַראָפּגעקומען אַ מיליטערישע אָרטס־קאָמענדאַנטור, וועלכע האָט אָנגעהויבן צונויפנעמען יידן אויף צוואַנגס־אַרבייט. מיטן אָנקומען פון דער „געסטאַפּאָ״ און די „ס.ס.־לייט״, האָט זיך אָנגעהויבן די מערדערישע אַרבעט, ווי אין אַלע שטעטלעך אַרום.

דער גורל אויף סוכאָוואָליע איז אויסגעפאַלן שבת, י״ז תמוז אין 1941.

די מערדערישע אַרבעט האָבן די דייטשע רוצחים דורכגעפירט צוזאַמען מיט די פוילישע כוליגאַנעס. אין דעם „שוואַרצן״ שבת זענען געפאַלן אונדזערע ערשטע קרבנות: ישראל גרודזינסקי, יאַנקל פּעטלוק, שאַכנע מאַרין, זיידל פוריה, עזרא סטרינקאָווסקי, שאַכנע קוסאַי, לייזער באַראָוויק און בערל־לייזער לעווין.

דעם 19־טן מערץ, 1941 איז דערשאָסן געוואָרן מלך שקלאַרס 14־יאָריקער זון — יצחק — פאַר די אויגן פון זיין אומגליקלעכער מאַמען חוהקען.

דעם 23־טן יולי האָט די פוילישע פּאָליציי מיט דעם כוליגאַן — שיינקאָ — אין דער שפּיץ איינגעאָרדנט אַן אַזוי־גערופענע סטאַלינס לויה, פייניקנדיק דערביי 80 יידישע קינדער. אַדאַנק דער יידישער פאַרשטייער־שאַפט זענען די קינדער ניצול געוואָרן פון אַ מיתה־

*) לויטן בוך „היזבן סוכאָוואָליע״ פון ש. לאַזאַר, מעקסיקע

משונהדיקן טויט; זיי האָט געדראָט די סכּנה צו דערטרונקען ווערן אין טייך. עס האָט זיך אָבער אָנגעפאַנגען אַ נײַ קאַפּיטל פון צרות. טאָג־איין, טאָג־אויס זענען יידן גענומען געוואָרן אויף שווערער דערנידעריקנדיקער אַרבעט און דערבײַ מערדערלעך געשלאָגן געוואָרן דורך די כוליגאַנעס.

אַדאַנק גאָלדענע חפצים און פאַרשידענע סחורות, איז דער יידישער פאָרשטייערשאַפט געלונגען צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיטן קאָמענדאַנט. מיר האָבן בײַ אים אַרויסגעקריגן אַ דערלויבעניש אויסצוגראָבן די הרוגים און זיי ברענגען צו קבר־ישראל.

זונטיק, דעם 27־טן יולי, 1941, 10 אַזייגער בײַ נאַכט האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן בײַ גדליהו שוואַרץ אויף יאַנאָווער־גאַס. צווישן די, וואָס האָבן זיך יענע־נאַכט געשטעלט צו דער הייליקער אַרבעט, זענען געווען: משה פּוטיאל, גליקסמאַן, שמואל לעווין, לייזער מאַרינבערג, שמואל צאַבאַן, חיים־שמואל סימכאָוויטש, נפתלי פּיעשטשאַנסקי, וואָלף ווײַנער, אַלתר גריץ, לייבל כּאַרנאַט און איך.

בײַ אַ טויטער שטילקייט האָבן מיר אויסגעגראָבן די הרוגים ישראל גראָדזיענסקי און יצחק שקלאַר, וועלכע זענען געווען באַגראָבן אויפן מאַרק־פּלאַץ. פאַרשאָטן די קברים, האָבן מיר גענומען שטופּן די עגלה באַרג אַראָפּ. מיר האָבן זיך דערנענטערט צום טייך בײַם בריק. דאָס וואַסער אין טייכל האָט גערוישט, ווי עס וואָלט דערציילט וועגן די שרעקלעכע סצענעס, וואָס האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט מיט עטלעכע טעג צוריק: דאָ האָבן זיך געטרונקען יידישע יונגעלייט, דאָ האָבן פּוילישע מערדער געפּייניקט און פאַרטיליקט אונדזערע ברידער.

מיר גייען פאַרבײַ לייבל פראַנצקאָווסקיס שטוב. דער הויכער קוימען זעט אויס ווי אַ דענקמאָל נאָך די נשרפים. די דאָזיקע שטוב, וועלכע איז געשטאַנען נאָענט צום וועלדל, איז אונטערגעצונדן געוואָרן צוזאַמען מיט די פאַרפּייניקטע יידן. דאָ אין די פלאַמען זענען אומגעקומען יאַנקל ציבולי און „גוט־שבת׳ל״.

מיר דערנענטערן זיך צום טויער פון בית־עולם. מיר גראָבן אויס דעם ברודער־קבר און ברענגען צו קבר־ישראל די ערשטע הרוגים פון אונדזער שטעטל; די קדושים פון מאַרק־פּלאַץ און פון די, וואָס זענען געווען באַגראָבן אונטער שמחה לעווינס שטוב. אויך באַגראָבן מיר די פאַרמעטן, וועלכע זענען פאַרבליבן נאָכן פאַברענען די ספרים נעבן שול. די האַרצרײַסנדיקע סצענעס פון די באַגלייטער זענען אומבאַשרײַבלעך.

יעדן טאָג קומען נײַע גזירות און צרות. אין פעברואַר 1942 האָבן באַקומען שמיץ אויפן פּאָליציי־פּאָסטערונעק ישראל מאַרינבערג, אַלתר דער שוחט, שלמה ראַבינאָוויטש און יאַנקל־עזרא פראַנצוז.

פאָלאַקן האָבן אונטערגעצינדן פאַרבשטיינס שטוב און געמאַכט אַ בלבול, אַז יידן האָבן עס געטאָן אַלס נקמה. איטשע־בערלען מיט זײַן שוועסטער מירקען האָט מען אַרעסטירט. עס איז געווען ערב פּאָגראָם־שטימונג. מײַנע אַרגומענטן מיט אַ בײַגעלייגטן 25־דאָלאַר באַנקנאָט האָבן איבערצייגט דעם פּוילישן בירגערמייסטער — מיקעלסקי — און די פאַרבשטיינס זענען באַפרײַט געוואָרן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט די קאָמענדאַנטור דערקלערט, אַז עס מוז זאָפאָרט געשאַפן ווערן אַ געטאָ. וועלכער וועט זײַן פאַר אונדז ממש אַ גליק, מיר וועלן נישט זײַן מער שוצלאָז און קיינער וועט נישט קענען אַרײַנגיין צו אונדז אָן אַ דערלויבעניש. באַשטימט האָבן זיי יאַנאָווער גאַס אַלס געטאָ. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר וועלן דאָרט אויסגיין פאַר דורשט, ווײַל די איינציקע קוואַל וואָלט געווען דער ראָד־ברונעם אַנטקעגן שיינקע גאָפּערשטיין. מיר האָבן אויסגעפּועלט אַרײַנצונעמען אין געטאָ אויך איין זײַט פון מאַרק־פּלאַץ פון משה פּוטיאל ביז צאַלי שוואַרץ. מען האָט געמאַכט אַ פאַרקאַן מיט שטעכעדיקן דראָט. לויט אַ באַפעל האָט מען זיך געמוזט אַרײַנציען אין דעם דאָזיקן געטאָ אין פאַרלויף פון אַ פּאָר שעה און וואָס מען וועט נישט באַוויזן אַריבערצופירן וועט פאַרבלײַבן אויף הפקר. עס איז געווען אַ שוידערלעך בילד, ווי שוצלאָזע, צעבראָכענע יידן האָבן זיך געשלעפּט אין געטאָ אַרײַן, ווער מיט אַ פּעקעלע אויף דער פּלייצע, ווער מיט אַ טישל, אַ בענקל, דאָס רעשט איז געבליבן אין די אַלטע איינגעזעסענע הײַזער. עס איז געווען אַ היבש ביסל צרות זיך אײַנצואָרדנען אין אַזאַ ענגשאַפט, אַ $1\frac{1}{2}$ מעטער אויף יעדער פּערזאָן, פּשוט נישט געווען ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן; 4—5 באַלעבאָסטעס האָבן געמוזט קאָכן אויף איין פּליטע.

צו יענער צײַט איז אַראָפּגעקומען צו אונדז אַ סטאַבילע מאַכט. דער אַמטס־קאָמיסאַר, האַנס אורבאַן,

האָט פאַראָרדנט צו שאַפן אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה אַ יידן־ראַט פון 12 פּערזאָן. מיר האָבן באַשטימט פאָלגענדיקע פּערזאָנען: שמחה לאַזאַר, ישעיהו גליקסאָן, נפתלי פּיעשטשאַנסקי, לייזער מאַרינבערג, וואָלף ווײַנער, תנחום־בערל סוראַזקי, מאיר קרעמער, משה פּוטיאל, אַלתר פּאָלאַק, דוד יערוזאָלימסקי, ישראל מאַרינבערג, און מענדל טרעשצאַנסקי. צומאָרגנס האָב איך אַלס פּרעזעס און גליקסאָן אַלס פאַרטרעטער זיך געמאָלדן צום אַמטס־קאָמיסאַר. די באַגעגעניש האָט געמאַכט אויף אונדז אַ שרעקלעכן רושם. ער האָט פאַראָרדנט, מיר זאָלן אין פאַרלויף פון 2 שעה אויסשטאַטן זיין וווינונג און ביוראָ, נאָכן איבערלייענען די רשימה פון די פאַרלאַנגטע זאַכן, האַלטנדיק אַ רעוואָלווער אין האַנט, האָט ער אונדז אַרויסגעטריבן. מיר זענען אַוועק מיט אַ שווער געמיט. די איבריקע מיטגלידער פון יידן־ראַט זענען געבליבן ווי פאַרגליווערט, אָבער דער טערמין איז געווען קורץ, מיר האָבן גלייך גענומען אויספילן דעם באַפעל. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אויסשטאַטונג פון דער זשאַנדערמעריע, פאַרן פּאָסט־באַאַמטן, לאַנדווירט און לויטענאַנט. נישט אויספילן דעם באַפעל, האָט געדראָט מיט טויט־שטראָף פאַר צענדליקער יידן.

דער קאָמיסאַר האָט אָנגעהויבן צו מאַכן אָרדנונג אין שטאָט. געהייסן אַראָפּרוימען צענדליקער יידישע הייזער, צווישן זיי די אַלטע שול און די בתי־מדרשים אַרום איר. דעם מויער־בית־המדרש האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ תבואה־מאַגאַזין.

דאַן איז באַשטימט געוואָרן די תיפלה גאַס אַלס געטאָ. דאָס איז געווען דער ערגסטער קוואַרטאַל ביי אונדז אין שטעטל. די גאַס נישט ברוקירט, די הייזלעך, אויסער די ערשטע פּאָר ביז סנאָרסקען, זענען געווען בלויז חורבות. מיר האָבן אויסגעפּועלט נאָך אַ האַלבע שול גאַס, ד.ה. אַז דער געטאָ האָט זיך געצויגן פון מרדכי־משה־אהרנ׳ס מויער ביז ביילע פון פּאָטשט פון איין זייט, פון דער צווייטער זייט אין טיפלע גאַס ביז מאיר קרעמער און פון דער דריטער זייט ביז זיידקע כאַשינקעס. פאַר דעם האָט מען געמוזט „שמירן" דער הויפּטמאַן, די זשאַנדערמעריע און א.אַ.וו. אַגב האָט אונדז דער הויפּטמאַן דערציילט בסוד, אַז אין אונדזער געטאָ וועלן מיר דאַרפן אויפנעמען די יידן פון די דערביייאיקע שטעטלעך.

סוף פעברואַר 1942 האָבן מיר גענומען מאַכן דעם געטאָ־פּאַרקאַן. עס האָט געמוזט ווערן פאַרטיק ביזן 15־טן מערץ. מען האָט געאַרבעט ביי די ערגסטע ווינטערדיקע באַדינגונגען. דער פּאַרקאַן איז געווען — 2 מעטער די הויך, באַשלאָגן מיט ברעטער אָן שפּאַרונעס און באַצויגן מיט שטעכעדיקן דראָט. עס זענען געמאַכט געוואָרן צוויי טויערן, איינער פון שול־גאַס און דער צווייטער פון תיפלה־גאַס. אַרום פּאַרקאַן זענען אויסגעבויט געוואָרן אין אַלע פיר עקן וואַך־בודקעס פאַר דער פּוילישער פּאָליציי.

עס איז געקומען דער באַפעל אַריינצוציען זיך אין געטאָ אין פאַרלויף פון איין טאָג. אין צווישן־צייט זענען צוגענומען געוואָרן ביי אונדז די פערד און די קי. די קעלט איז געווען גרויס, דער אומעט און די הערצער נאָך גרעסער.

ווען מיר זענען אַריין אין געטאָ, זענען מיר מערדערלעך געשלאָגן געוואָרן דורך דער פּוילישער פּאָליציי, און דורך דער זשאַנדערמיע...

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס פינצטערע לעבן אין געטאָ. עס זענען אַנטשטאַנען זאָרגן, ווי זיך אַהינצוטאָן און פון וואָס צו לעבן. מיר האָב געזוכט וואָס פאַר אַ ס׳איז עקזיסטענץ־מעגלעכקייט.

מיט גרויס מי האָבן מיר געשאַפן אַ בעקעריי, וועלכע האָט פאַרזאָרגט ברויט פאַרן גאַנצן געטאָ. מיר האָבן אויסגעבויט אַ פּרימיטיווו פאַבריקל פאַר אויסאַרבעטן כלים פון ליים. מיר האָבן געשאַפן אַ דענטיסטישן קאַבינעט און מיט דער דערלויבניש פון דער קאָמענדאַנטור אַן ענלעכן קאַבינעט אויסערן געטאָ פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג. מיר האָבן געגרינדעט בשותפות׳דיקע וואַרשטאַטן פאַר אַלע שמידן, סטאָלאַרעס, שניידערס און אַנדערע פאַכלייט. דאַן האָבן מיר באַקומען נאָך גרויס מי אַ דערלויבניש צו עפענען אַן אויפנאַם־שטעלע אויסערן געטאָ. אונדזערע פאַכלייט פלעגן אַרויסגיין 3 מאָל אַ וואָך אין אַ באַשטימטע צייט און אויפגענומען אַרבעט ביי די פּויערים. אַדאַנק דער אויפנאַם־שטעלע האָבן מיר געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט. אַ פּראָצענט פון די פאַרדינסטן האָבן מיר אַראָפּגענומען פאַר די געטאָ־אויסגאַבן. מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו דער לאַגע...

מיט אַמאָל איז אָנגעקומען אַ פרישע צרה. אין געטאָ איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע צוליב די

באַדינגונגען. מיר האָבן מורא געהאַט צו מעלדן דער מאַכט, וועלכע וואָלט געוויס פאַראָרדנט צו שליסן די געטאָ־טויערן. פאַר נישט מעלדן האָט געדראָט טויט־שטראָף. מיר האָבן דאָך באַשלאָסן נישט צו מעלדן. דער קאַמף קעגן טיפוס איז געווען אַ שווערער, עס האָט אונדז געקאָסט אַ סך יונגע קרבנות.

ביז איצט האָבן מיר געהאַט איין דאָקטאָר, ה׳ לעוו פון ביאַליסטאָק, אַן איידעם פון טוך־פאַבריקאַנט, פּישל קאַפּלאַנסקי. (אַמאָל האָט אים דער קאָמיסאַר פאַראָרדנט צו פאַרסמען 10 אומנאָרמאַלע יידן אין געטאָ. ער האָט דעם באַפעל נישט אויסגעפירט, כאָטש אים האָט געדראָט טויט־שטראָף). מיט גרויס מי האָבן מיר אַריינגעבראַכט נאָך צוויי דאָקטוירים: ד״ר כאַצקי פון ביאַליסטאָק און ד״ר עפּשטיין פון גראָדנע און אַ פראָוויזאָרשע, פר׳ שאַפּירא פון נאָווידוואָר. די מעדי־קאַמענטן זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין געטאָ, מיר האָבן געשאַפן אַ קראַנקן־הויז און אויסגעבויט אַ באָד אין דעם שפּייכלער פון הערשל סאָקאָלסקי און איינ־געפירט צוואַנג־באָד. ווי עס איז האָבן מיר באַקעמפט די טיפוס עפּידעמיע.

אין משך פון דער צייט האָט מען אַריינגעשיקט אין אונדזער געטאָ די יידן פון דעם שכנותדיקן אָפּגע־ברענטן שטעטל דובראָווע. שווער צו באַשרייבן ווי די דובראָוועער נשרפים האָבן אויסגעזען. זיי זענען געקו־מען נאַקעטע, שמוציקע, הונגעריקע, אין גרעסטן טייל קראַנקע, צעבראָכענע. אונדזערע זאָרגן זענען פאַר־גרעסערט געוואָרן. די סוכאָוואָליער יידן האָבן זיך מיט זיי געטיילט מיט וואָס מען האָט געקענט. אונ־דזערע פינאַנסיעלע שוועריקייטן זענען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. מיר האָבן אין געהיים געמאַכט אַן אייל־פאַבריקל. דער קאָמיסאַר האָט באַקומען אַ געוויסן אָפּצאָל. אונדז האָט עס געבראַכט רווחים און מיר האָבן צוגעטיילט 10 דעקאָ אַ וואָך פאַר אַ פּערזאָן. מען האָט זיך ממש מחיה געווען, אויפגעהערט צו קאָכן מיט „נישט״. דאַן האָט זיך אונדז איינגעגעבן אָפּצו־קויפן אין דער מלוכהשער מעלקעריי די מאָגערע מילך.. די פעטער מילך פלעגן ווערן דורכגעמישט מיט אַ שטעקן, כדי צו אויסגעפינען צו מיר שמוקלען נישט דורך קיין אַנדערע עסנוואַרג.

דער יונגער פּאָליציאַנט — הענריק וואַשקעוויטש — איז אונדז דערגאַנגען די יאָרן, נאָך מער דער געטאָ־קאָמיסאַר, וועלכער האָט ספּעציעל איינגעאָרדנט זיין וווינונג אין דער פּוילישער שול אויפן צווייטן שטאָק, כדי צו קענען האַלטן שטענדיק אַן אויג אויפן געטאָ און דערגיין די יאָרן. אַדאַנק מתנות איז זיין האַרץ אַביסל ווייכער געוואָרן. מען האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, מען האָט זיך צוגעוווינט צו די ביטערע לעבנס־באַדינגונגען.

מיטאַמאָל איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדנונג צו שטעלן 100 אַרבעטער צום „שטראַסן־בוי״ אויפן וועג יאַנאָווע־סאָקאָלקי. דעם יידן־ראַט איז געוואָרן פינצ־טער און ביטער. וועלכע מאַמע וועט עס מסכים זיין, אַז איר קינד זאָל גיין אויף עבודת־פרך אונטער דער אויפזיכט פון די פּוילישע קוליגאַנעס. האָבן מיר דעם באַפעל נישט אויסגעפירט. האָט די זשאַנדערמעריע אַרויסגעטריבן אַלע יידן אויפן געטאָ־פּלאַץ אַנטקעגן שול, צעשלאָגן מערדערלעך צענדליקער יידן און אָפּגעקליבן 100 פּערזאָן. איז אויסגעפאַלן פון איין משפחה צוויי קינדער און זאָגאַר עלטערן מיט קינדער צוזאַמען. פון דעמלט אָן האָט דער יידן־ראַט באַשטימט ווער עס זאָל זיך צושטעלן צו דער אַרבעט.

מען האָט קוים זיך באַוויזן צו באַרואיקן פון דער גזירה, זענען אָנגעקומען פרישע באַפעלן: 100 אַרבע־טער אין דער בוי־שטעלע — נאָווידוואָר־דובראָווע — 100 אַרבעטער אין דעם טרויעריק־באַרימטן שטראָף־לאַגער פון דער דייטשער פירמע „קירכהאָף״; 100 אַרבעטער צו דער אַרבעטער־שטעלע אין אוגוסטאַוו. די רוצחים האָבן זיי געפּייניקט אין הונגער און אין נויט, באַגלייט מיט קלעפּ ביז בלוט. פון מאָל צו מאָל האָט זיך אונדז איינגעגעבן איבערצובייטן אָפּגעשוואַכ־טע קינדער אויף אַנדערע.

דאַן זענען אַריינגעשיקט געוואָרן צו אונדז אין געטאָ די נאָווידוואָרער יידן. די ענגשאַפט איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, 80 צענטימעטער פאַר אַ פּערזאָן. מיר האָבן אויסגעפועלט ביים קאָמיסאַר אַ דערלויבעניש איינצוקויפן גרעסערע קוואַנטומס קאַרטאָפל. (די יידן האָבן געמעגט איינקויפן איינמאָל אַ וואָך פון 4—2). מיטן וווקס פון דער באַפעלקערונג איז אויך געוואַקסן די שטערבלעכקייט. דער סוכאָוואָליער בית־עולם איז חרוב געוואָרן, די מצבות האָט מען פאַרנוצט אויפן בויען שאָסייען און די קברים זענען געוואָרן אויסגע־גלייכט מיט דער ערד. מיר האָבן געשאַפן אַ געטאָ

בית־עולם אויפֿן גאָרטן פֿון דעם שניידער, ווידקע צירקעס.

אַ שרעקלעכע געשעעניש, ביי וועלכער עס איז דערמאָרדעט געוואָרן דער יונגערמאַן, יצחק פּאָלאַק, האָט אויפגעטרייסלט דאָס געטאָ. איינמאָל ווען מען האָט אַריינגעפירט האָלץ פאַר דער בעקעריי, האָט יצחק אַרויסגעקוקט דורכן טויער. זיגמונד זשעניוק — אַנטאָני דעם בריוונטרעגערס זון — האָט דאָס באַמערקט און דערשאָסן יצחקן. דער יידן־ראַט האָט געמאַכט אַ דעמאָנסטראַטיווע לויה. הרב קאַליר און משה פּוטיאַל האָבן מספּיד געווען דעם יונגען קרבן, דער דאָמבראָווער חזן האָט געמאַכט אַן „אל־מלא רחמים“. אַלע האָבן באַקלאָגט דעם יידישן עלנט און די שוצלאָזיקייט.

עס איז געווען האַרבסט. מיר האָבן אויסגעבויט אַ גרויסן קעלער אויפֿן גאָרטן פֿון מאיר קרעמער און געזאַמלט צונויפקלייבן קאַרטאָפל אויפֿן ווינטער. דעם צווייטן נאָוועמבער האָט זיך פּלוצים באַוויזן אין אונדזער געטאָ זשאַנדאַרמעריע מיט אַ געסטאַפּאָ־אָפיציר פֿון ביאַליסטאָק. זיי האָבן פאַרלאַנגט דער יידן־ראַט זאָל זיי אָפּגעבן אַלץ, וואָס ער באַזיצט. זיי האָבן אָפּגעשלאָסן דאָס געטאָ פֿון אַלע זייטן און געמאָלדן, אַז מיר וועלן אַרויסטראַנספּאָרטירט ווערן דעם 5־טן פעברואַר אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קאָלבאַסין נעבן גראָדנע. ביז דעם דערמאָנטן טערמין האָט מען צוזאַמענגעטריבן אין סוכאָוואָליער געטאָ די יידן פֿון דעם שכנותדיקן שטעטל קאָריצין. זיי זענען אָנגעקומען צעהרגעטע און צעבלוטיקטע...

אין דעם באַשטימטן טאָג, אַזייגער 5 פאַרטאָג, האָבן די זשאַנדאַרן אונדז גענומען טרייבן מיט געלאָדענעם געווער אין די הענט צום זאַמל־פּלאַץ אַנטקעגן דער געוועזענער שול. אויסערן געטאָ זענען געשטאַנען פּוילישע פּאָליציאַנטן און מערדערלעך געשלאָגן די אַרויסגעטריבענע יידן.

די 850 פורן זענען צעטיילט געוואָרן אין קאָלאָנעס צו 50 פורן. עס האָבן זיך געצויגן קאָלאָנע נאָך קאָלאָנע באַוואַכט פֿון געסטאַפּאָ, קיינער זאָל נישט אַנטלויפֿן. 10 אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען קיין קאָלבאַסין.

די ערשטע נאַכט האָבן מיר איבערגענעכטיקט אונטערן פרייען הימל, ווי אַ סך אַנדערע יידן, וואָס זענען געקומען פאַר אונדז. צומאָרגנס איז צוגעטיילט געוואָרן פאַר די 2,880 פּערזאָן פֿון סוכאָוואָליער געטאָ (די יידן פֿון סוכאָוואָליע און פֿון די שכנותדיקע שטעטלעך) זיעמלאַנקעס. יעדע זיעמלאַנקע — אַ לאַנגער, פינצטערער קעלער — איז געווען אָפּגעטיילט מיט שטעכיקע דראָטן. באַנאַכט איז דער לאַגער באַלויכטן געוואָרן מיט שטאַרקע שיין־וואַרפער.

דאָס אינעווייניקסטע לעבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער איז געווען שוידערלעך. מען האָט אונדז צוגעטיילט אַ קיך צום קאָכן. די שפּייז איז געלעגן אונטערן פרייען הימל, זענען די קאַרטאָפל געווען געפרוירן און די קאַשע אויסגעמישט מיט זאַמד און מיט מיסט. אַמאָל איז נישט געווען קיין פייער, אַמאָל האָט אויסגעפעלט וואַסער, האָט מען געמוזט עסן רויע נישט דערקאָכטע קאַרטאָפל אין שאָלעכץ (שיילן איז געווען פאַרבאָטן). זענען אין פאַרלויף פֿון די עטלעכע וואָכן, וואָס מיר זענען געווען אין דעם לאַגער, אויסגעשטאָרבן פיל מענטשן פֿון הונגער און שמוץ. ברויט איז צוגעטיילט געוואָרן 15 דעקאָ אַ טאָג. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען ווי ווילדע חיות מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און געזוכט אין די מיסט־קאַסטנס אָפּפאַלן פֿון עסנוואַרג.

אַ 50 מעטער פֿון לאַגער האָט געוווינט אין אַ סאָסנע־וועלדל דער געסטאַפּאָ־פירער און מאַסן־מערדער רינצלער. ער פלעגט אַרומגיין איבערן לאַגער ווי אַ ווילדע חיה און שלאָגן מיט אַ גומענעם שטעקן. ער האָט געשאָסן און געפּייניקט מיט קאַלטבלוטיקייט. אָט דער סאַדיסט האָט צעבראָכן דעם מוט און ווידערשטאַנד פֿון די סוכאָוואָליער יידן.

אין דעצעמבער 1942, האָט מען גענומען אָפּשיקן טראַנספּאָרטן קיין אוישוויץ. אין מיטן דער נאַכט זענען אַראָפּגעקומען געסטאַפּאָ־לייט און באַפוילן די, אָדער יענע שטאָט זאָל שוין אָפּפאָרן. אַ שרעקלעך בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די מחנה וואַנדערנדיקע יידן, באָרוועסע און נאַקעטע אין דער פראָסטיקער נאַכט. געשלעפּט האָבן זיך די מאַמעס מיט די נאַקעטע, געפרוירענע עופהלעך אויף די הענט... אַזאַ ווילדער גרויש... די, וואָס האָבן נישט באַוויזן מיטצוהאַלטן דעם טעמפּאָ פֿון דעם מאַרש, זענען אויפֿן אָרט דערשאָסן געוואָרן. אין גראָדנע אויפֿן באַן־הויף האָט מען אָנגעפּאַקט צו 80 פּערזאָן אין אַ וואַגאָן און אָפּגעשיקט אין קרעמאַטאָריע. פאַרן אָפּגיין פֿון טראַנספּאָרט האָט די געסטאַפּאָ צוגענומען ביי יעדן די לעפלען, די זייגער, דאָס צירונג, דאָס געלט.

אַזוי זענען אָפּגעפאָרן שטאָט נאָך שטאָט און פון די 28 טויזנט נפשות, פון 22 שטעט און שטעטלעך, זענען אין קאָלבאַסין געבליבן 3,500 יידן און צווישן זיי די סוכאָוואָליער. אַרום 22־טן דעצעמבער האָט מען אויך אונדז אַוועקגעטריבן קיין גראָדנע. דער גראָדנער יידן־ראַט האָט אונדז מיט גרויס מי איינגעקוואַרטירט אין קאַלטע, אומבאַהייצטע הייזער. די פאַרפייניקטע יידן זענען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער, גאַנצע פאַמיליעס זענען אויסגעשטאָרבן אין געציילטע טעג. אין אַ געוויסן פאַרנאַכט האָבן זיך פּלוצלונג אָנגעצונדן די עלעקטרישע לאָמפּן אין די געטאָ־גאַסן, דאָס איז געווען אַ סיגנאַל, אַז עס וועט גלייך פאָרקומען אַן אַקציע פאַר אַ פרישן טראַנספּאָרט. אויף די גאַסן איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכע מהומה און לויפעריי. איך מיט מיין ברודער סענדער האָבן זיך דאַן געפונען אויף דער פּרץ־גאַס. עס האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי, איך האָב זיך דערשלעפּט אויפן בויך צו אַ יידיש הויז. אין דערפרי האָב איך זיך צוריקגעקערט אין מיין צימערל אויף ווילענסקאַ־גאַס, איך האָב שוין מיין פאַמיליע נישט געטראָפן, די מערדער האָבן מיינע טייערסטע אַוועקגענומען. וווּ סענדער איז אַהינגעקומען ווייס איך נישט. די אַקציע איז געווען פאַרענדיקט. די גאַסן זענען געווען פול מיט מתים... איך און מיין חבר, משה טיקטין, האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן, כאָטש עס איז געווען געפערלעך. מיר זענען אַריבער די ניעמאַן־בריק און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון סוכאָוואָליע, דעם גאַנצן וועג פון 55 ק״מ האָבן מיר דורכגעמאַכט אין איין נאַכט.

דאָס איז געווען אָנפאַנג פעברואַר 1943.

באַגינען זענען מיר אָנגעקומען קיין סוכאָוואָליע. מיר האָבן זיך דערשלעפּט צו באַקאַנטע קאָלאָניסטן, קיינער האָט אונדז נישט געוואָלט געבן קיין ברויט אַפילו פאַר געלט. מיר האָבן זיך געלאָזט איבער די ביעליעס אין דאָרף „יאַצוועז״. אַדאַנק דעם סאָלטיס האָט אונדז אַן אָרעמער פויער ביים טייך „בזשאָזווקאַ״ אויסבאַהאַלטן פאַר געלט אין אַ קאַרטאָפל־גרוב. פון אים האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער באַהאַלט אויס אייך איטשע־בערל פאַרבשטיין און לייזער מאַרינבערג, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון גראָדנער געטאָ אין דער נאַכט פון דער ערשטער טרויעריקער אַקציע. דער גוי האָט זיי געבראַכט צו אונדז אין גרוב און מיר זענען אפּגעזעסן זאַלבערפערט אַ גאַנצן ווינטער. געשלאָפן זענען מיר זיצענדיק, עסן האָבן מיר באַקומען איינמאָל אין אַ מעת־לעת, וואַסער געהאַט ווייניק און וועש געטראָגן 7—6 וואָכן נאָכאַנאַנד...

מיטן אָנקומען פון פרילינג, ווען די פויערים זענען אַרויס באַאַרבעטן די פעלדער, איז אונדזער לאַגע געוואָרן געפערלעך. האָט מען אונדז איינגעקוואַרטירט ביים פויערס אַ קוזין, קיסלאָ, אויפן דאַך אין דעם שטרוי. דאָרט זענען מיר אָפּגעזעסן לאַנגע מאָנאַטן. דער פויער פלעגט אונדז ברענגען דאָס עסן, ווען ער האָט געפאַשעט די חזירים און געקאָרמעט די פערד...

ווידער איז אָנגעקומען דער זומער, די היץ אין אונדזער באַהעלטעניש איז אומדערטרעגלעך און דער פויער ווערט אומגעדולדיק, עס העלפט שוין באַלד קיין געלט אויך נישט... מיר דערוויסן זיך, אַז ברוך באַברי און שלום בערעק זענען דערשאָסן געוואָרן אין וועלדל ביי סוכאָוואָליע. די ידיעה האָט אונדז זייער צעבראָכן. מיר באַשליסן בלייבן אויפן ראַשטש ביז דער לעצטער מינוט.

עס איז שוין נאָענט צו דער באַפרייונג, עס ווילט זיך נישט אַריינפאַלן צו די מערדער אין די הענט. פלוצים קוואַרטירן זיך איין דייטשן אין דאָרף. קיסלאָ, וועלכער האָט איינגעשטעלט 14 חדשים זיין לעבן פאַר אונדז, פירט אונדז אַיבער אין אַ צווייטער קאָלאָניע. פון ראָשטש באַמערקן מיר, ווי יעדן טאָג ברענט אַן אַנדער דאָרף. די פויערים מוזן זיך עוואַקוירן צוליב דער נאָענטקייט פון פראָנט, מיר בלייבן אין דאָפּלטן געפאַר: די רוצחים און דער הונגער...

אַ דייטש האָט אונדז אַנטדעקט, מיר האָבן געמיינט אַז עס איז שוין דער סוף... עס איז נאָך אָבער באַשערט געווען צו לעבן, מען האָט אונדז געגלויבט, אַז מיר זענען פּאָלאַקן...

איך האָב זיך צעשיידט פון מאַרינבערגן און טיקטינען און שפּעטער אויך פון איטשע־בערלען. וווּ מיינע חברים זענען אַהינגעקומען ווייס איך נישט. איך בין איבערגעשיקט געוואָרן קיין מזרח־פּרייסן אין אַן אַרבעטס־לאַגער, וווּ איך האָב געאַרבעט ביז דעם 28־טן מערץ 1945, און דאַן באַפרייט געוואָרן. נאָך דער באַפרייונג האָב איך זיך געלאָזט אין דער ברייטער וועלט אַריין צו געפינען ערגעץ וווּ אַ נייע היים...

אין געטאָ און אין לאַגער

שווער זיך צו באַפרייען פון די טרויעריקע בילדער וואָס איך האָב זיך אָנגעזען און דורכגעמאַכט אין דעצווייטער וועלט־מלחמה.

ווען דער קריג האָט אויסגעבראָכן, בין איך געווען אין אַ קבוץ אין לאָדזש. ווען אונדזערע 300 חברים האָבן זיך געלאָזט אין וועג, בין איך געווען צווישן זיי. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקלעכע באָמבאַדירונגען. ביי לאָוויטש נאָך דער בריק בין איך געלעגן איינגעגראָבן מיטן קאָפּ אין דער ערד, מיינענדיק, אַז דאָס איז שוין דער סוף. און גלייך אַנטקעגן איז געווען אַ וואַלד פיל מיט מיליטער אַרומגענומען אין פלאַמען.

נאָך דער ערשטער מלחמה־נאַכט, באַגינען, לאָזט מען זיך ווידער אין וועג. עס ציען זיך מחנות מענטשן ציווילע און מיליטער. איך פאַרליר מיין קאָמפּאַניע. די פיס זענען פול מיט בלאָזן און דער וועג איז אַ ווייטער, אַן אומבאַקאַנטער און איך בין אַליין.. אַמאָל כאַפּ איך זיך אַרויף אויף אַ פור, אַמאָל אויף אַ באַן. זיך דערשלעפּט ביז וואַרשאָ, וווּ איך בין פאַרבליבן אַפּאָר וואָכן אונטער אַ פוילישן נאָמען: „יאַדזיאַ פּאַפּלאָווסקאַ".

איך לאָז זיך קיין שעדלעץ, פון דאָרט קיין לאָשיצע, ביז איך האָב זיך דערשלאָגן קיין מעלניק. זיך אַריבערגעקריגן אויף דער רוסישער זייט און בין שוין נאָענט צו דער היים. אָט בין איך שוין אין קאַרפּאָוויטש, איך דערזע דעם שפּיץ פון סוכאָוואָליער קאָשציאָל. ענדלעך זיך דערשלאָגן אין שטעטל, וואָס איז געווען פאַרנומען דורך די רוסן.

דאָס איז געווען אָנהויב נאָוועמבער 1939.

ביי אונדז אין שטעטל האָט זיך געלעבט שווער. פון די קראָמען איז אַלץ פאַרשוווּנדן. פּראָדוקטן — אויף קאַרטן. דער קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד איז געווען נישט נאָרמאַל, מען האָט מורא געהאַט צו שרייבן דעם אמת. דוד שעפּלער פלעגט זאָגן: „מ׳דאַרף שרייבן אַז מען האָט געטאָן אַ שדוך מיט זייער אַן אָרעמער כלה".

די קריסטן זענען געווען אויפגערעגט און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו נעמען נקמה פון די יידן. פאַרמעגלעכע יידן און רייכע קריסטן זענען פאַרשיקט געוואָרן אין טיף רוסלאַנד. די רוסן האָבן געהאַט אַ פּלאַן אַרויסצושיקן אַ האַלב שטעטל, נאָר נישט באַוויזן עס דורכצופירן. ווען די רוסן זענען אָפּגעטרעטן פון סוכאָוואָליע, האָט די פוילישע אינטעליגענץ געמאַכט אַ טריומף־טויער פאַר די דערוואַרטעטע דייטשע הערשער. אָבער אומדערוואַרט האָבן זיך די רוסן אומגעקערט און זיך גענומען נוקם זיין אין די קריסטן. זיי האָבן אַרויסגעפירט 5 קריסטן אויף אַ בערגל אויפן וועג צו גאַניאָנדז און זיי דערשאָסן. ביי די קריסטן האָט זיך געשאַפן אַ שטימונג, אַז דאָס איז צוליב די פאַרשיירע יידן...

ווען די דייטשע מערדער האָבן אַריינמאַרשירט אין שטעטל, איז געפאַלן אַ פּחד אויף דער יידישער באַפעלקערונג. דעם ערשטן זונטיק האָט דער גלח אָנגעהעצט די קריסטן, וועלכע האָבן גלייך מיט די „ס.ס." אָנגעהויבן צו פּאָגראָמירן און ראַבירן. די נאַכט זענען מיר געזעסן צוזאַמען מיט שכנאָ גריץ און זיין משפּחה ביי אונדז אין פיר־הויז, ציטערנדיק פאַר יעדן שאָרך. עס האָבן זיך אָנגעהויבן „יאָריקע" נעכט און פינצטערע טעג. באַנאַכט פלעגן זיך די כוליגאַנעס אַריינרייסן אין אונדזערע הייזער און מאַכן סקאַנדאַלן. אַמאָל איז געלונגען זיך אויסצולייזן מיט געלט.

אַ באַנדע שקצים אונטער דער אָנפירונג פון אַ פולקאָווער שייגעץ — שיינקאָ — האָט זיך אָרגאַניזירט און גענומען שלעפּן יונגע קינדער מיט שטעקנס איז זיי די אומגליקלעכע מוטער ראַשקע האַלפערן געפאַלן צו די פיס, מען זאָל איר איזאַקן פריי לאָזן. האָבן זי די כוליגאַנעס געשלאָגן אָן רחמנות און געקאָפּעט מיט די פיס; ישראל דער שמיד פון קאַרפּאָוויטשער גאַס איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד און נישט איינער האָט אים מקנא געווען, אַז ער איז שוין אויסגעלייזט פון די צרות.

דאַן פאַלט דער ערשטער קרבן אין שטעטל, איטשע שקלאַר, די קויל, וואָס האָט דערשאָסן דאָס ייִנגל, האָט אַלעמען געטראָפן.

דער שרעקלעכער שבת, י״ז תמוז אין 1941.

ברוך ראָזענבערג לויפט און שרייט: „אַנטלויפט, מען רופט אין גאַס״... די בהלה איז גרויס. איך לויף אַרויס פון שטוב און באַמערק ווי טויבע די פאַרבערקע טראָגט אַ קרוג וואַסער, איינער פון די „ס.ס.״ רייסט אַרויס דעם קרוג און וואַרפט אים אין טויבען. גומענע באַגייקעס פליִען איבער די קעפּ. עטל צימבאַל שרייט: „מאמע, ראַטעווע!״ און איר מוטער מוז ווייטער לויפן. איינער האָט דעם אַנדערן נישט געקענט ראַטעווען און זיך אַליין אויך נישט.

שוידערלעכע סצענעס: מען שלאָגט, מען מאָר־דעט מיט אייזנס, מיט שטעקנס און קיינער ווייסט נישט, מען איז פאַרגליווערט, פאַרשטיינערט. קען דען אַ שטיין וויינען?... דאָך האָפט מען איבערצוקומען די צרות, מען באַהאַלט די זאַכן; ביי משה ווײַנער אין קעלער האָבן אַלע שכנים באַהאַלטן בעטגעוואַנט, די כוליגאַנעס האָבן עס צעראַבירט.

יעדן טאָג האָט מען געיאָגט אויף אַרבעט. ווינטער אינדרויסן איז אַ זאַווערוכע, מען מוז לויפן קילאָ־מעטערס. איינמאָל אַ פרייטיק בין איך געקומען צוריק אַהיים. דעמלט איז נאָך געווען גוט, עס איז נאָך געווען אַ מאַמע, זי האָט נאָך דערוואַרט מיט אַ וואַרעמען עסן...

גייענדיק פון דער אַרבעט, שמוקל איך אַריין אַמאָל עפּעס עסן. איינמאָל האָב איך געקויפט פּוטער און עס אַריינגעלייגט ווי אַ קאָמפּרעס אויפן האַלדז און פאַרבונדן מיט אַ קאָפּ־טיכל; קריג איך אַ פלעשל אייל, בינד איך עס איין אין אַ בעזעק און טראָג עס דורך. דער קאָמיסאַר האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „ווען מען זעצט אַריין אַ ייִד אין אַ פאַרמאַכטער פלאַש, וואָלט ער זיך נאָך אַלץ געדרייט...״

איך מיט לאהקה סטוצינסקי זענען מיר געווען צוזאַמען אין דאָרף „ביעראַסנאַ״. די באַדינגונגען זענען געווען שרעקלעכע, מיר האָבן געשלעפּט שטיינער און די באַנדיטן האָבן געשלאָגן. אין די גרעסטע היצן פלעגן מיר זיך אָנטאָן וואַרעם, כדי ווייניגער צו פילן די קלעפּ פון די „דאָזאָרצעס״.

עס האָבן זיך געצויגן טרויעריקע טעג ביז עס איז אָנגעקומען דער באַפעל צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ. דאָס האָט געמוזט געשען שנעל. משפחות האָבן געמוזט איבערלאָזן קראַנקע אויפן טויטן־בעט. די פאַמיליע פיינבערג האָט געמוזט איבערלאָזן זייער קראַנקן זון לייבלען, הינדע טונ׳ס מאַן האָט נישט געקענט גיין, איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, הינדעס מוטער איז פאַר צרות משוגע געוואָרן. שאָשע ציבולי און ריקלע פּאָפּלאַווסקי האָבן זיך פאַרנומען מיט הינדעס 5 יתומים.

ווען מיר האָבן באַגינען געווירט פון געטאָ, זענען אַלע בריקלעך געווען געפּאַקט מיט גויים, וועלכע האָבן זיך געפרייט אויף אונדזער אומגליק.

מיר האָבן דורכגעלעבט עטלעכע שוידערלעכע וואָכן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קאָלבאַסין, און אַ פּאָר וואָכן אין קעלט און אין הונגער אין גראָדנע.

איך געדענק, ווי מיין פעטער, יצחק פּאָפּלאַווסקי, מיט אַן אויסזען פון אַ געשטאָרבענעם, גיט אָפּ זיין לעצטן פאַרמעגן, זיין גאָלדענעם זייגער, פאַר אַ ברויט און אַנטלויפט דערמיט, דער בעקער זאָל נישט חרטה האָבן און אים נישט נאָכיאָגן...

פון גראָדנע אין די טאָוואַראָווע וואַגאָנען צו דער לעצטער סטאַציע, קיין אויסשוויץ. מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס איז דער לעצטער וועג. צוזאַמען מיט אונדז אין וואַגאָן זענען געווען אביגדור בענצקי, די ברודער שטוץ, מאיר קרעמער, וואָלאָדזיאַנסקי. אַלע זענען געווען פּאָליטיקער „ס׳קען נישט זיין, אַז די וועלט זאָל אונדז לאָזן אומברענגען״ — האָבן זיי געטענה׳ט.

מיטוואָך ביי נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אויפן ריכטיקן פּלאַץ, פונוואַנען מיליאָנען זענען נישט אַרויס מער לעבעדיק. מיר האָבן דערהערט געוואַלדן פון די מערדער: „אויסשטייגן און די פּאַקעטן היער לאַסן...״ דערביי האָט מיר די מאַמע געזאָגט די לעצטע ווער־טער: „מיר זענען פאַרלוירן...״ מער האָב איך איר קיינמאָל נישט געזען... שטעקנס האָבן אונדז צעשיידט... עס זענען געשטאַנען פיעל געפּאַקטע אויטאָס, ווי שאָף צו דער שחיטה. איך האָב געזען נאָר קעפּ און אויפ־געכאַפּטע זייערע שטומע בליקן, פון וועלכע איך קען זיך קיינמאָל נישט באַפרייען, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מען פירט זיי הרגענען...

איבער מיין קאָפּ זענען געפלויגן שטעקנס און איך האָב אַלץ נאָכגעקוקט דער מאַמען...

מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ באַראַק. איך בין איבערגעזעסן די יאָריקע נאַכט אין געקלערט וועגן דער מאַמען... באַגינען האָט מען אונדז געטריבן אין באָד אַריין. דאָרט האָט מען אונדז אָפּגעשוירן און אָנגעטאָן אין אַלטע מיליטערישע קליידער, דאַן האָט מען אונדז „טיטואירט”, ד.ה. מיר האָבן מער נישט געהאַט קיין פּריוואַטע נעמען, נאָר נומערן.

באַנאַכט אין דער פינצטער האָט מען אונדז אַרויסגעיאָגט ווי הינט צום „צייל־אַפּעל”, לויפנדיק פלעגט מען פאַרלירן „די קלאַמפּעס”.

אונדזער אַרבעט: קילאָמעטערס שלעפּן מיר ציגל אונטער אַ מבול פון רעגן און קלעפּ, אָפּט שיט מען אַריין זאַמד און בלאָטע אין אונדזערע מאַנטלען, די משאָ האָט אונדז געצויגן צו דער ערד און די הינט יאָגן און די מערדער שלאָגן...

די שטובן־דינסטן פון בלאָק זענען געווען סלאָוואַקישע. איך טו פאַר זיי די שמוציקסטע אַרבעט און אַמאָל קריג איך אַביסל הייסע וואַסער פון די געקאָכטע קאַרטאָפל. איך פאַרגין זיך עס אַליין נישט אויסצוטרינקען. שרה טיקאָצקי געפינט זיך מיט מיר, מיר זוכן אויס נאָך אַפּאָר שטעטישעביילע ציבולי, חינקע ביעגון, זאָלן זיי זיך אויך מחיה זיין.

איך לייד שרעקלעכע עינויים פון דער בלאָקאָוואָ אַלגאַ, איינע פון די גרעסטע מערדערינס אין לאַגער. אָפּט בעט איך אויף זיך דעם טויט און בין מקנא די, וועלכע האָבן געהאַט דעם זכות צו שטאַרבן און באַגראָבן ווערן אויפן סוכאָוואָליער בית־עולם.

איינמאָל גייענדיק צו דער אַרבעט האָב איך מיט שרהן באַמערקט אַ גרופּע אַרבעטער און צווישן זיי הערשל אַבראַמאָוויטש, אָבער רעדן מיט מענער איז פאַרבאָטן, האָבן מיר אים אַ וואָרף געטאָן אונדזער פּאָרציע ברויט, האָבן זיך אַלע אויף דעם געוואָרפן ווי בינען...

אויף מיינע אויגן האָבן די סאַדיסטן דערהרגעט די אומגליקלעכע ביי דער אַרבעט. דאָס לעבן אין לאַגער איז געווען אומדערטרעגלעך, איין בילד שרעקלעכער פאַרן אַנדערן. די סעלעקציעס האָבן צעבראָכן, דבורה קרוק האָט מען פאַרשריבן איר נומער, האָבן מיר גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז איר סוף. קיינער האָט אונדז גאָרנישט דערציילט, די פּראַקטיק האָט אונדז געלערנט... יענטע קרעמער איז אַריין אין לאַגער מיט אַלע 3 מיידלעך, איינציקווייז האָט מען זיי צוגענומען; מען נעמט צו אונדזערע עטלעכע סוכאָוואָליער גאָלדע שקלאַר (מלך׳ס), סאָני וויינער, ראַכל און אסתר ראַבינאָוויטש, חינקע ביעגון, עטי פישער. לייקע ליבלינג מאַכט דורך אַ שרעקלעכן סוף. נעכע ברומער פלעגט ווערן שטאַרק צעשלאָגן, האָט זי זיך געבעטן ביי דער אויפזעערין, זי זאָל איר צורו לאָזן, ווייל זי איז אַן אַמעריקאַנער בירגערין, האָט איר די סאַדיסטן אַזוי צעשלאָגן, אַז נעכע האָט זיך שוין קיינמאָל נישט אויפגעהויבן...

נאָך יעדער סעלעקציע איז מען דערשראָקן, אפשר איז געקומען „מיין רייע”, נעמען צו אַ סעלעקציע הייסט אַוועקפירן אין 25־טן בלאָק, דאָס איז די לעצטע סטאַנציע, פון דאָרט אין די גאַז אויוונס...

נישט איינמאָל גיי איך דאָרט פאַרביי, ווען מען טרייבט אונדז אויף אַרבעט, איך זע אַ פולן הויף מיט טויטע און האַלב־טויטע מענטשן, דערוואַרטנדיק זייער סוף. איך האָב געזען די וואַגאָנען, וואָס זענען געלאָפן אַהין און צוריק. נישט איינמאָל האָט אַ מאַמע אַראָפּגייענדיק פון וואַגאָן, געבעטן אַביסל וואַסער פאַר איר קינד, זי האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז נישט זי און נישט איר קינד וועלן שוין קיינמאָל מער קיין דורשט נישט פילן...

ווען איך בין אָנגעקומען קיין אויסשוויץ אין יאַנואַר 1943, איז די קרעמאַטאָריע נאָך נישט געווען אויסגעבויט, פלעגן די מענטשן וואַרטן אויף זייער ריי צו די גאַז־אויוונס אויפן הויף.

אָפּט האָב איך געזען דעם טויט פאַר די אויגן. איינמאָל האָב איך געחלשט ביי אַ צייל־אַפּעל. עס איז געווען אַ נס, וואָס מען האָט מיך נישט צוגענומען אין בלאָק 25. 4 וואָכן בין איך געלעגן אין „רעוויער” (שפּיטאָל), נישט צו באַשרייבן מיין שרעק, ווען די דאָקטוירים פלעגן אַריינגיין אויף אַ קאָנטראָלע...

אַמאָל בין איך שוין געזעסן אין בלאָק 25, איך האָב געציילט מיינע לעצטע מינוטן, איך האָב זיך שוין געזען אין קרעמאַטאָריע, אין פייער... און עס האָט זיך אַזוי געוואָלט איבערלעבן, זיין דער לעצטער נומער...

מיר, די עטלעכע סוכאָוואָליער אין לאַגער, האָבן זיך געהאַלטן, ווי איין משפּחה. אַמאָל איז שרה קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע, מען האָט איר צוגענומען אין



פון רעכטס צו לינקס: ישראל (הערשקעס) קרוצעל און ישראל (מלך׳ס) שקלאַר

„רעוויער״. זי האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט איר אַוועקשיקן אין לובלין. איך האָב איר אַרויסגענו־מען פון שפּיטאָל אַדאַנק דער בלאָקעלטעסטע, די ברידער זאַלע פלעגן אונדז צושטעלן חינין, שרה האָט זיך געשטעלט אויף די פיס.

אין 1944 האָט מען אונדז אָפּטראַנספּאָרטירט אין די סודעטן, אין פאַרניכטונגס־לאַגער „ווייס־וואַסער״.

דאָ האָבן מיר געאַרבעט אין אַן אַמוניציע־פאַבריק. אין דעם לאַגער האָבן מיר נישט געזען פאַר די אויגן די גרויסע גאַז־קאַמערן, די וואַגאָנען... אָבער הונגער און קעלט האָבן אונדז אויך דאָ געמאַטערט, מיר זענען שוין געווען אויסגעמאַטערט און געמיינט, אַז דער הונגער וועט אונדז דאָ באַקעמפן. אונדזער גאַנצער ווונטש איז געווען אַמאָל צו עסן צו דער זעט...

חיה שרה מאַריינע האָט איבערגעלעבט די שווער־סטע מאָמענטן, אין 1944 איז זי קראַנק געוואָרן און אַוועקגענומען געוואָרן אין בלאָק 25. ישראל קרוצעל און לייבאַטשקע זאַלע האָבן איבערגעטראָגן די שווער־סטע צייטן און סעלעקציעס און דאָך נישט דערלעבט... זיי זענען געשטאָרבן נאָך דער באַפרייונג...

דעם 8־טן מאַי 1945, איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען פון לאַגער. מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג, אָבער ווו מיר האָבן נאָר גע־שטעלט אַ פוס אויפן פּוילישן, פאַרבלוטיקטן באָדן, האָט אַלץ אין אונדז געוויינט. די פוסטקייט פון די שטעט און שטעטלעך, נישטאָ צו וועמען צו גיין, ס׳איז קיינער נישט פאַרבליבן...

יהודית פּאָפּלאַווסקי־בורשטיין

צום אנדענק פון חברים

„איזוהי דרך טובה שידבק
בה האדם? רבי יהושע
אומר — חבר טוב!״ —
(פרקי אבות, ב. י״ג)

פון מיינע בעסטע שול און אָרגאַניזאַציע־חברים זענען געבליבן בלויז זכרונות. זיי זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט זייערע משפחות.

משהל טיקטין — אַ לוסטיקער בחור, אַ גוטער חבר. אין הויז פון זיינע עלטערן אהרן הירש און חנה־איטקע נעבן מויער־בית־המדרש איז געווען אַנגענעם, און פריילעך. דאָרט זענען זיך צוזאַמענגעקומען חברים און חברטעס פון זייערע קינדער טייבל, שרוני און משהל. ווען דאָס קליינוואַרג איז אויסגעוואַקסן, זענען פאַרווישט געוואָרן די גרענעצן פון די יאָרן און עס איז געוואָרן כמעט איין קאָמפּאַניע. די יינגערע האָבן באַלאַנגט צו דער אָרגאַניזאַציע „פּרחי־החלוץ״. שבת נאָכן טשאָלנט פלעגן מיר זיך אויפקלייבן ביי אהרן־הירשן אין שטוב און פאַרלייענען אייגענע פאַרפאַסונ־גען, אָדער אַ ניי ווערק, דיסקוטירן.

אונדזערע וועגן זענען זיך נאָך עטלעכע יאָר פאַנאַנדערגעגאַנגען, איך האָב געלערנט אין ביאַליס־טאָק אין „תחכמוני״ און משהל אין גראָדנער גימנאַזיע. שפּעטער האָבן מיר זיך ווידעראַמאָל צוזאַמענגעטראָפן אין בית״ר. דער לעבנסלוסטיקער משהל האָט דורכ־געמאַכט הכשרה, שווערע אַרבעט, ביי טראָגן ציגל, געווען דער מפקד פון הכשרה, צוגעגרייט צו עליה; דער סערטיפיקאַטן סיסטעם האָט געהייסן וואַרטן און משהל האָט פאַרשפּעטיקט... ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן

צוזאַמען מיט שמחה לאַזאַר אין די גריבער און דער־פער ביי סוכאָוואָליער, ווו ער איז אומגעקומען, ווייסט מען נישט.

משהלס שוועסטער — שרוני — אַ פריילעכע און לוסטיקע ווי איר ברודער, זיך געלערנט אין גראָדנע. אַ סימפּאַטיקערין פון בית״ר, האָט געהאָלפן זאַמלען פאַרן „תל־חי״ פאָנד א.אַ.וו.

שיינדל און פישל כהן: זייער פאָטער ראובן איז געווען אַ ייד אַ תלמיד־חכם, פון די אָנפירער פון „מזרחי״, צוזאַמען מיט משה פוטיאל. די קינדער האָבן איבערגענומען די שטילקייט און באַשיידנקייט פון זייערע עלטערן. שיינדל און פישל זענען געווען איידל און צוריקגעהאַלטן; פישל, אַן אַקטיווער חבר אין בית״ר און שיינדל אַ סימפּאַטיקערין, געהאָלפן דורכ־פירן פאַרשידענע אַקציעס. פישל איז געווען אַ געראָטענער, פּעאיקער בחור. מיר האָבן צוזאַמען געלערנט אין ביאַליסטאָק און מיר זענען געווען ביידע פון די גרינדער פון בית״ר. ער האָט געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, אָבער ער האָט נישט זוכה געווען...

דניאל און אפרים פעטלוק — ביידע בית״רים. ביי זייערע עלטערן — יאַנקל און באַשקע — האָבן זיי געזען נאָר האַנדל. אפרים, דער יינגערער ברודער האָט זיך באמת אָנגעשטעקט מיט „מסחר״. אָבער דניאל האָט געזוכט אַן אַנדערע צוקונפט. געענדיקט „דרוס־קינס״ גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק און זיך אָנגעשלאָסן אין די בית״ר־רייען.

ראַשל זאַק — אַ טאָכטער פון אברהמל משהס. דער זיידע ר׳ משה, אַ ייד מיט אַ גרויסער ווייסער באָרד, געווען אַ פורמאַן, געפאָרן קיין ביאַליסטאָק ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן. דער זון אברהמל האָט איבערגענומען דעם פאָטערס פאַך. ער פלעגט אַרויס־פאָרן פון סוכאָוואָליע זונטיק פאַרנאַכט, איינשלאָפן אויפן וואָגן און זיין פערד האָט אים געברענגט מאָנטיק פאַרטאָג קיין ביאַליסטאָק. די וועגן זענען געווען רואיקע. מען איז געפאָרן דורך דערפער, וועלדער און פעלדער און אַלץ איז אַדורך בשלום. אָט די שטילע וועגן און שטעגן זענען דערנאָך געוואָרן פאַרגאָסן מיט יידיש בלוט...

אברהמל און ציפּקע זענען געווען גוטמוטיקע מענטשן, מען האָט זיך געפילט ביי זיי, זייער היימיש. זייערע טעכטער ראַשל און שיינקע זענען געווען אַ צווילינג, אומעגלעך געווען אונטערצושיידן צווישן זיי. 3 יאָר האָב איך מיט ראַשלען געלערנט אין גימנאַזיע און ערשט דאַן איר דערקענט. ראַשל איז געווען באַגאַבט און זייער פלייסיק. זי איז געווען איינע פון 22 שילער, וועלכע האָבן באַקומען מאַטורע אין אַ קלאַס פון 54. ראַשל האָט זיך געקליבן קיין ארץ־ישראל און נישט באַוויזן, ווי צענדליקער חברים אין חברות פון קלאַס.



אין דער צווייטער שורה פון לינקס צו רעכטס: שיינדל כהן מיט אירע חברטעס

די אינטימסטע חברטע פון ראַשלען איז געווען לייקע ליבלינג — די מוזינקע פון שרה־דינהן מיטן „שטומען”. זי איז געווען די שענסטע פון שרה־דינהס טעכטער. לייקעס סוף איז געווען אַ שוידערלעכער.

בנימין טיקאָצקי — פון די שענסטע און איידלס־טע בחורים פון אונדזער שטעטל, שטענדיק פריילעך און גרייט אַרויסצוגעבן פאַר צווייטן די נשמה. ער האָט זוכה געווען צו קומען קיין ארץ־ישראל אין 1932. ער איז געווען אַ לונגען־ליידנדער, די בוי־אַרבעט איז געווען צו שווער פאַר זיין שוואַכן געזונט, ער איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק אַ פרוי און אַ קינד. ער לאָזט זיך נישט פאַרגעסן.

איך האָב אין קורצע שטריכן דערמאָנט חברים, וועלכע איך האָב געקענט פון דער נאָענט. אַלע טייער און ליב, אַלע זענען אומגעקומען אין אָנפאַנג פון זייער לעבנסוועג. זאָלן אָט די שורות דינען אַלס אָנדענק פאַר די יונגע לעבנס, פאַר די טייערע יידישע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן זייערע שטרעבונגען און זייער לעבנס־געזאַנג האָט זיך אינמיטן איבערגעריסן...

ישעיהו וואָראָשילסקי

דער אומקום פון א משפחה

עטלעכע טעג פאַר דעם טראַנספּאָרט קיין אויס־שוויץ, די בהלה איז גרויס, יעדער וויל זיך ראַטעווען, אָבער קיין וועג איז נישטאָ. מיר געפינען זיך אין גראָדנער געטאָ. דער הונגער איז גרויס. די קעלט איז אומדערטרעגלעך. דער איינציקער ווונטש איז צו בלייבן לעבן.

פאַר מיינע אויגן שטייט מיין פאָטער שלום מיט דעם תהילים אין דער האַנט, אַ באַגאָסענער מיט טרערן, און איז מתפלל. עס האָט ממש געשניטן דאָס האַרץ און שוידערלעך אָפּגעקלונגען אין דער טויטער שטילקייט פון דער פינצטערער קאַלטער ווינטער־נאַכט.

מיין ברודער, שמואל, קומט אַריין אין שטוב פאַרטרויערט און פאַרזאָרגט. ער שווייגט. מיר פילן אַז ער וויל עפּעס זאָגן און ער איז זייער פאַרצווייפלט. איך פרעג אים צו עס איז פאַראַן נייעס. ער ענטפערט:

— יאָ, איך האָב באַשלאָסן זיך צו ראַטעווען. איך וועל מאָרגן פרי אַנטלויפן פון געטאָ.

ער ווערט בלאַס און טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגן. די מאַמע, מאַשקע, די גוטע נשמה, ענטפערט:

— זאָל דיר גאָט העלפן מיין קינד, ראַטעווע זיך.

זי איז אַריין אין קיך, האָט זיך צעוויינט און געבעטן גאָט פאַר איר קינד.

אַלע זענען געבליבן זיצן און האָבן געוויינט, וויסנדיק, וואָס דערוואַרט יעדן פון אונדז.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומט אַריין מיין צווייטער ברודער, יחזקאל. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר און האָט מיט אַ ציטערדיקער שטים געזאָגט:

— איך גיי מאָרגן פרי אַוועק פון דאַנען, איך וועל פּרובירן זיך ראַטעווען.

דער פאָטער קען זיך שוין מער נישט איינהאַלטן צעוויינט זיך און זאָגט:

— אַזוי איז עס — איר יונגע קינדער וועט אַנטלויפן און זיך ראַטעווען און איך מיט דער מאַמען וועלן גיין צום טויט. מען זאָגט, אַז צווישן יונגע מענטשן, וואָס זענען באַשעפטיקט ביי אַרבעט קענען די עלטערן אויך מיטגיין, נאָר אַז איר לאָזט אונדז אַליין, דאַן גייען מיר צום זיכערן טויט.

שמואל, הערנדיק די ווערטער זאָגט:

— אויב אַזוי, אויב דו מיינסט, אַז איך וועל אייך קענען ראַטעווען, בלייב איך מיט אייך. איך גיי נישט.

ער פאַלט אַרויף אויף דעם פאָטער און הויבט אים אָן צו קושן. מיר אַלע בלייבן זיצן ווי דערשטוינט און יעדער פון אונדז קלערט, ווי אַזוי דעם צווייטן צו ראַטעווען.

די נאַכט איז אַריבער און דער טאָג האָט גענומען אויפגיין מיט זיינע צרות און פיין. יחזקאל שטייט אויף, קוקט זיך אַרום צו אַלע שלאָפן און שטילערהייט טוט ער אָן אויף זיך דעם שבת׳דיקן אַנצוג און אויף דעם — די אַרבעט־מלבושים.

איך שלאָף נישט, איך זע אַלץ, וואָס ער טוט און פאַרשטיי גלייך, אַז ער גייט אַוועק פון אונדז. איך כאַפּ אַ קוק צו דער מאַמען. זי שלאָפט, איך וויל, זי זאָל עס נישט זען, נאָר גלייך ווי איך האָב מיך אומגעדרייט, האָט זי צו מיר שטילערהייט געזאָגט:

— איך שלאָף נישט, מיין קינד, איך זע אַלעס, זאָל אים גאָט העלפן, ער זאָל מצליח זיין אין זיין וועג.

זי האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט. יחזקאל האָט געגלויבט, אַז אַלע שלאָפן און איז שטילערהייט צו יעדנס בעט צוגעגאַנגען און שטומערהייט זיך מיט יעדן געזעגנט מיט אַ פאַרצווייפלטן בליק, מיט בלוטיקע טרערן. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם בעט, ווו איך מיט דער מוטער זענען געשלאָפן, מיר האָבן זיך געמאַכט שלאָפנדיק, וועלנדיק אים איינשפאָרן דאָס טראַגישע געזעגענען. ער האָט עטלעכע מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ, נאָך אַמאָל אונדז אָנגעקוקט און געוויינט. אַזוי איז ער פון אונדז אַוועק אויף אייביק.

זיין ענערגישער ווילן האָט אים נישט געלאָזט רוען און אונטערגעבן דעם גורל, וואָס האָט דערוואַרט דעם כלל־ישראל: גיין גלייך מיט אַלע צו דער שחיטה. אים איז געלונגען זיך דורכצורייסן די געטאָ־פאַרצוימונגען און זיך פאַרבינדן מיט די פאַרטיזאַנער אין די וועלדער. דאָרט האָט ער געקעמפט קעגן די נאַצי־מערדער און געפאַלן ווי אַ העלד אויפן מזבח פון נקמה.

איך בין געבליבן, אָבער אַלע זענען אומגעקומען, טייערע מוטער! איך זע דיך שטענדיק פאַר מיינע אויגן, דיין ליבן צערטלעכן שמייכל אויף דיין פאַרזאָרגטן געזיכט, שטענדיק פאַרטראַכט וועגן די קינדער, כ׳הער דיינע טרייסט־ווערטער:

— זאָרג נישט, מיין קינד, די ביסט נאָך יונג, דו וועסט נאָך דערלעבן צו וואָס דו שטרעבסט. איך פיל נאָך די וואַרעמקייט פון דיין אויסגעדאַרטן קערפער אין דער לעצטער פראָסטיקער ווינטער־נאַכט, ווען מיר זענען ביידע צוזאַמען געלעגן, און קיינער פון אונדז איז נישט איינגעשלאָפן, אַזוי ווי מיר וואָלטן ביידע געפילט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר זענען צוזאַמען.

די שטאַרקע נאַצי־מערדערישע האַנט האָט מיך אויסגעניכטערט פון די זיסע טרוימען. אויפן אָרט פון ליבשאַפט און צערטלעכקייט פון דיר, טייערע מוטער, האָב איך געפילט דעם גראָבן שטעקן איבערן קאַרק און שטעכל־דראָטן, אונטער וועלכע עס האָט אויף יעדן טריט און שריט געדראָט דער טויט. טייערע און ליבע עלטערן, ברידער און שוועסטער, אייער לעצטע צוואָה פאַרן טויט, וואָס איז באַשטאַנען פון איין וואָרט „נקמה", האָט מיר צוגעגעבן פיל מוט און דרייסטקייט אינעם קאַמף פאַרן לעבן, צו באַקעמפן דעם טויט, וועלכער האָט מיר געדראָט אויף יעדן טריט און שריט.

שרה טיקאָצקי־עברי

אזוי האבן מיר זיך געראטעוועט

אין יאָר 1928 האָב איך פאַרלאָזט סוכאָוואָליע, אַריבער אין גראַיעווע און דאָרט אויפגעבויט מיין היים. מיין פרוי עטקע און מיין טאָכטערל — פערל — זענען אומגעקומען מיט אַלע גרייעווער יידן.

מיין פאָטער — מרדכי — מיין ברודער און מיינע 8 שוועסטער מיט זייערע פאַמיליעס — 52 פערזאָן — זענען אומגעקומען מיט אַלע סוכאָוואָליער. בין איך פאַרבליבן איינער פון אַזאַ פאַרצווייגטער משפחה צו באַוויינען זייער פריצייטיקן טויט, בין איך איינער פון די איינצלנע יידן, וואָס זענען פאַרבליבן פון אונדזער שטעטל.

איך בין געראַטעוועט געוואָרן צוליב מיין זיין אין פוילישן מיליטער. און שפּעטער — אַ פּאָר יאָר אין געפאַנגענשאַפט אין רוסלאַנד.

אין אויגוסט 1939, בין איך גערופן געוואָרן אויף 4 וואָכן אין פוילישן מיליטער. דער טאָג, אין וועלכן איך האָב געזאָלט זיך באַפרייען איז אויסגעבראָכן דער קריג. אין 2 טעג אַרום בין איך אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט. אונדזער מיליטער, נישט קענענדיק ביישטיין די דייטשע כוחות, האָט זיך צוריקגעצויגן. מיר זענען געווען צווישן צוויי קלאַמערן, די דייטשן און די רוסן, וועלכע האָבן אונדז גענומען אין געפאַנגג־

שאַפט און אַוועקגעשיקט אויף אוקראַינע. דאָרט בין איך געווען אין זייער שלעכטע באַדינגונגען, געליטן הונגער און קעלט. לייכטער איז געווען, ווען איך בין אַוועקגעשיקט געוואָרן מיט אַ גרופּע געפאַנגענע צו דער אַרבעט ביים בויען דעם שאָסיי קיעוו־פשעמישל. ווען עס איז אויסגעבראָכן אין 1941 דער קריג צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, זענען מיר אַוועקגעשיקט געוואָרן אין טיף רוסלאַנד. אַ פּאָר יאָר שפּעטער בין איך באַפרייט געוואָרן פון געפאַנגען־לאַגער, און ווידער אַריין אין פּוילישן מיליטער. אַ ווינטער צייט זענען מיר געווען אין אַ לאַגער נישט ווייט פון סאַמאַר, וווּ מיר האָבן געליטן הונגער און קעלט. דאַן פאַנגען זיך אָן נייע וואַנדערונגען: פון סאַמאַר אין טאַשקענט, אין פּערסיע, אין איראַק, און פון דאָרט קומען מיר ערב יום־כּפּור 1943, קיין ארץ־ישראל. אויף יום־טוב האָט מען אונדז פריי געלאָזן און דאָ בין איך שוין געבליבן אויף דער פריי.

שמעון צימבאַל (אַטלאָסעוויץ)

עלקע סאָקאָלסקי-וואַקסמאַן

אַ בריוו פון אַן איבערגעבליבענער

טייערער ברודער אייזיק!

מיר דוכט זיך אַז וואָס איך זאָל נישט דערציילן, וועט דאָס אויסזען נישטיק קליין אין פאַרגלייך מיטן גרויסן אומגליק.

זאָל איך באַשרייבן, למשל, ווי אין 39־טן יאָר, אין אָנפאַנג פון דער מלחמה, האָבן די דייטשן פאַרברענט גאַנץ טרעסטינע, אויסגעשאָסן כּמעט אַלע איינוווינער, וואָס איז דאָס וויכטיק ווי אַזוי זיי זענען אומגעקומען, ווער עס איז פריער אָדער שפּעטער פאַרברענט געוואָרן, דאָס טרויעריקסטע איז, אַז קיינער איז נישטאָ...

יאָרן וואָלט געווען וואָס צו דערציילן, און שרייבן איז שווער, זייער שווער.

דער מאַמעס שוועסטער ריווע מיט אירע 2 קליינע קינדער און זייער אַלטע מאַמע — אונדזער באָבע — זענען געקומען אין לאַגער און דאָרט געשטאָרבן. ריווען האָט מען געגאַנגען אין לאַגער און דאָרט געשטאָרבן. ריווען האָט מען פאַרשיקט אין אַ צווייטן לאַגער, און דעם סוף ווייסט איר דאָך...

פון אונדזער שוועסטער מיט איר פאַמיליע ווייס איך נישט, וואָס צו שרייבן. איך ווייס נאָר, אַז זיי זענען נישטאָ, וווּ זיי זענען אומגעקומען, ווייס איך נישט. אונדזער ליבער פאָטער האָט זייער מורא געהאַט פאַר די רוצחים, ווי ער האָט זיי גערופן. אָבער וווּ ער האָט זיך נישט אויסבאַהאַלטן איז ער אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט און איז געוואָרן שטאַרק צעשלאָגן. דעמלט איז עס געווען שרעקלעך, אָבער איצט איז דאָס אַלץ גאָרנישט, ער איז דאָך נישט געשטאָרבן פון יענער שרעק און פון יענע קלעפּ...

אַזוי איז אויך געווען מיט די קראָמערס... ווען די רוצחים זענען אַריינגעקומען אין סוכאָוואָליע, האָבן זיי פאַרנומען די פּוילישע שול. זיי זענען נישט געווען קיין ריכטיקע מאַכט, אָבער זיי האָבן געקענט טאָן מיט אונדז וואָס זיי האָבן געוואָלט. איינמאָל האָבן זיי צוזאַמענגעקליבן אַלע מיידלעך און פאַרמאַכט אויבן אין בית־המדרש. זיי האָבן געשטעלט אַ וואַך, אַז קיינער זאָל נישט קענען אַריינגיין צו די מיידלעך, (איך בין דאָרט צופעליק נישט געווען, ווייל איך בין געווען באַהאַלטן מיטן טאַטן). פריידל און ראָחצע און אַנדערע מיידלעך זענען דאָרט געווען. אין צוויי טעג שפּעטער האָט מען זיי אויסגעקויפט פאַר וויפל די רוצחים האָבן פאַרלאַנגט.

אַ צווייט מאָל האָט מען געהאַלטן פאַרמאַכט די מענער אין שול און קיינעם צו זיי נישט צוגעלאָזט. איך האָב זיך איינמאָל דורכגעגנבעט צו זען דעם טאַטן און אים עפּיס ברענגען, ווייל מיר האָבן געהערט, אַז מען גייט זיי אַוועקשיקן ווי אין אַנדערע שטעטלעך. ווען איך בין געגאַנגען צוריק און איך בין שוין געווען ביי תנחום סוראַזקי אין גאָרטן, האָבן די רוצחים מיך געכאַפּט, און מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביקס קעגן מיר, געפרעגט, צי איך האָב נישט געוווּסט, אַז איך ברעך דעם פאַרבאָט, גייענדיק זען די מענער. איך האָב געזאָגט דעם אמת, אַז איך בין געגאַנגען זיך געזעגענען מיטן טאַטן. איך האָב זיי געוויזן דעם טאַטנס גאָלדענעם קעשענע־זייגער מיט דער קייט. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז דאָרט וווּ מען שיקט זיי, וועט ער עס נישט דאַרפן האָבן. מערקווירדיק, ווי זיי האָבן מיר דאָס מאָל געשענקט און אַפילו דעם זייגער נישט צוגענומען. אַלע שטעטלשע, וואָס זענען געשטאַנען אין די פענצטער און געציטערט פאַר מיין לעבן, האָבן געזען אין מיין ניצול־ווערן אַ גרויס נס. די מענער האָט מען נאָך דעמלט נישט אַוועקגעשיקט. מען האָט זיי אויסגעקויפט פאַרן פאַרלאַנגטן פּרייז. אָבער אַזעלכע ניסים האָבן זעלטן פּאַסירט...

אויפן צווייטן טאָג האָט מען געשאָסן איטשע שקלאַר אַ זון פון חוקע און מלך. יענעם טאָג האָט מען געמאַכט אַ גרויס פייער אויפן מיטן גאַס. די ייִנגלעך האָבן געדאַרפט ברענגען אַלע ספרים פון בית־המדרש און וואַרפן אין פייער. איטשע שקלאַר האָט בשום אופן נישט געקענט טאָן אַזאַ אַרבעט און ער איז אַנטלאָפן. די דייטשן האָבן באַפוילן צוריקצוברענגען דאָס ייִנגל. זענען זיינע טאַטע־מאַמע, מלך און חוקע געקומען אויף זיין אָרט. די דייטשן האָבן אָבער געפאָדערט נאָר זייער זון. איטשע האָט געוויינט און מורא געהאַט צוקומען. דאַן האָבן די דייטשן געוואָרנט אויב איטשע קומט נישט צו דער באַשטימטער שעה וועלן זיי אויסשיסן די גאַנצע יוגנט פון שטעטל. טאַטע־מאַמע האָבן געבראַכט

איטשען פאַר די הענט און זיך געבעטן, אַז זיי זאָלן זיך רעכענען מיט זייער זון, ער איז דאָך נאָך אַ קינד אין איבערגעשראָקן, מען זאָל אים נישט באַשטראָפן. די עלטערן האָבן געוואָלט אים אויסקויפן פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. עס האָט נישט געהאָלפן. דאָס אָרעמע ייִנגל האָט אַליין געמוזט גראָבן אַ גרוב, און אין מיטן שטאָט, נעבן ברונעם, האָבן די רוצחים געשאָסן און באַגראָבן איטשען אין געגנוואַרט פון זיינע אומגליקלעכע עלטערן.

האָט עס דאָך דאַן געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק אויף אַלעמען, אָבער דאָס איז דאָך איין פאַל פון מיליאָנען. ברודער טייערער, ביכער וואָלט מען געקענט באַשרייבן, אָבער פאַרשטיי אַז איך קען נישט שרייבן.

דיין שוועסטער, עלקע

טעג פון גרויל און שוידער

איך בין פון די איינציקע געראַטעוועטע פון סוכאָ־וואָליע. עס ציטערן מיר די הענט, ווען איך נעם די פעדער אין האַנט און דאָס פּאַפּיר ווערט נאַס פון טרערן.

חרוב געוואָרן דאָס שטעטל, אַלע אומגעקומען, וואָס זאָל איך אָנהויבן צו דערציילן.

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין סוכאָוואָליע, האָבן צוויי געסטאַפּאָ צוגענומען פון דער מאַמעס הענט מיין שוועסטער פּעשקען און זיי האָבן איר אַריינגעפירט אין שלמה פלאָטניקס שטוב. דאָרטן האָבן זיי איר נאַקעט אויסגעטאָן און אונטערזוכט צי זי האָט נישט ביי זיך קיין גאָלד.

שווער צו באַשרייבן דעם ווייטאָק פון מיינע ליבע עלטערן, מאיר און חינקע. מיין מאַמע איז אַרומגעלאָפן ווי משוגע אַרום פלאָטניקס שטוב און זיך נישט באַרואיקט ביז מען האָט פּעשקען אַרויסגעלאָזן.

מען האָט דורכגעלעבט שרעקלעכע טעג און נעכט. מיין טאַטע האָט שווער געאַרבעט און מען האָט ווי עס איז „געזשיפּיעט", ביז מען האָט אונדז איין שבת צוגענומען און אונדז געוואָלט דערטרינקען. די מאַמע איז אַוועקגעלאָפן צו דעם בירגערמייסטער מיקעלסקי און האָט אונדז אויסגעקויפט מיט געלט און גאָלד.

מיר האָבן באַשלאָסן דעם טאַטן ראַטעווען און האָבן אים פאַרבאַהאַלטן אין שטאַל נעבן דער קו. מיר האָבן אים פאַרדעקט מיט שטרוי און אויף אים אַרויפגעלייגט אַ קליין קעלבעלע.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. די געסטאַפּאָוצעס האָבן מיין פאָטער געפונען און דעם זונטיק, ווען מען האָט פאַרנומען אַלע מענער און זיי איינגעשפּאַרט אין בית־המדרש, האָבן זיי צוגענומען אויך מיין ליבן פאָטער. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס שרעק־לעכע בילד, ווי מען האָט אַרויסגעשלעפּט דעם טאַטן פון אונטער דעם שטרוי, ווי די רוצחים האָבן אים צעשלאָגן. זיין פּנים איז געווען בלייך און עס האָט געריסן ביים האַרץ ווען ער האָט אויסגעשריגן: „זייט געזונט, מיין ליבע פרוי און קינדער..." 2 טעג זענען זיי געזעסן אין בית־המדרש פאַרמאַכטע אָן עסן און אָן טרינקען. מיין ברודער, מרדכי יוסף האָט געוואָלט עפּעס אַריינטראָגן דעם טאַטן, האָבן אים די רוצחים געכאַפּט און גוט צעשלאָגן.

עס זענען געלאָפן שווערע וואָכן און חדשים ביז מען האָט אונדז קינדער: פּעשקען, העלקען, מרדכי יוסף און מיך צעשיידט פון אונדזערע ליבע עלטערן, עס קלינגען מיר נאָך יעצט אין די אויערן אונדזערע אייגענע געשרייען: מאַמע, טאַטע, „לאָזט אונדז נישט אַליין"...

די פאָר ווערטער זענען ווי אַ טראָפּן אין וואַסער, אָבער שווער פאַרצווזעצן...

זיי זענען קיינער געבליבן, אָבער זייערע גע־שטאַלטן שטייען מיר שטענדיק פאַר מיינע אויגן.

געבענטשט זאָל זיין זייער אָנדענק!

דאָפּקע ציבולי (קאָרטאָווסקי)

נאָך דער באַפרייונג



סענדער פריבולסקי

סענדער פריבולסקי — געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1952

אין 1919 האָט סענדער מיט אַ גרופּע סוכאָוואָליער יונגע בחורים פאַרלאָזט דאָס שטעטל. זיי האָבן געוואַנדערט איבער דייטשלאַנד, בעלגיע, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן אין דער ווייטער אַמעריקע.

ער האָט זיך נישט לייכט אַמעריקאַניזירט, אין דער ענגליש־רעדנדיקער אַטמאָספערע האָט אים געצויגן צום יידישן וואָרט און קולטור.

זיין לעבן אין אַמעריקע איז געווען אַ שווערס, עס האָט זיך אים תמיד געבענקט נאָך דעם שטעטל און ספּעציעל נאָך דער מאַמע, יהודית. ער האָט געחלומט צו פאָרן זי זען, אָבער נישט זוכה געווען...

יאָרן איז זיין האַרץ געווען אָנגעגריפן, ביז עס האָט אויפגעהערט אויף אייביק צו קלאַפּן... ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט אַ טאָכטער. איינער פון זיינע בריוו:

ניו־יאָרק, אוגוסט 15־טן, 1945

טייערע שוועסטערלעך, וועלקע און חנהלה!

אַז איך שרייב צו אייך איצט האָמערט און קלאַפּט דער ראַדיאָ מיט דער נייעס: ס׳האָט שוין גענומען אַ סוף צו דער בלוטיקער מלחמה.

עס יובלט אַמעריקע, עס יובלט די וועלט. עס איז געקומען דער סוף פון פאַרשאָלטענעם פאַשיזם, אויס מיט דער בלוטיקסטער פון אַלע מלחמות פון דער מענטשהייט, די מלחמה איז געענדיקט.

מיליאָנען הערצער קלאַפּן מיט פרייד, באַלד וועט זיך אָנהייבן אַ פרידלעך לעבן פאַר אַלע, אָבער נישט פאַר אונדז.

עס קומען אָן געדאַנקען און געפילן, וואָס מישן אויס די פרייד מיט דעם טרויער אויפן גורל פון אונדזערע ברידער. אַ גרויל גייט דורך איבערן לייב ביים געדאַנק, וואָס איז געוואָרן פון אונדזער טייערער מאַמען, פון אונדזער טרייער מאָבען; דאָ און דאָרט קומען אָן גרוסן פון געראַטעוועטע, און וואָס אַ טאָג פאַרליר איך אַלץ מער די האָפנונג, אַז אונדזערע זענען געבליבן... ווי שטאַרק איך וואָלט אייך געוואָלט זען, טייערע, און טיילן אונדזערע געפילן צוזאַמען... זענען זיי באמת מער נישטאָ?...

אייער סענדער

3 בריוו פון שלמה פריבולסקי (שיקאַגאָ)

מאָנטיק, דעם 22־טן יאנואר 1945 אין בעלגיע

מיינע טייערע שוועסטערס,

פון וואָס זאָל איך אָנהייבן? פון וואָס? נאָר וואָס מאַכט עס אויס, מיר האָבן איצט אַ געלעגנהייט זיך דורכצושרייבן.

איך בין אַ סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, איך בין אַ סערזשאַנט. איך האָב וואָלונטירט מיט העכער צוויי יאָר צוריק, מיט מיין פרויס הסכמה און מיט אַ ברכה אויף אירע ליפּן, בין איך אַוועק שלאָגן דעם שונא. מיר איז שווער געווען צו פאַרלאָזן מיין היים. נאָך שווערער איז אָבער געווען איינצושטילן דאָס געפיל פון נקמה צו דעם פאַרשאָלטענעם שונא, צו דעם מערדער פון אונדזער פאָלק, צו דעם שענדער פון דער מענטשהייט.

איך געפין זיך איצט אין בעלגיע. אויף דער נאַכט פון קריסטמאָס האָט זיך אונדזער דיוויזיע אַריינגעוואָרפן אין שלאַכט. איצט ווערט דער שונא געשלאָגן פון ריזיקע אַרמייען אין מערב און אין מזרח. באַלד וועט די בעסטיע צעקוועטשט ווערן צווישן צוויי קלאַמערן.

די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קען עס זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. דער מענטשלעכער מח קען גאָרנישט פאַרנעמען און באַגרייפן די בעסטיאַלימעטן, די מערדערישע מעשים פון די בלוטיקע נאַציס, ווי אַזוי האָט אַ גאַנץ פאָלק געקענט זינקען צו אַזעלעכע נידעריקע שטופן?

באַלד וועט שוין בערלין זיין אין פלאַמען. זאָל בערלין ברענען, זאָלן זיי אַלע ברענען און פאַרטיליקט ווערן! די רויבער און משחיתים! זאָלן זיי ברענען ווי עס ברענט דער צאָרן אין האַרצן פון אונדזער פאָלק, ווי עס האָט געברענט דאָס געפיל פון נקמה אין די הערצער פון פאַרפייניקטע מיליאָנען.

ברענט אין האַרצן די נקמה, ביילט זיך אַ פויסט אין צאָרן, פאַר די אַמעריקאַנער זעלנער, פאַר די מיליאָנען ברידער מיינע, די פאַרפייניקטע אין די לענדער, ווו דער דייטש האָט דעם סטעמפל פון זיין שטיוול איבערגעלאָזן...

***

דעם 14 אויגוסט, 1945

מיינע טייערינקע!

סיי ביים לייענען אייער בריוו און סיי ביים שרייבן פאַרקלעמט מיר דאָס האַרץ, טרערן שטיקן מיך. די גאַנצע 3 יאָר האָבן מיך פאַרהאַרטעוועט, ווי אַ שטיין געמאַכט מיין האַרץ. נישט אומזיסט האָב איך דעם טויט אין פנים געקוקט, נישט אומזיסט האָב איך געזען ווי מיינע ברידער־סאָלדאַטן פאַלן אַרום מיר. קומט אָן שווער אַ שמייכל צו טאָן. שעמט מען זיך צולאַכן אויפן קול, ווען מען טראַכט וועגן די בלוטיקע טעג אין אייראָפּע. אייערע בריוו, שוועסטערלעך, האָבן מיין האַרץ פאַרקלעמט. ס'איז מיר גרינגער געוואָרן, ווען איך האָב זיך גוט אויסגעוויינט. וויי, ווי לאַנג ס'איז שוין זינט כ'האָב געוויינט.

עס קומט אויף פאַר מיינע אויגן מיין היים, די מאַמע, די שטרענגע, טייערע באָבע, דער גוטער, האַרציקער זיידע. סוכאָוואָליע! ווי לעגענדאַריש דער נאָמען קלינגט. האָט איר באַמערקט אין די רשימות פון די געראַטעוועטע אַ נאָמען פון כוכאָוואָליע? אפשר האָט זיך אַן אייגענער פאָרט געראַטעוועט?

ווער ווייס, צו כ'וועל שוין אַמאָל עמיצן זען. נאָר האָפן מוז מען, ווען נישט וואָלט מען דאָך גאָר לעבן נישט געקענט...

איך נעם אייך ביידע אַרום מיט ליבשאַפט

***

2.9.45

טייערע שוועסטערלעך!

היינט איז „וויקטאָריע"־טאָג (נצחון טאָג). די מלחמה איז אָפיציעל געענדיקט. דער נצחון איז נישט נאָר פון שטאַרקערע קרעפטן קעגן שוואַכערע. עס איז אַ נצחון פון פרייהייט איבער טיראַניע. עס האָט געזיגט דער צד, וועלכער, אַלס אַ גאַנצער, שטעלט מיט זיך פאָר פאַרברידערונג פון פעלקער, האָפנונג און גליק. איז עס אַ טאָג פון פרייד און אַן אומאויסשעפּלעך גליק פאַר די מיליאָנען אין דער וועלט, פאַר די עלטערן, וועמעס זין עס קערן זיך אום צוריק, פאַר די מענער, וועלכע זענען געשטאַנען אויף די שלאַכט־פעלדער און געקוקט דעם טויט אין די אויגן.

פאַר מיר און פאַר די איבערגעבליבענע פון מיין פאָלק איז אָט די פרייד געמישט מיט אומענדלעך גרויסן צער, מיט ווייטאָק, וויי, וואָס פאַר אַ קרבן מיר האָבן געבראַכט! אונדזערע זענען נישט געקומען צוריק, זיי וועלן זיך קיינמאָל, קיינמאָל נישט אומקערן...

אייער שלמהקה



שלמה'קה פריבולסקי (שיקאַגאָ) שטייט אין אברהם גולוב אין ישראל דער ערשטער פון רעכטס מיט זייערע חברים אין שטעטל (אַלע אומגעקומען) דער צווייטער פון רעכטס: חצקל סטוצינסקי, ישראל גראָדזינסקי, לייזער מאַרינבערג, שמואל צאַבאַן, איצי באַברי און לייבל פראַנצקאָווסקי

אונדזערע לאנדסמאנשאפטן

דאָקומענטן

1. באַריכט פון סוכאָוואָליער ועד־הקהלה צום סוכאָוואָליער רעליעף קאָמיטעט אין אַמעריקע.

מיטוואָך דעם 1920.2.11, זענען אָנגעקומען קיין סוכאָוואָליע קאַפּיטאַן וואורסאַנגער, דר. מוסקאַט און מר. א. זינמאַן, דעלעגירטע פון „דזשוינט דיסטריביושאַן קאָמיטעט", און האָבן געמאָלדן, אַז זיי האָבן אין סוכאָוואָליע צו דערליידיקן אַלע געלטער, וואָס זענען געשיקט געוואָרן דורכן הער ווייַנשטיין, קאַסיר פון „רעליעף קאָמיטעט", הן פאַר פּריוואַטע פאַמיליעס, הן פאַר דער יידישער קהילה. דער ניי־געוויילטער ועד הקהילה האָט געהאַט מיט די דעלעגאַטן 2 געמיינזאַמע זיצונגען, אין דעם זעלבן טאָג, און צומאָרגנס דאָנערשטיק 3.11. אויף די זיצונגען איז גאַנץ ערנסט באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, אויף וועלכע צוועקן צו פאַרווענדן דאָס געלט, וואָס איז געשיקט געוואָרן פאַר אונדזער קהילה. עס זענען אויך אָנגענומען געוואָרן מיטלען, עס זאָל צעטיילט ווערן אין אָרדענונג דאָס געלט פאַר פּריוואַטע פאַמיליעס. אַ באַריכט ווי אַזוי עס איז פאַרטיילט געוואָרן דאָס געלט פאַר דער קהילה איז איבעריק, ווייל איר וועט קריגן דורך די דעלעגאַטן 2 פּראָטאָקאָלן פוןביידע זיצונגען, וועט איר פון זיי געניי זיך אָריענטירן וועגן דער געלט־פאַרטיילונג. דער לעצטער פונקט פון דער דאָנערשטיקער זיצונג איז וועגן שיקן אַ דאַנק אונדזערע ברידער אין ניו־יאָרק פאַר זייער וואַרעמען אָפּרופן זיך צו זייער געבורטס־שטאָדט סוכאָוואָליע, וועלכער איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. מיר פאַרשטייען, אַז דער דאַנק — דאָס איז בלויז פאָרמאַליטעט, ער איז אָבער נישט אומשטאַנד אויסצודריקן די אמתע אינערליכע געפילן. מיר האָבנדיק אַזעלכע ברידער, וואָס פאַר זיי איז קיין גרעניצן נישטאָ, קיין ימים, קיין טויזנטער מיילן דערווייטערן זיי נישט פון אונז, זענען זיכער, אַז דאָס יידישע פאָלק איז נאָך איין גאַנצער קערפּער, וואָס אַז עס טוט ווי איין גליד פילט דער גאַנצער קערפּער.

זייענדיק אַזעלכער, האָבן מיר דאָס רעכט צו האָפן, אַז אַלע אונדזערע שטרעבונגען אויף צו ווערן אַ פאָלק גלייך מיט אַלע, לעבן אַ נאָרמאַל לעבן, וועט אין נאָענטסטן עתיד פאַרווירקלעכט ווערן. צוטרעטנדיק צו דער אַרבייט, נעמען מיר אייך פאַר אַ ביישפּיל. איר האָט אָנגעווענדעט מי אויף צו שאַפן גרויסע סומעס געלט פאַר אונדזערע אומגליקלעכע ברידער, נעמען מיר ווייניקסטנס אויף זיך די אַרבעט פון אַ יושרדיקן פאַרטיילן, נישט נעמענדיק אין אַכט, וואָס מיר וועלן קיין דאַנק פאַר אונדזער אַרבעט נישט קריגן און אפשר נאָך האָבן אויף זיך אומערלעכע קריטיק, וואָרום קריטיקירן איז גרינגער ווי שאַפן. מיר ווייסן אָבער, אַז מיר האָבן יוצא געווען אונדזער חוב פאַר דער געזעלשאַפט. מיר האָבן נישט אויפן געוויסן, אַז מיר לעבן נאָר פאַר זיך.

גלייכצייטיק מעלדן מיר אייך, אַז מיר האָבן היינט דערהאַלטן אייער בריף פון 25־טן יוני, צוזאַמען מיט אַ בריף פון ווייַנשטיינען. אויף דעם בריף וועלן מיר אייך אין גיכן געבן אַ ענטפער מיט אַ דין־וחשבון וועגן די ביז־איצטיקע געלטער, וואָס זענען דערהאַלטן געוואָרן פון אייך.

איר וועט אויך ערהאַלטן פון די דעלעגאַטן אַ איבערבליק איבער דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער לאַגע פון סוכאָוואָליע אין פערלויף פון די מלחמה־יאָרן. ביאָגראַפיעס פון 10 סוכאָוואָליער יתומים. עס איז אונדז זייער ווינשענד צו וויסן אייער מיינונג בנוגע אונדזער אַרבעט און מיר פאַרלאַנגען א באַלדיקן ענטפער.

מיט דרך ארץ

פאָרזיצענדער : מאיר בורי

סעקרעטאַר :איסר סמאָליאַר

2. אויפרוף פון סוכאָוואָליער רעליף אין ניו־יאָרק

סוכאָוואָליע רעליעף קאָמיטעט

יחזקאל אסטראָוו, פאָרזיצענדער, 15 איסט 26־טע סט. נ. י. דזשייקאָב קאָהן, סעק. 95 מעזעראָל סט. ברוקלין. איסר שווארץ, טרעזשורער. פילאַדעלפיא : אלטער קאָהן, פאָרזיצענדער חיים ראַבינאָוויץ, סעקרעטאַר. בעזשי נאַוואַר, טרעזשורער. מאָרים ראָזענבלום, פאָרזיצענדער. גדליה קרוצעל, סעקרעטאַר. יעקב ווייסבערג, טרעזשורער. עדוואַרד שיינבערג, רעק. סעק.

ווערטהע לאַנדסלייט !

לעזענדיק די פּראָטאָקאָלן ווי אויך דעם ראַפּאָרט, אויף וועלכע צוועקן אונזערע געלטער זענען צעטיילט געוואָרן אין סוכאָוואָליע, און וויסנדיק ווי ווייט דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון סוכאָוואָליער לעבן איז רואינירט, דאָס עס וועט פיליכט נעמען יאָרן ביז וואַנען די סוכאָוואָליער קהילה וועט קענען אויסקומען אָן אונזער הילף, האָט דער רעליעף קאָמיטעט באַשלאָסן, דאָס יעדער סוכאָוואָליער, וועלכער וויל אויך ווייטער זיין האַנט צו די אומגליקלעכע פון זיין געבורטסשטאָדט אויסשטרעקן אין אויסרופן כי למחיה שלחני אלהים לפניכם, איז פאַרפליכטעט צו יערלעכע בייטראַגע, וויפל זיינע אומשטענדן דערלויבן אים. די יערלעכע בייטראַגע ווערנדיק אַ מיטגליד פון סוכאָוואָליער רעליעף קאָמיטע איז $ 3.00 און העכער.

מיר האָפן און דערוואַרטן, אַז אונזער אַפּעל וועט נישט זיין קיין קול קורא במדבר.

אויך בעטן מיר דורכלייענען נאָכאַמאָל די ביאָגראַפיע פון די 10 קיילעכדיקע יתומים און נאָכדענקען פיליכט איז מעגלעך פאַר אייניקע פון אייך צו אַדאָפּטירן אַ יתום.

מיטאַכטונג,

דזשייקאָב קאָהן סעקרעטאַר

אַ בריוו קיין אַמעריקע

אַ בריוו פון לעצטן סוכאָוואָליער רב, הרב ר׳ שלמה־צבי קאַליר ז״ל, געשריבן אין 1938, צו דעם סוכאָוואָליער פרויען־פאַראיין אין אַמעריקע.

צו לייִדיס עקזילערי סוכאָוואָליער פרויען־פאַראיין אין ניו־יאָרק

אין קורצע ווערטער וויל איך אייך אָנווייזן אויף די נויט־ווענדיקע זאַכן, אין וועלכע די היגע יידישע אָרעמע אינטע־רעסען נויטיקן זיך. איר אַלס נאָבעלע פרויען, וועלכע איר ווילט אייער שטיצע ברענגען דערצו: 1) פסח־שטיצע פאַר אָרעמע נישט ווינציקער ווי 100 $ דורך דעם וועט איר דערמעגלעכן פסח מאַכן צענדליקער פאַמיליעס.

2) דערמעגלעכן די אָרעמע קינדער פון דער היגער שול צובאַקומען לערן־ביכער, וועלכע זיי זענען אַליין נישט אים־שטאַנד צו קויפן. איבערהויפּט — רעליגיעזע ביכער, ווי צב״ש חומשים, תנ״כים, גמרות, סידורים און אַז״וו. דאָס דאַרף קאָסטן אַ יאָר בערך 40 $.

3) דער היגער לינת־הצדק, וואָס זיין צוועק איז געבן הילף קראַנקע און אָנטקעגן קומען זיי מיט נויטיקע כלים, וועלכע עס איז אוממעגלעך צו באַקומען אין שטעטל אפילו



אַקטיווע חברים פֿון סוכאָוואָליער פרויען־פאַראיין אין ניו־יאָרק פון רעכטס צו לינקס — ערשטער שורה: סיידי טרימאַן, פרידאַ ווינשטיין־מילער (פאָרזיצענדערין) איידע גולד, מענדל מאַריינעס פרוי; אין דער צווייטער שורה: דער צווייטער פון רעכטס: סידני קרעמער (דריאַנסקי), שערלי קרעמער און ערה ליבמאַן.

פּאַר געלט. ליידער זענען שוין קיין כלים כמעט נישטאָ. אין דאָס איז זייער נויטווענדיק. דאַרף מען האָבן דערצו ביז 50 $.

יעצט אין אַלגעמיין וועגן דער שול: דער האָנאָראָר פון די לערער ווערט געצאָלט פאַר 11 מאָנאַטן. אָרעמע קינדער זענען באַפרייט פון צאָלן. זענען פאַראַן אַזעלכע 50 קינדער. נישט קיין פאַרמעגלעכע קינדער צאָלן שכר למוד פון 1 זלאָטע ביז 2 זלאָטעס אַ מאָנאַט. פאַר 2 אָדער 3 קינדער צאָלן זיי מער נישט ווי 3, אָדער 4 זלאָטעס. ווייל מען רעכנט זיך נישט מיט דער צאָל קינדער, נאָר מיטן פאַרדינסט, און אַזעלכע איז דער גרעסטער טייל קינדער אין שול. פאַרמעגלעכע איז זייער אַ מינימאַלער פּראָצענט אין שול. און דעריבער איז אַזוי גרויס דער דעפיציט פון שול. קיין באַשפייזונג פאַר די קינדער אין שול דאַרפן זיי נישט, דען ביי די שווערסטע היגע באַדינגונגען לאָזן נישט די עלטערן, אַז זייערע קינדער זאָלן חס־וחלילה הונגערן. און ווידער וואָלט דאָס געשטערט פיל צום לערנען. אַזוי אַרום, אַז דאָס דאַרף מען נישט. אין אַלגעמיין די פינאַנסיעלע זייט פון דער שול זעט זיך פאָר פאָלגענדיקע: פון יענעם יאָר איז מען שולדיק געבליבן ביז 1.200 זל. דאָס איז בערך 235 $. און אויף דעם יאָר זעט זיך אויך פאָר נאָך עפּעס מערער דעפיציט, דען די רעגירונג פאַרלאַנגט נאָך פיל רעמאָנטן צום מאַכן. צום ביישפּיל, עס איז אַ פאַראָרדענונג, אַז מען זאָל אויספאַרבן די סופיטן פון שול, און נאָך אַזעלכע אויסגאַבן. וועגן די למודים אויסער די וועלטלעכע למודים, וואָס ווערן געלערנט, ווערן אויך אין אַ גרויסער מאָס געלערנט רעליגיעזע למודים ווי חומש, נ״ך, גמרא, דינים אויך מעביר־סדרה זיין, רש״י א.אַ.וו. אויך ווערט אַלע טאָג געדאַוונט מיט די ייִנגלעך מיט אַ מנין, אַ בעל־תפילה איז אויך פון די קינדער. מיט איין וואָרט עס איז אַ צירונג אַזאַ אַנשטאַלט ווי ער איז איינגעאָרדנט

וועגן דער היגער גמילות־חסדים־קאַסע, געגרינדעט דורך הרב דפה שוין געננוי 2 יאָר, דאָ קריגן אַלע, וואָס נויטיקן זיך, הלוואות אָן פּראָצענט. ביז יעצט פון 1.1.38 ביז 1.10.38 האָבן באַקומען 164 פּערזאָן הלוואות פון 150 זל. דאָס איז 30 $ און ווינציגער. אַדאַנק דעם קענען זיך אַלע לווים פירן ווייטער זייער עקזיסטענץ. דאָס איז דער איינציקער לעבנס־נערוו היינט צו טאָג אין שטעטל. קאַפּיטאַל באַזיצן מיר ביז 7.000 זל. דאָס איז בערך 1.400 $. יאָ, עס פילט זיך אַ מאַנגל אין קאַפּיטאַל, אַז מיר זאָלן קענען אַלעמען אַנטקעגן קומען, און מיר האָבן אַ סך אַזעלכע. אַלזאָ, האָב איך אייך געגעבן אַ קורצן איבערזיכט פון אונדזער געזעלשאַפט.

מיט אַכטונג
שלמה צבי קאַליר
אבד״ק סוכאָוואָליע

סוכאָוואָליער לאַנדסלייט אין מעקסיקע

סוכאָוואָליע איז שטענדיק געווען אַ שטעטל פון אויסוואַנדערונג. מעגלעך, אַז צוליב די שלעכטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען איז די יוגנט געקומען צו אָט דעם געדאַנק אין אַ געוויסן עלטער און גענומען קלערן וועגן תכלית, און דער ענטפער איז געווען עמיגראַציע. ווייל ביז צו דעם עלטער האָט זיך גוט געלעבט אין סוכאָוואָליע, ס׳איז געווען אַן אינטעליגענטע יוגנט, און מען האָט גוט פאַרבראַכט. פריער איז געווען די גאַנצע עמיגראַציע נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן. און אין די יאָרן פון 1920 ווען אַמעריקע האָט גענומען מאַכן שוועריקייטן האָט מען געזוכט צו קומען אין די שכנותדיקע לענדער. כדי אפשר שפּעטער זיך קענען אַריינקריגן אין אַמעריקע. און אַזוי אַרום, מיין איך, האָט די ערשטע עמיגראַציע פון סוכאָוואָליער יידן אין מעקסיקע אָנגעהויבן זיך אין 1922 און ביז מיט אַ צען יאָר שפּעטער האָבן מיר דאָ געהאַט אַפּאָר צענדליקער סוכאָוואָליער. איינצלנע האָבן חתונה געהאַט דאָ, אַנדערע האָבן געבראַכט זייערע כלות פון סוכאָוואָליע. געוויינלעך, אין די יאָרן האָט מען זייער, שווער געאַרבעט.

מעקסיקע איז קיינמאָל נישט געווען קיין אינדוסטריעל לאַנד, עס איז געווען שווער צו קריגן לוין־אַרבעט און מען האָט זיך געמוזט נעמען צום האַנדל. די ערשטע פאַזע איז געווען „פּעדלען״, ביסלעכווייז, מיט אַ סך מי און שווערע אַרבעט האָט מען זיך אַרויפגעאַרבעט. די ערשטע צייט זענען מערסטנס פון אונדזערע סוכאָוואָליער לאַנדס־לייט געווען צעשפּרייט איבער דער פּראָווינץ, אין די קלענערע שטעטלעך, ווי עס איז געווען גרינגער אָנצופאַנגען, ווייל אייגנטלעך האָט דאָך יעדער פון אונדז אָנגעהויבן פּשוט מיט די צען פינגער. שפּעטער אַז מען איז שוין געווען פאַרהייראַט און עס זענען געקומען קינדערלעך, האָט מען זיך געגר־

מען אַריינפאָרן אין דער הויפּט־שטאָט, ווו איצט לעבט כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, און צווישן זיי אונדזערע סוכאָוואָליער לאַנדס־לייט. די ערשטע צייט האָט מען אין דער הויפּט־שטאָט אויך נישט געלעבט אַזוי יום־טובדיק, ווייל יעדע איבערוואַנדערונג איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, אָבער ביסלעכווייז האָט מען די שוועריקייטן באַזיגט. און היינט צו טאָג לעבן אין דער הויפּט־שטאָט מעקסיקע אַ דרייסיק סוכאָוואָליער פאַמיליעס, צווישן וועלכע עס געפינען זיך שוין חתונה־געהאַטע קינדער געבוירן אין מעקסיקע. עס זענען אויך פאַראַן סוכאָוואָליער קינדער אינזשיניערן, כעמיקער און דאָקטוירים. דער יידישער ישוב אין מעקסיקע איז אַ קליינער, אין די סוכאָוואָליער לאַנדס־לייט לאָזן זיך באַמערקן, אויף אַלע געביטן: אין דער אינדוסטריע, אין האַנדל ווי אויך אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט: אין דער ציוניסטישער טעטיקייט, אין די ישראל־קאַמפּיינען, אין די דערציִונגס אַנשטאַלטן, אין ספּאָרט צענטער, אין „ויצאָ" און אין „פּרויען־פּיאָנערן", און אַנדערע. עס איז באמת נישטאָ וואָס צו שעמען זיך מיט אונדזערע סוכאָוואָליער לאַנדס־לייט. עס גייט אַרום אַ ווערטל צווישן אונדז „אַז מיר ווילן איינעם אָנטאָן אַ כבוד, וועלן מיר אים פאַרשרייבן צווישן די סוכאָוואָליער לאַנדס־לייט".

יחזקאל ליווערענט



אונדזערע לאַנדסלייט אין מעקסיקע

א בריוו צו סוכאוואליער לאנדסלייט

דאָס שטעטל איז מיר איינגעקריצט אין זכרון, כאָטש עס זענען שוין צענדליקער יאָרן פאַרביי ווי איך האָב עס פאַרלאָזט און פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער ווייטער מעקסיקע. היינט צו טאָג זענען מיר דאָ אַ 30 משפחות, האָבן שוין דערוואַקסענע קינדער, מיר האָבן זיך דאָ שוין איינגעבירגערט. אָבער פאַר דער גאַנצער צייט קענען מיר נישט פאַרגעסן אונדזער אַלטע היים, דאָס ליבע שטעטל מיט אונדזערע קרובים, מיט די טייערע יידן, וואָס זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען.

אין די יאָרן פון חורבן האָט אונדזער האַרץ געציטערט איבערן גורל פון אונדזערע ברידער, און אַז דאָס ערגסטע איז געשען, קענען מיר עד היום זיך נישט טרייסטן. מיר האָבן דאָ פאַרעפנטלעכט די טראַגישע זכרונות וועגן חורבן פון סוכאָוואָליע פון אונדזער לאַנדסמאַן שמחה לאַזאַר. מיר זענען צופרידן, וואָס איר, אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל, גייט פאַראייביקן דעם נאָמען פון אונדזער שטעטל און פון אונדזערע קדושים, מיטן שאַפן דעם „יזכור"־בוך.

אַז איך טראַכט וועגן גורל פון אונדזערע שטעטלשע יידן, ווערט מיין האַרץ אין מיר צעריסן.

וואָס פאַר אַ פריילעכע שיינע יוגנט מיר זענען געווען מען פלעגט אונדז רופן „דער שטאַב".

און אונדזערע עלטערן, אַזעלכע טייערע, ערלעכע מענטשן. געדענקט ווער מיינע עלטערן? מיין פאָטער, שלמה דער שוסטער, און מיין מוטער ריווע־מרים. מיר איז שווער צו דערציילן וואָס פאַראַ פיינע מענטשן זיי זענען געווען. שטענדיק געלעבט צופרידן, זיך באַגנוגנט מיט וואָס זיי האָבן געהאַט, קיינעם נישט אָנגערירט. מיין מוטער ע"ה, איז געווען זייער פרום, געדאַוונט 3 מאָל אַ טאָג, פלעגט אַליין נישט עסן ביז זי פלעגט געבן אַן אָרעמאַן אַ מאָלצייט.

איז עמיצער געוואָרן שטאַרק קראַנק, פלעגט מיין מוטער גיין אויפ'ן בית־עולם און רייסן קברים, ד.ה. בעטן ביי די טויטע פאַר די לעבדיקע, זיי זאָלן דערלאַנגען אַ „זכות", ווי מען פלעגט עס ביי אונדז זאָגן. מען פלעגט זאָגן, אַז מיין מאַמע ריווע רעדט צו גאָט אַליין. ווען מיין מאַמע איז געשטאָרבן, האָט מען איר מספיד געווען. זי איז געווען אַ צדיקת. ווו זעט מען היינט אַזעלכע מענטשן?

עלי פאַפלאַווסקי, מעקסיקע



עלי פאָפלאַווסקי אין קרייז פון זיינע חברים פאַר זיין אָפּפאָר אין מעקסיקאָ, די גרעסטע טייל פון זיי זענען אומגעקומען


סוכאָוואָליער לאַנדסלייט אין ישראל

אונדזער שטעטל איז תמיד געווען געשטיצט דורך אונדזער אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכע האָט געהאָלפן סיי פּריוואַטע משפחות, סיי אויסגעהאַלטן די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

נאָכן חורבן פון שטעטל און אומקום פון די יידן, האָבן זיי געזוכט פּלענער, וואָס זיי קענען נאָך טאָן פאַר די סוכאָוואָליער „שארית־הפליטה" און פאַר זייערע לאַנדסלייט אין ישראל.

אין יאָר 1949, באַזוכנדיק מיין משפּחה אין אַמע־ריקע, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט אונדזערע לאַנדסלייט דאָרט. זיי האָבן דאַן פאַר־מאָגט אַ געוויסע סומע געלד, וועלכע זיי האָבן געוואָלט פאַרטיילן צווישן נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט אין ישראל. בעת אַ זיצונג מיטן קאָמיטעט און בעת אַ פאַרזאַמלונג אין שיקאַגאָ, האָב איך זיי אַרויסגעזאָגט מיין שטאַנדפּונקט: איך האַלט נישט פאַר פּראָדוקטיוו צו קלייבן געלט אין אַמעריקע פאַר פילאַנטראָפּיע אין ישראל. אייניקע דאָלאַר שטיצע קענען נישט אויפבויען קיין פאַמיליע, אַזאַ הילף איז פאַרשטענדלעך פּריוואַט, אָבער נישט פון קיין אָרגאַניזירטער לאַנדסמאַנשאַפט. דאָס בעסטע, וואָס זיי קענען טאָן, איז אויפשטעלן אין ישראל אַ דענקמאָל נאָך סוכאָוואָליע, פאַר וועלכער זיי האָבן יאָר איין, יאָר אויס געזאָרגט מיט איבערגעבנקייט, און פאַר וועלכער'ס אומקום זיי וויטאָקן אַזוי טיף. נאָך פיל דעבאַטן איז באַשטימט געוואָרן, אַז קומענדיק צוריק אין ישראל, וועל איך רופן אַ צוזאַמענפאָר פון אונדזערע לאַנדסלייט, און ווי מיר וועלן באַשטימען, וועלן אונדזערע אַמעריקאַנער לאַנדסלייט העלפן מיט ראַט און טאַט.

אַלס ערשטן באַראַטונגס־פּונקט האָבן מיר אויס־



אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל (יוצאי סוחובולה בארץ)



(הועד של ארגון יוצאי סוחובולה בארץ)

די פאַרוואַלטונג פון סוכאָוואָליער קאָמיטעט אין ישראל (אויף אַ „יזכור״־אָוונט)

פון רעכטס צו לינקס: גדליהו פוריע; אייזיק סאָקאָלסקי; ריינע סטוצינסקי־יאַנקעלאָוויטש; משה וואנכאצקער; חנה פריבולסקי־שטיינבערג; חנה קרוצעל־דרויאַן; יוסף צאַבאַן; מרדכי טיקאָצקי; פעשקע ליוועראַנט־סאָקאָלסקי; רבקה וויאַדאַק־מאַץ; מרים סידראַנסקי־רובינשטיין; לייזער זאַזדרע־ישורון

געגנוצט דעם צוזאַמענפאָר פון די ביאַליסטאָקער און אומגעגנט ביי דער דערעפנונג פון „קרית־ביאַליסטאָק״ אין יהודיה, אין 1951.

מיר האָבן דאָרט אָפּגעהאַלטן אַ קורצע באַראַטונג און באַשלאָסן צו רופן אַ „כנוס״.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין תל־אביב דעם 22.5.51. צו דעם „יזכור״־אָוונט האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן סוכאָוואָליער לאַנדסלייט. עס איז געווען אַ גרויסע שמחה, געמישט מיט גרענעצלאָזן טרויער. עס האָבן זיך דערמאָנט אונדזערע אומגעקומענע עלטערן, ברידער און שוועסטער. יהודית פּופּלאַווסקי, פון די איינציקע געראַטעוועטע פון סוכאָוואָליע, האָט דערציילט וועגן חורבן פון אונדזער שטעטל.

עס איז אויך בייגעווען אַן אַמעריקאַנער לאַנדסמאַן, דוד וואָראָשילסקי. שוין אויף דער ערשטער זיצונג, אַ פּאָר שעה פאַר דעם דערמאָנטן צוזאַמענפאָר, זענען רייף געוואָרן 2 פאָרשלאַגן פאַר טעטיקייט פאַרן סוכאָוואָליער קאָמיטעט אין ישראל: אַרויסגעבן אַ „יזכור־בוך״ און שאַפן אַ ליי־קאַסע.

אויפן „כנוס״ האָט יוסף צאַבאַן רעפערירט וועגן „יזכור־בוך״ און דער פאָרשלאַג איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. דער פאָרשלאַג וועגן דער ליי־קאַסע האָט אַרויסגערופן דעבאַטן, פיל חברים זענען געווען קעגן פילאַנטראָפּיע ביי אונדז אין לאַנד. אָבער דער גמילות־חסדים איז דאָך געשאַפן געוואָרן, ווייל פיל פון אונדזערע לאַנדסלייט האָבן זיך ספּאָנטאַניש געוואָנדן וועגן הלוואות.

זינט דעם ערשטן „כנוס״ קומט פאָר יעדעס יאָר אַ „יזכור־אָוונט אין י׳ בשבט, דעם טאָג אין וועלכן עס זענען אומגעקומען די לעצטע יידן פון שטעטל.

דער צווייטער „יזכור״־אָוונט, אַ יאָר שפּעטער, איז אויך געווען אַן איינדרוקספולער. יוסף האַלפּערן, שמואל

מאירס אייניקל האָט פיל דערציילט וועגן סוכאָוואָליע. עס איז אויך בייגעווען משה וונחוצקער. שרה טיקוצקי פון דער שארית־הפליטה האָט דערציילט וועגן חורבן פון שטעטל.

